STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05967

DRAMATISHE SHRIFTN

Mark Arnshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

104

מארק ארנשטײן
(אנדזשעי מארעק)

דראמאטישע שריפטן

I

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

Copyright 1926 by Martin Marc
oooooooo Boston, Mass oooooooo

M. Arnsztajn (Andrzej Marek)
Utwory dramat. t. I. Warszawa 1927

Wydawn. „Kultur-Liga" Warszawa.

Druk. „Di Welt" Warszawa. Nowolipie 7

בועניאס
ISRAELITA
DE GAL
BUENOS AI

104

אַלע איינאַקטערס, וועלכע זענען איבערגעדרוקט אין דעם בוך, „צען איינאַקטער", אָדער באַזונדער געדרוקט אין פאַרלאַג „קולטור-ליגע", זענען פון מיר איצט אויפסניי באַארבעט און באַדייטנד געענדערט. עס איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, אַז מיין ווילן איז, דאָס קיין טעאַטער, אָדער ליבהאָבער-קרייז זאָל זיך מער ניט באַנוצן מיט די פריער געדרוקטע טעקסטן צום שפּילן.

די פאַרלעגער, וועלכע האָבן ביז איצט מיינע איינאַקטערס גע-דרוקט און פאַרקויפט מאַך איך אויפמערקזאַם, אַז פון היינט אָן זענען מיינע ווערק שוין מער נישט הפקר און איך פאָדער זיי אויף מער די זעלבע נישט צו דרוקן — און די שוין געדרוקטע עקזעמפּליאַרן — צו פאַרניכטן.

דער פאַרלאַג „קולטור-ליגע" איז פון מיר באַפולמעכטיקט צו פאַרפאָלגן יעדן, וואָס וועט זיך נישט רעכענען מיט דעם דאָזיקן פאַרבאָט.

מאַרק אַרנשטיין

וואַרשע, דעם 1-טן סעפּטעמבער 1926

UNIÓN ISRAELITA DE GALITZIA
BUENOS AIRES

דאס אייביקע ליד

א בילד פון ארבעטער-לעבן אין איין אקט

געשפּילט אויף פּויליש (איבערזעצט פון פאַרפאַסער) דאָס ערשטע
מאָל אין װאַרשעװער דראַמאַטישן רעגירונגס־טעאַטער (Teatr
Rozmaitości דעם 25 סעפּטעמבער 1901
אויף ייִדיש געשפּילט דאָס ערשטע מאָל אין ריגע (ייִדישע טרופּע
ספּיװאַקאָװסקי און אַדלער) דעם 28 אויגוסט 1915

געדרוקט אין ייִדיש צום ערשטן מאָל אין װאָכנבלאַט „דער יוד“
.1901

געדרוקט פאַר דער פּױלישער בינע אין װאַרשע — Gebetner
i Wolf

געדרוקט פאַר דער פּױלישער בינע אין קראָקע — Gebetner
i S-ka

געדרוקט ספּעציעל פאַר ייִדיש־פּױלישע בינעס, אין װאָכנבלאַט:
„Wschód“ 1901.

געדרוקט אויף רוסיש אין פּעטערבורג 1915.

געדרוקט אויף ענגליש אין ניו־יאָרק 1924.

געדרוקט אויף העברעאיש אין פאַרלאַג „הבימה“.

פערזאנען:

גרשון
א פאבריק-ארבעטער.

פעסע
זיין ווייב;

חנה
זייער טאכטער;

דוד
אויך א פאבריק-ארבעטער, וואוינט מיט זיי צוזאמען.

די זאך קומט-פאר אין א גרויסער שטאט, צווישן פערגאנגענער און קומענדער צייט.

א דאַך־שטיבל, אָדער — ווי ס'הייסט אין פּוילן — „פּאַציאַטע“. ווי קליין עס איז, דינט עס דאָך פאַר אַ קיך, שלאָפצימער, עס־שטוב, אַרבעטס־צימער א. א. וו. אַ ווינקל איז פאַרצוימט מיט ציצענע פאָרהייגנלעך דאָרט שלאָפן די קינדער. פאַר'ן פאָרהאַנג שטייט אַ הילצערן בעט, אויף וועלכן ס'ליגט פּעסע און וויגט אַ וויינענדיק קינד אין אַ צווייט ווינקל־פאַ״נט זיצט חנה און נייט אַ קלייד ביי אַ נאַפט־לעמפּל.

אין דער טיף, ביי דער טיר געפינט זיך די קיך. נישט ווייט פון דער קיך אַ טיר־רעכטס פירט אין אַ צווייטער שטוב: דאָרט וואוינט דוד, דער סיבלאַקאַטאָר.

איבער דער גאַנצער שטוב זענען פון איין וואַנט צו דער צווייטער פאַרוואָרפן שטריק, אויף וועלכע סטריקנט זיך קינדישע וועש

פּעסע

(זינגט פאַרשלאָפן)

שלאָף, מיין פייגעלע,
מאַך־צו דאָס אייגעלע,
שלאָף, מיין טייער קינד!
דער מלאך, דער גוטער
וועט זיין דיין היטער...
שלאָף שוין, שלאָף געזונט

(דאָס קינד וויינט וואָס אַמאָל העכער)

וואָס איז ווייטער פאַר אַ קלאָג אויף דיר?! וואָס האָסטו זיך צעכליפּעט, אַ שיף איז דיר אונטערגעגאַנגען, אָדער וואָס, צו אַלדע גוטע יאָר?.. האָסט געזען, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צוריסן... דו הערסט אויף צו וויינען? איך מאַך דאָ פון דיר אַ באַרג אַש!

דער מלאך, דער גוטער
ווערט זיין דיין היטער...
שלאָף שוין, שלאָף געזונט.

חנה

מאמע, דאָס קינד איז הונגעריק, דערפאר וויינט ער.

פעסע.

איז וואָס קאָן איך אים טון, נו? ער איז טאקע הונגעריק, ס'פארשטייט זיך.— בייטאָג האָט ער א ביסל מילך געטרונקען, און מער האָט ער שוין אין זיין מויל נישט געהאט. אומשטיינס געזאָגט, זיין הולטייסקער טאטע, ימח שמו, האָט זיך ערגעץ דאָרט פארהוליעט... א גיכער סוף זאָל אויף אים קומען!

דער מלאך, דער גוטער
ווערט זיין דיין היטער...

ווי שפעט איז?

חנה

ס'ווערט זיין - מיין איך — עלף א זייגער.

פעסע

שוין עלף! און אים הערט מען נישט און מען זעט אים נישט...

ד ו ד

קומט פון גאס. א געזונטער, צוואנציק-יעריקער ארבעטער, מיט א נאאיוון פנים און נישט געשיקטע באוועגונגען.

חנה

דערפרייט

זעסט! דוד איז שוין דאָ!

דוד

א גוטן אָוונט אייך, חנה!

חנה

א גוטן אָוונט...

דוד

אייך פעסע אויך א שיינער גוטער אָוונט.

זי ענטפערט ניט

וואָס איז? רב גרשון׳ס ווייב איז שוין ווידער טרויריק?

פריילעך

א גוטן אָוונט!..

פעסע

א גוט יאָר. איר האָט אפשר געזעען מיין אלטן?

דוד

געזעען. אַ גאנצן טאָג געזעסן צוזאמען ביי דער ארבעט, זיבן א זייגער איז ער אוועק פון פאבריק מיט אלע ארבעטער, נאָר מיר מיט נאָך זעקס האָט מען איבער-געלאָזן ארבעטן איבערשטונדן.

פעסע

איר ווייסט נישט, וואוהין ער איז אוועק פון פאבריק?

דוד

ווייס איך? אפשר האָבן אים די חברים אוועקגעשלעפט אין באוואריע.

פעסע

אין באוואריע, זאָגט איר? אז זאָל אים שוין דער מלאך-המות אמאָל פאַרשלעפן, אז זאָל אים..

דוד

שלאָגט איבער

ע, רב גרשון׳ס ווייב! לאָזט אים... א מאן איז אן עברה צו שעלטן. בענשט אים בעסער, וועט אים אפשר גאָט אויך בענטשן, ווייל דערווייל שטראָפט אים גאָט עפעס טאקע אָן רחמנות. כ׳ווייס נישט פארוואָס? ווייניק זענען דאָ אזעלכע, וואָס פארדינען אויף גאָט׳ס שמיץ, פונ-דעסטוועגן איז זיי גוט און זיי זינדיקן אלע מאָל מער; און דאָ, צו אזא אָרענטלעכן מענטשן ווי רבי גרשון, טשעפען זיך אלע אומגליקן. היינט, למשל...

פעסע

דערשראָקן

וואָס איז שוין ווידער היינט אַזעלכעס געשעען?

חנה

שוין ווייטער עפּעס?*

דוד

עט, חלילה נישט קיין סכּנת נפשות, פונדעסטוועגן...

פעסע

נו, זאָגט זשע שוין, וואָס?

דוד

די מעשה איז אַזוי געווען: חיים איז געקומען און האָט געוואָלט אוועקנעמען אייער מאַן׳ס ארבעט. האָט ער זיך, געווײנלעך, נישט געלאָזן, האָבן זיי זיך, גענומען רייסן מיט׳ן קעסטל, אַזוי לאַנג ביז דאָס קעסטל איז צו-בראָכן געוואָרן און די סחורה האָט זיך אויסגעשאָטן אויף דער ערד, דער מייסטער איז אָנגעקומען און האָט פאַרשריבן ר׳ גרשון׳ען צוויי רובל שטראָף.

פעסע

דערלאַנגט אַזש אַ פּאַטש מיט די הענט

צוויי רובל! האָסטו דיר אַ ניי אומגליק! איצט נעם כאַטש און הונגער מיט די קינדערלעך אַ גאַנצע וואָך!.. צוויי רובל...

דוד

אָט אַ — דאָס מסתּמא האָט זיך עס טאַקע אייער מאַן אַזוי צום האַרצן גענומען, אַז ער האָט זיך לייכט געלאָזט פאַרפירן אין באַוואַריע.

פעסע

מיין גרשון מוז נעבעך דערפון גרויס קרענקונג האָבן? וואָס?

דוד

ס׳פאַרשטייט זיך...

חנה

צי קאָן מען דאָס שוין נישט אָפּבעטן? דער טאַטע וועט זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט זיין שולד, וועלן זיי אים דאָס מאָל שענקען...

דוד

וואָס זאָגט איר, חנה... איר ווייסט זיי נישט, איר קענט זיי נישט? ווי שטאָל זענען זיי... דאָס איז שוין פאַרפאַלן!

פעסע

פאַרפאַלן...

זי זיפצט שווער און פאַרטראַכט זיך, וויגענדיק דאָס קינד, באַלד הערט זי אַנטשלאָפן, מורמלענדיק

וואָס פאַר א מענטשן דאָס זענען... צוויי רובל... אוי, וואָס פאַר מענטשן... צוויי...

דוד

איז צוגעקומען שטיל צו חנה

חנה שלאָפט נאָך נישט?

חנה

נאָך א פּאָר שעה האָב איך צום ענדיקן דאָס קלייד.

דוד

וועט איר מאָרגן שפּעט אין דער נאַכט אַרבעטן. וואָס איז, מאָרגן וועט דען נישט זיין קיין צייט?

חנה

ניין. דאָס קלייד מוז היינט ווערן געענדיקט. דוד ווייס דען נישט, וואָס ביי אונז טוט זיך?..

דוד

איך ווייס, איך ווייס... א שרעק, וואָס דערפון קאָן ווערן! אייער טאַטע באַקומט אין פאַבריק וואָס ווייטער ערגערע אַרבעט, און ער אַרבעט טאַקע וואָס אַמאָל ערגער. אינגאַנצן א פאַרטאַטש געוואָרן!.. וואָס קאָן ווייטער זיין?

חנה

גאָט וועט נישט פאַרלאָזן...

דוד

אַודאי. אז נישט, וואָלט דאָך גאָר שלעכט געווען.

חנה

אפשר וועל איך זיך צו עפּעס צושלאָגן. כ׳וועל זיך צו־נויפקלויבן עפּעס געלט, וועל איך קויפן א ניי־מאַשין און וועל באקומען ארבעט גלייך פון די קונדשאַפטן, נישט פון מאגאזין, וועל איך מער פארדינען.

דוד

ס׳איז גרינג צו זאָגן צושלאָגן. ווי אזוי, אז אייערע פארדינסטן צוזאמען מיט ר׳ גרשון׳ס קלעקן קוים אויף ברויט. וואָס פארדינט דער טאטע? איינגאנצן פינף רובל א וואָך.

חנה

וועט ער אפשר שפּעטער מער פארדינען.

דוד

עט, וואָס אמאָל וויניקער פארדינט ער; וואָס אמאָל אר־בעט ער פאוואָליער. וואָס אן אנדערער מאכט צוויי טויזנט א טאָג, מאכט ער קוים צוועלף הונדערט.

פאנטאזיר

איך... איך מאך צוויי טויזנט דריי הונדערט!..

חנה

אזוי, צוויי טויזנט מיט דריי הונדערט!..

דוד

יאָ, יאָ!.. און אז איך וואָלט זיך מער געאיילט, וואָלט איך נאָך מער געקאָנט מאכן. אז איך וועל האָבן א ווייב, וועל איך אלע ארבעטער איבעריאָגן.

חנה

דערשראָקן

דוד האָט דען חתונה?!

דוד

פארשעמט

ניין, ס׳הייסט, געוואָלט, וואָלט איך יאָ...

חנה

נאָר וואָס?

דוד

ווייס איך... מען שדכנ׳ט מיר, נעכטן האָט מיך א שדכן אוועקגעפירט זעען א כלה. צווייהונדערט רובל האָט זי און א האלבע קלייט אויף דער גרינער גאס, ביים סאמע מארק.

חנה

מיט א פארלאפטן אָטעם

איר זענט דאָרט געוועןְ?

דוד

יאָ, אויף דער גאס בין איך געשטאנען און האָב געזען... דער שדכן האָט געוואָלט, איך זאָל אהין אריינגיין אויף אן אויסרייד, קויפן פאפיראָסן... מיט גוואלט האָט ער מיך אהין געשטופט... נאָר איך האָב זיך איינגעשפארט איך האָב נישט געוואָלט ווייל...

חנה

ווייל פאר וואָס?

דוד

ווייל ס׳איז געווען מאָנטאָג... איך פארשטיי גאָר נישט, ווי אזוי מענטשן קאָנען קומען צו א פרעמד מיידל מיט א שדכן, און נישט דיר, נישט מיר זאָגן איר:—זיי מיין ווייב, און—און שוין... ווי אזוי? וואָס.. ווען?!.. אז ס׳וואָלט, א שטייגער צו אייך אזוי איינער געזאָגט, וואס וואָלט איר דערויף געענטפערט? הא? וואָס?..

חנה

איך בין א יידישע טאָכטער; וואָלט איך מסתמא געטון, ווי טאטע מאמע וואָלטן געהייסן... נאָר איך וואָלט זיך געפילט שטארק אומגליקלעך!

דוד

ס׳פארשטייט זיך!.. וואָס דען? ווערן א כלה פאר א מענטשן, וואָס מען קען אים נישט, און שוין צו אים

געהערן איינגאנצן... גיין מיט אים אונטער דער חופה און דערנאָך זיצן מיט אים אין א באזונדערער שטוב ביי דער גילדענער יוך און שוין הייסן „מאן און ווייב"... דאָס איז דאָך שרעקלעך! נישט אמת, חנה?

חנה

אמת דוד...

דוד

סיידן אז... אז...

חנה

וואָס? איר מיינט אז — סיידן... נו, זאָגט דוד, זאָגט...

חנה

ניין... איך מיין... א גוטע נאכט.

חנה

שטיל, אנטוישט

א גוטע נאכט...

דוד

גייט שטיל אָפּ צו זיך אין שטוב א פאַרשעמטער. דאָך, אין מיר בלײַבט ער שטיין, הענגט עפּעס אין זיינע געדאנקען, באַשליסט באַלד און קומט צוריק אויסרופנדיק

הערט חנה, וואָס איך וועל אייך זאָגן!

חנה

וואָס, דוד?! איך הער! — איך הער...

דוד

פארלירט זיך ווידער

ניין, נישט היינט... עפּעס נישט שיין: — א פראָסטער מיטוואָך, דיר נישט, מיר נישט... א אנדערש מאָל...

א גוטע נאכט...

געשווינד אָפּ צו זיך אין צימער

חנה

קוקט אים נאָך און ווען ער פארשווינדט פאלט זי מיט'ן קאָפּ אויפן קלייד, וועלכעס זי נייט און צעוויינט זיך, פון אָנהויב שטיל, דערנאָך וואָס אמאָל העכער.

פעסע

כאפט זיך אויף

הא?.. וואָס איז דאָרט?.. חנה, חנה!..

חנה

הערט אויף זינגען, גייט ווייטער

וואָס, מאמע?

פעסע

א קינד האָט דאָ געוויינט. חיימ׳קע אָדער מלכה׳לע דאכט זיך... ווייסט נישט?..

זוכט צווישן די קינדער אונטערן פאָרהאַנג

חנה

ניין, מאמע. דאכט זיך, אז ס׳האָט קיינער נישט געוויינט.

פעסע

זיי זענען נעבעך הונגעריק, מיינע אָרעמע ווערם, וויינען זיי אין שלאָף. א גאָטס רחמנות אויף זיי... דו האָסט אָבער אויך טרערן אין די אויגן... וואָס איז, ביזט אויך הונגעריק?

חנה

ניין, מאמע. פון נישט שלאָפן טוען מיר ווי די אויגן. די צווייטע נאכט שלאָף איך שוין נישט.

פעסע

דו האָסט געוויינט, חנה...

חנה

ניין...

פעסע

ווערסט מיר קיין מעשות נישט דערציילן. א מאמע דערקענט באלד... יאָ, יאָ, נישט די אויגן, נאָר דאָס הארץ טוט דיר נעבעך ווי, מיין קינד. א מאמע דערקענט גוט... א ביטער לעבן דיינס!

חנה

ווייגט שטיל

פעסע

נו, ווײן שוין נישט, חנה, וויין נישט! זינג דיר בעסער עפעס צו, זאָלסט נישט אנטשלאָפן ווערן. זע, דאָס קלייד זאָל היינט ווערן פארטיק. מיין חנה! מיין ליב,

הארציק קינד, מיין אייציקע טרייסט... ווען נישט דו, וואָלט איך זיך כאָטש דארפן טרענקען, אזוי שלעכט איז אויף דער וועלט... דער טויט איז גלייכער איידער אזא לעבן!..

ווישט די אויגן

חנה

הערט אליין אויף צו וויינען און טרייסט די מוטער:

וויין שוין נישט, מאמע, גאָט וועט נישט פארלאָזן... עס וועט נאָך אלץ גוט זיין.

פעסע

הלואי, הלואי! ס'איז דאָך שוין גאָר נישט אזוי לענגער אויסצוהאלטן!..

ז' גייט צום וויגל און וויגט זינגענדיק

שלאָף, מיין פייגעלע — —
מאך צו — — דאָס אייגעלע — —

זי ווערט באלד אנטשלאָפן.

דוד

קומט ארײַן שטיל, פון קיינעם נישט באמערקט

דוד

חנה!..

חנה

דערפרייט מיט זיין צוריקקומען

וואָס?

דוד

איך האָב געהערט, ווי חנה האָט געוויינט, הינטער דער טיר בין איך געשטאנען ביי מיר און האָב געהערט... חנה איז נישט בייז אויף מיר דערפאר?

חנה

ניין, פאר וואָס זאָל איך בייז זיין? איר זענט דאָך אן אייגענער.

דוד

חנהען טוט וויי דאָס הארץ... איך פיל גוט, וואָס דאָס

איז אזעלכעס הארץ-ווייטאָג! אין פאבריק טרעפט זיך אָפט... איך צובלוטיק מיר די האַנט, אָדער איך באַקום אזוי ערגעץ א שווערן קלאַפּ; איינמאָל האָט מיר א מאשין די פיס צוגעקוועטשט איך האָב אזש אַ פּאָר וואָכן גע-הינקען; נאָר דאָס אַלץ איז גאָר נישט צו פארגלייכן צו דעם שרעקלעכן ווייטאָג פון הארץ... וועלכע יסורים קאָ-נען גלייך זיין צו דעם!

חנה

דוד ליידט אויך? וואָס פעלט אייך דען, וואָס?.. איר פארדינט דאָך, צו עסן פעלט אייך נישט... וואָסזשע דען?

דוד

איך בין דאָך א יתום. מיין טאַטן געדענק איך נישט און די מאמע איז מיר אָפּגעשטאָרבן, אז איך בין קוים אלט געווען פיר יאָר. אכט יאָר איז מיר געווען, האָט מען מיר שוין געהייסן אליין פארדינען אויף ברויט קיינעם האָט מיין לעבן נישט געקימערט, מיין הארץ — נאָך ווייניקער...

זיי בלייבן א ווילע שטיל

חנה

אז איר וועט חתונה האָבן, וועט... איר...

דוד

שלאָגט איבער מיט פארדרוס

ניין! ניין!.. נאָך וואָס? נאָך וועמען?.. חתונה האָבן!? ע, חנה, וואָס רעדט איר?..

חנה

איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אז מאָרגן גייט איר זעען יענע דאָרט—די כלה...

דוד

פארענטפערט זיך

דער שדכן רעדט מיך צו! א מענטש — זאָגט ער — דארף האָבן אן אייגן ווינקל, עמיצן זאָגט ער, וואָס זאָל אים א לעפל ווארעמס אָבקאָכן... דער שדכן איז אפשר גע-

רעכט, נאָר איך קאָן נישט אזוי. איך קאָן נישט אזוי, חנהן..

חנה

הייס

דודן...

זי הילט עפּעס זאָגן און בלייבט שטיל, פאַרשעמט

דוד

נו, חנהן איך וואָלט טאקע גערן וויסן, וואָס איר זאָגט דערצו. איר זענט דאָך אזא קלוגע... אי, האָב איך ליב אלע נעכט, נאָך דער ארבעט, דאָ ביי אייך צו זיצן און שמועסן! מיט אייך א גאנצע נאכט וואָלט איך אזוי געזעסן, פאַרגעסנדיק, אז פינף א זייגער אין דערפרי דארף מען אויפשטיין אין פאבריק אריין. אין גאָטס וועלט וואָלט איך פאַרגעסן! און אז איר דערציילט אייערע שיינע מעשות פון די שיינע פּרינצן און די פאַרכשופטע בת-מלכה׳ס, דעמאָלסט ווערט עפּעס דעם מענטשן אויפן הארץ, אזש... אזשן..

ער געפינט נישט קיין אויסדרוק

אי, חנהן דערנאָך קאָן מען נישט אנטשלאָפן ווערן און ס׳ווילט זיך גאָר נישט שלאָפן... ס׳ווילט זיך נישט אויפהערן טראכטן פון דער שיינער וועלט, וואָס לעבט דאָרט, ווייט פון דער פאבריק, ווייט פון דער שטאָט, „הינטער דעם זיבנטן וואלד, הינטער דעם זיבנטן בארג”... אי, חנה, דערציילט מיר נאָך אמאָל דאָס שיינע מעשה׳לען

חנה

דערציילט, נייענדיק

הינטער דעם זיבנטן וואלד, הינטער דעם זיבנטן בארג האָט א פישער געוואוינט — א יונגער און א שיינער. און א וואונדער-שיינע שעפערין, אזעלכע, וואָס האָט שעפּע-לעך געפּאַשעט און, ווי א שעפעלע, איז זי אָרעם געווען. — האָט זיך דער פישער פאַרליבט, געליבט האָט

אויך די שעפערין, מיט אַ הייסער ליבע האָבן זיי גע-
ליבט ביידע...

אין דער שעפערינס אויגן איז דער פישער אַ פרינץ געוועזן, און דער פישער האָט די שעפערין ווי אַ פרינ-צעסין געשעצט, נאָר ווייל ער האָט אויסער אָרעמקייט גאָר נישט פארמאָגט, האָט ער גרויס קרענקונג געהאט, וואָס ער קאָן זיך מיט איר אויף אייביק נישט פאר-בינדן.

און אמאָל איז דער פישער צום טייך אין אַ פרי-מאָרגן געגאנגען, אין אַ פרימאָרגן — נאָך אַ נישט-געשלאָ-פענער נאכט, נאָך אַ נאכט פון זאָרגן און קלערן און הערצלעכע טרערן צום גוטן גאָטעניו, וואָס זעט אין די ליבענדע קינדער זיין אייגענע ענלעכקייט...

— „גיב, ליבער גאָטעניו, היינט אַ גוטן געפאנגן גיב, ליבער גאָטעניו, היינט גאָלדענע פישעלעך מיט בריליאנטענע אויגן, גינגאָלדענע שיפן און די ביינדע-לעך — די ביינדעלעך זאָלן זיין כאָטש פון פערל!..“

דוד

מיט אַן אָפן מויל און בליצנדיקע אויגן, הערט זיך איין

אי, אי! פון פערל!..

חנה

און ער האָט די נעץ אין טייך געוואָרפן.

נאָכדעם האָט ער זיך געלייגט אויף דער ערד, און דריי לאנגע שעה האָט ער מיט זיינע הייסע טרערן דאָס זאמד נאס געמאכט. און ווען ער איז אויפגעשטאנען און האָט די שווערע נעץ קוים פון טייך ארויסגע-שלעפט — איז די נעץ געווען פול מיט שטיינער!..

דוד

מיט אַ פארדראָס

שטיינער... גאָר!.. שטיינער!..

חנה

— „אי, ליבער גאָטעניו, גיב כאָטש אצינד אַ גוטן

געפאנג! — גיב ליבער גאָטעניו, היינט גאָלדענע פישע-לעך מיט ברילאנטענע אויגן, גינגאָלדענע שיפן, און די ביינדעלעך — די ביינדעלעך זאָלן זיין כאָטש פון פערל!...״

און ער האָט די נעץ אין טייך דאָס צווייטע מאָל געוואָרפן, און ער האָט זיך ווידער געלייגט אויף דער ערד, און דריי מאָל צו דריי שעה האָט ער מיט זיינע הייסע טרע־ן דאָס זאמד נאס געמאכט, און ווען ער איז אויפ-געשטאנען ווידער און האָט די שווערע נעץ קוים, קוים פון טייך ארויסגעשלעפט, איז אין אים געלעגן א קלאָץ, א פארפוילטער!..

דוד

אוי! ווידער גאָר אַ קלאָץ...

חנה

דער טייך און די פייגל האָבן שוין מנחה געדאווענט. די זון האָט זיך שוין געזעגנט מיט דער ערד — ביי דעם שלאָפנדיקן טייך, ביי דער פארוואָרפענער נעץ איז נאָך אליין דער פישער געשטאַנען.

און ווען ער האָט די נעץ צום דריטן מאָל ארויסגעשלעפט, איז עס געווען ווי א שפינוועבס וואונ-דערבאר לייכט! נאָרביים שיין פון דער לבנה האָט דער פישער דערזען, אז די נעץ איז אינגאנצן פון זילבער און דאָס נאסע גראָז, וואָס איז אין אים געלעגן, איז אינגאנצן געווען גאָר פון גאָלד!..

דוד

דערפרייט

פון גאָלד!..

חנה

אויף דעם גאָלדענעם גראָז איז א קליין מלאכל געלעגן, א מלאכל מיט ווייסע, פערלדיקע פליגל, און דער האָט צום פישער זיך אזוי אָנגערופן:

— „אויף גרונד פון דעם טייך ליג איך שוין טויזנטער יאָר! טויזנטער יאָר, צייט די וועלט איז בא-

שאפן... נישט פאר מיינע זינד האָט מיך גאָט דאָ גע־וואָרפן, נאָר פאר די זינד פון אדם און חוה..."

— "מיין ליבער פישער! ווארף מיך נישט צוריק אין דעם בלאָטיקן טייך! נאָר צו דיין ליבער שעפערין טראָג מיך אהין. און איך וועל אייך דערפאר מיט אזא גליק באשענקען, וואָס קיינער האָט נאָך דערפון נישט געגאָסן..."

— ווערסטו מיר געבן א קרישטאָלענעם פאלאץ פאר מיין ליבער, פאר מיין טייערער שעפערין? — האָט דער פישער געפרעגט — ווערסטו מיר זילבער און גאָלד אויך געבן, איך זאָל איר קאָנען פארשאפן א גליקלעך לעבן, א לעבן אָן הונגער, אָן נויט?

— "מיין ליבע באדאַרף נישט קיין פאלאץ צו איר גליק און זי ווייס נישט פון הונגער און עסן... דער הונגער און די אייביקע לוסט צו זילבער און גאָלד — דאָס איז דאָך גאָטס שטראָף דערפאר, וואָס די ערשטע מענטשן האָבן די ליבע באפלעקט".

דער פישער האָט דעם מלאכס רייד שוין פאר־שטאנען און האָט אים געכאפט אויף דער האנד, געדריקט אים צום הארץ אויף אייביק! אויף אייביק!.. און די זיל־בערנע נעץ, און דאָס גאָלדענע גראָז האָט ער צוריק אין טייך גליין געוואָרפן...

דוד

אנטציקט

איך!

איך האָב אייך, חנה, אויך אזוי ליב, ווי יענער פישער!

חנה

איר דוד?! וואָס רעדט איר?!

דוד

יאָ. און איר זאָגט מיר, חנה, און איר?

הנה

איך האָב אייך ליב שוין פון לאנג!

דוד

און איר ווערט חתונה האָבן פאר מיר?

חנה

פארשעמט

יאָ. דער טאטע, די מאמע וועלן דאָך אודאי באשטיין.

דוד

באשטיין, באשטיין, איר וועט מיך אייביק ליב האָבן?

חנה

אייביק!

דוד

גליקלעך

אי, חנה, חנה! איך וועל פאר חנה טאָג און נאכט נישט אויפהערן צו האָרעווען, אז ס׳זאָל איר חלילה גאָרנישט פעלן, אז זי זאָל אליין נישט דאַרפן אַרבעטן. און אַז איך וועל נאָר האָבן אַביסל לײדיקע צייט צום אָפּרוען, וועל איך זיך אוועקזעצן, אָט אזוי נאָענט ווי איצט

ועצט זיך נעבן איר

האנט אין האנט, הארץ ביי הארץ... אי, די נשמות אויך אינאיינעם!.. און סוועט אונז אַזוי גוט זיין!..

חנה

ווי גוט!..

דוד

און אז דער שלאָף וועט מיר צוקלעבן די אויגן, וועל איך לייגן דעם קאָפּ דאָ, אויף חנהס שויס, און חנה וועסט מיר דערציילן פון ווייטן באַגדאד — — פון די קריסטאָלענע פאלאצן — — פון די שיינע, גאָלדענע בלומען... און אזוי שוין אָן אויפהער, אייביק, אייביק... גוט, חנה?

חנה

אי, ווי גוט!

דוד

שטארק האָסט דו מיך ליב, חנה?

חנה

מיט אַ פארכאַפּטן אָטעם

אַ שרעק ווי שטארק!..

דוד

און דו וועסט מיך קיינמאָל נישט אויפהערן ליב צו האָבן?

חנה

קיינמאָל נישט! קיין מאָל אין מיין לעבן! קאָן מען דען אויפהערן ליב האָבן? וואָס רעדסטו, דוד...

דוד

דוד כאַפּט קושן אירע הענט

מיין גאָלדענע חנה!..

פון דרויסן הערט זיך גרשונס אָנקומען, ער ברומט דאָרט עפּעס, צי ער זינגט שכּורלעך.

חנה

דערהערט, רייסט זי אַרויס אירע הענט פון דודס

לאָזט, דוד. דער טאַטע גייט!..

זי שטייט־אויף און נעמט צוגרייטן פאַרן טאַטן עפּעס עסן

דוד

אדרבא. גוט וואָס דער טאַטע, וואָס רב גרשון איז דאָ... גוט...

גרשון

קומט אַריין זינגענדיק שיכּורלעך

אלה תולדות נח —
פון בראנפן נעמט מען כח.
בראנפן איז דער עיקר,
ווייל פון בראנפן ווערט מען שיכּור

דוד

ר׳ גרשון! הערט, רב גרשון.

גרשון

פאַרשעמט, סטאַרעט זיך נישט געבן צו דערקענען, אַז ער איז אַ ביסל שכּור

א, דוד! דו שלאָפסט נאָך נישט? שוין האַלבע נאַכט, דער פייפער פון פאַבריק וועט שוין באַלד וועקן צו דער אַרבעט...

דוד

איך וועל אייך עפּעס זאָגן, ר׳ גרשון

גרשון

מאָרגן, זאָגן. ביי דער ארבעט. גענוג צייט האָבן.

חנה

צוּ דודן ביים ארבל

לאָז אָפּ אצינד, וואָסער איילעניש מאָרגן, מאָרגן...

דוד

פארוואָס דען מאָרגן? בעסער באלד... באלד... אין פאַבּריק שטערט דאָס גערויש פון די מאשינען, און דאָס וואָס איך וויל אייך זאָגן ר׳ גרשון איז גאָר נישט קיין קלייניקייט!..

גרשון

אָהאָ, וואָס איז דאָס אזוינס?

דוד

איך... ר׳ גרשון... איר קענט מיך, דאכט זיך, גוט... אלע מאָל.., כאָטש... פונדעסטוועגן... דאכט זיך... דאָרט דאכט זיך...

גרשון

צולאכט זיך

וואָס איז דיר, דוד? ס׳האָט דיר ווער די צונג חלילה אָפּגעשניטן?.. וואָס שטאמעלסטו עפּעס, וואָס?

חנה

זאָג שוין, אז דו האָסט אָנגעהויבן, זאָג!

דוד

מיט איין אָטעם

הערט ר׳ גרשון! איך האָב אייער חנהן ליב! שטארק ליב! זייט נישט בייז אויף מיר, איך בין נישט שולדיק. איר ווייסט, איך בין אן אָרנטלעכער יונג. אייער טאָכטער וועל איך אודאי שעצן און ליב האָבן [illegible]!.. גוט, חנה?

חנה

גוט... גוט...

גרשון

איבערראשט, קען קוים צו זיך קומען

דו... הא... וואָס? האָסט-הייסט עס — ליב מיין חנהן?..

דוד

אָבער גאָר שטארק ליב! פון לאנג שוין...

גרשון

ס'הייסט—אויף אַן אמתן? כ'מיין, נישט אזוי ווי אנדערע ייִנגען מיט מיידן!...

דוד

חלילה! אויף אַן אמתן! זאָל איך אזוי לעבן!..

גרשון

הע, הע... אזוי גאָר?! נו, און זי? און דו חנה?

חנה

איך? איך, טאטע

דוד

ענטפערט פאר איר

זי אויך! יאָ, יאָ... נאָר זי שעמט זיך!..

גרשון

אזוי? נו, איז דאָך גאָר גוט... וואָסזשע ווילסטו נאָך?...

דוד

באשטייט איר, ר' גרשון?

גרשון

אודאי! פארוואָס דען נישט... כ'האָב דען עפּעס צו דיר? פארקערט — אזא יאָר אויף מיר וואָסער יונג דו ביסט. גיב דיין האנט און זאָל אייךביידן זיין מיט מזל! קיין בעסערן שדוך האָב איך זיך גאָר קיינמאָל נישט גע-ווינשן... באלד! און די מאמע ווייסט שוין דערפון חנה?

חנה

ניין, נאָך נישט...

גרשון

זי ווייס נישט! אי! וועט זי זיך דאָס א ביסל דערפרייען מיט דער בשורה!

שרייט

פעסע! הער נאָר עפּעס, פעסע...

פעסע

פארשטומט זאָלסטו ווערן! ביזט שוין געקומען? אלע בייזע חלומות... האָסטו געזען, ווי ער האָט זיך דאָס א ביסל צושריען, דער פּיאניצע! אין ווייב און קינדער האָט ער אינגאנצן פארגעסן, זאָלן זיי פון הונגער אויסגיין, אבי ער זיצט זיך דאָרט מיט זיינע חברים, אז זאָל מען מיך שוין אמאָל מיט דיר אינאיינעם באגראָבן. ס'זאָל שוין אמאָל זיין א סוף פון מיין שווארץ מזל ביי אזא פּיאניצע...

זי וויינט

גרשון

א פּיאניצע, זאָגסטו, פעסע? ניין, ס'איז א ליגן. א יוד — זאָג איך דיר — איז נישט קיין שכור... אמת. שולדיק זענען די חברים, וואָס ארבעטן מיט מיר, שולדיק איז זיינוול. טרייסטן האָט ער מיך געוואָלט, איך זאָל זיך נישט צום הארצן נעמען די צוויי רובל שטראָף, וואָס דער מייסטער האָט מיר פארשריבן, האָט ער געהייסן געבן בראנפן. דערנאָך האָט געטרייסט חיים — און האָט געשטעלט ביער, נח — ווייטער ביער, משה — בראנפן... מער גאָר נישט... א יידישער קאָפּ קאָן אָבער אזוי פיל נישט פארטראָגן. האָט ער גענומען, מיין יידישער קאָפּ, און האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען, ווי שמחת תורה מיט די הקפות, להבדיל...

ער זינגט:

„עוזר דלים הושיעה נא"!..

פעסע

שווייג שוין שטיל! דו וועקסט מיר אויף די קינדער!

גרשון

נאָך העכער

נישט קשה, פעסע! אָן איידעם וועלן מיר דערפאר האָבן זייער א ניכטערן; קיין ביר און קיין בראנפן נעמט אונזער דוד נישט אין מויל...

פעסע

וואָס רעדסטו, שכּור? פאַרמאַך שוין דאָס מויל! דוד וועט דערהערן אין זיין חדר, וועט דאָך זיין א חרפּה און א בושה...

גרשון

שכּור ביסט דו, פּעסעו... זעסט נישט, אָט איז ער דאָך דאָ?.. מיט זיין כּלה, מיט אונזער חנהו..

פּעסע

בייסט זיך אָפּ די פינגער

גרשון! געוואַלט, גרשון! שווייג...

גרשון

שטופּט דודן ער זאָל צו גיין צו פּעסען

נו, זאָג איר דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. אלע מאָל... כאָטש... פּונקטעסטוועגן דאַרף דאכט זיך... און דערלאַנג מיט אמאָל א שיט אַרויס! און א סוף... שעם זיך נישט, זי איז דאָך דיין מחותּנתטע. זעט, ווי ער קאָן דאָ גאָר קיין צוויי נישט ציילן... דערפאַר אין פּאַב-ריק וועסטו נישט געפינען דעם צווייטן בחור צו אים...

פּעסע

דודו! איז דאָס טאַקע אַלץ אן אמת?

דוד

אן אמת, ר' גרשונס ווייבו.. איך האָב אייער חנהן ליב, אייער מאַן איז נישט דערווידער, און איר וועט אונז אודאי אויך נישט שטערן?..

גרשון

פאַרוואָס זאָל זי שטערן, וואָס א נאַרישקייט דו רעדסטו! הע, הע!..

ער לאַכט גוטמוטיק, אַרויסשלעפּנדיק פון דער קאַשענע א פערטל בראָנפן, וועלכעס ער לייגט אַוועק אויפן טיש. חנה האָט שוין פריער אויפגעשפּרייט אויף דעם עק טיש א האַנדטוך, דערלאַנגט זאַלץ, מעסער, גאָפּל, און הערינג אויף א טעלער. ער וואַשט זיך צום ברויט און נעמט עסן, שטיפנדיק דערביי מיט דער פאַר-שעמטער חנה... אין דער צייט רעדט פּעסע מיט דודן.

פעסע

ניין, נישט דאָס... חלילה... נאָר איך מיין...

פאַרזיכטיק

דו ווילסט מיט איר חתונה האָבן? האַ?.. ווי גאָט האָט געבאָטן? האַ?

דוד

כאָטש באַלד נאָך שבת, ר׳ גרשונס ווייב!

פעסע

דערלאַנגט אזש פון פרייד א פאַטש מיט די הענד

גאָט מיין איינציקער! חנה׳לע! חנה׳שי;

זי נעמט זי קושן מיט טרערן פון פרייד

נו, זאָל זשע אייך זיין מיט מזל! איר זענט ביידע גאָר וואוילע קינדער, נישטאָ קיין סך אזעלכע.

פלוצלינג ווערט זי אומעטיק

דו ווייסט אָבער, אז חנה האָט נישט קיין נדן? קיין אויסשטאַטונג אפילו, כאָטש עפּעס וועט זיך מיט גאָט׳ס הילף געפונען... מילא, ס׳וועט דאָך מוזן זיין... נאָר גאָר קנאַפּ...

דוד

דאָס אַרט מיך נישט. איך דאַרף חלילה נישט אייער נדן, אבי געזונט און כח צו דער אַרבעט, וועלן מיר נאָך מיט גאָט׳ס הילף אייך אויך אַמאָל קאָנען מיט עפּעס אויסהעלפן. אכט רובל א וואָך פאַרדין איך! אכט רובל! און אז גאָט גיט — פאַרדין איך נאָך אַמאָל מער... זאָל ר׳ גרשון זאָגן...

גרשון

יאָ, יאָ, אכט רובל! א גאָלדענער אַרבעטער איז ער!...

פעסע

מיט נחת

א גאָלדן האַרץ האָט ער... נו, געלויבט איז גאָט, וואָס ער פאַרלאָזט אונז כאָטש נישט... דאָס האָט זיך מיין מאַמע אין קבר פאַר מיר געמיט... גאָט זאָל אייך געבן מזל מיט געזונט און ברכה...

דאָס האַרץ איז איר איבערגעפילט

קינדערלעך! אי, קינדערלעך!...

זי ווישט א טרער

שבת אי"ה, ווען מיר שרייבן תנאים, מיט מזל. און נאָך יום-טוב, אז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועלן מיר אייך מאכן א חתונה!

גרשון

שרייט אויס

נאָך יום-טוב! יאָ! באלד נאָך יום-טוב אין א מזל׳דיקער שעה! און א חתונה וועלן מיר אייך טאקע מאכן מיט׳ן גאנצן קנאק אין א סאלע מיט כלי-זמרים, די גאנצע פא־בריק וועלן מיר פארבעטן! איי, וועט זיך עס דעמאָלט אביסל טון אויף טיש און אויף בענק הע... הע...

דוד

יאָ, די גאנצע פאבריק! זאָלן זיך אלע פרייען מיט מיין פרייד הע... הע הע...

פעסע

די גאנצע פאבריק, נישט די גאנצע — דאָס וועט מען שוין שפעטער זען, מיר מאכן זיך נאָך נישט דעם חתונה-צעטל. דערווייל דארף מען זיך גיין לייגן שלאָפן מען זאָל קענען אין דערפרי אויפשטיין צו דער ארבעט... נו, קינדערלעך שלאָפן! שלאָפן!

דוד

לאָזט מיך, איך בעט אייך, נאָך א ביסל דאָ זיצן מיט חנה׳ן, איך וועל סיי ווי די היינטיקע נאכט נישט קאָנען איינשלאָפן.

גרשון

לאָז אים, פעסע, לאָז אים... שלאָפן וועט ער שוין היינט סיי ווי נישט!... איך ווייס עס הע, הע, הע!...

פעסע

אדרבא, אז דו ווילסט, זיץ זיך מיט איר ווי לאנג דיין הארץ גלוסט... איר זענט דאָך שוין איצט חתן-כלה...

פעסע

א גוטע נאכט, קינדערלעך.

דוד

א גוטע נאכט, מחותנת׳טע...

פעסע

נו, און דו חנה, ווילסט גאָרנישט זאָגן דער מאמען א גוטע נאכט?

חנה

כאפט ארום די מוטער.

א גוטע נאכט, מאמע.

פעסע

דראָט איר מיטן פינגער

ע, חנהשי, דיר האָט זיך שוין אינגאנצן דאָס קעפל פארדרייט... הע, הע! איך קען זיך אויף דעם... נישט קשה... איך געדענק דאָס גוט...

זי גייט צו איר בעט און זעצט זיך אוועק פארטראכט

איך געדענק דאָס גוט...

גרשון

קומט צו פעסען ווי א פארחלומטער און זעצט זיך אוועק נעבן איר

דו געדענקסט דאָס אויך, פעסע?... מיר שטעלט זיך דאָס אלץ פאר די אויגן, גלייך ווי ס׳וואָלט ערשט געווען נעכטן...

פעסע

א יאָר ניינצן וועט שוין זיין. הא?...

גרשון

פארטראכט

צוואנציק ווערט חנוכה.

פעסע

געדענקסט, וואָס פאר א קנאקעדיקער פראָסט ס׳איז דאמאָלט געווען?...

גרשון

האָסט נעבעך געפרוירן אין דער פייכטער קעלער-שטוב איינאיינעם מיט דיין אלטן טאטן... דיינע פארפרוירענע פינגער האָבן נישט געוואָלט די נאָדל האלטן. געדענקסט.

ווי איך האָב דיר געוואַרעמט די פינגער אין מיינע הענט?...

ער נעמט אירע הענט און וואַרעמט זיי

פעסע

זיפצט אָפּ שווער

איך געדענק!...

גרשון

געדענקסט, ווי איך האָב דיינע הענטלעך געריבן אין מיינע גרויסע אויסגעאַרבעטע הענט, אַז די ביינדלעך האָבן אַזש געקנאַקט?...

פעסע

ווי פון שלאָף

איך געדענק! איך געדענק...

גרשון

און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָב איך מיט דער פאַרע פון מויל דיינע פינגער געוואַרעמט, אָט אַזוי.

ער נעמט אירע הענט צום מויל

דערנאָך האָב איך די הענט געקושט, דערנאָך דאָס פּנים, דערנאָך די אויגן... געדענקסט... געדענקסט?...

פעסע

איך געדענק... איך געדענק...

דוד

האָט זיך דערווייל אוועקגעזעצט נעבן חנהן און דערציילט איר עפּעס שטיל. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער אַרבעט, נאָר צייטנווייז וואַרפט זי אויף אים אַ וואַרעמען בליק. באַלד נעמט זי איינפעדעמען אַ נאָדל, די הענט ציטערן איר אָבער אַזוי, אַז זי איז דאָס נישט אימשטאַנד צו טון... נעמט ער אירע הענט און וואַרעמט זיי אין זיינע. דערנאָך קושט ער די הענט, זי לאָזט נישט. די נאָדל פאַלט איר אַרויס פון האַנט, ער געפינט זי און פעדעמט איין. חנה נעמט ווייטער נייען. די אַלטע, פאַרנומען מיט זייער שמועס, באַמערקן דאָס אַלץ נישט

גרשון

אין אַ וואָך אַרום זענען מיר שוין געווען חתן-כּלה... אין פיר חדשים אַרום האָבן מיר שוין געהייסן מאַן און ווייב... דיין טאַטע איז פון אָנפאַנג געווען ביי אונז... מיינע פאַרדינסטן, איינאיינעם מיט דעם, וואָס דו האָסט

פארדינט, זענען אויף אלעם געניג געווען... און מיר זענען געווען א לאנגע צייט גאָר אינגאנצן גליקלעך! ווי לאנג, פעסעלע?...

פעסע

א גאנץ יאָר... אז כ׳האָב נאָר דאָס ערשטע קינד געהאט, איז אונז באלד שלעכט געוואָרן. איך האָב נישט גע־קאָנט פארדינען, און די הוצאות זענען גרעסער געוואָרן, דערנאָך בין איך קראנק געוואָרן, געדענקסט?...

גרשון

אוי, געדענק איך! מען האָט שוין דעמאָלט גאָר נישט געמיינט, אז דו זאָלסט לעבן... דיין קרענק האָט אלץ פארצערט... א קישן אונטערן קאָפּ האָבן מיר דערנאָך נישט געהאט... באלד איז געבוירן געוואָרן נאָך א קינד, און אויף איינאיינעם גרעסערע אָרעמקייט... אין א יאָר ארום דאָס דריטע קינד — דאכט זיך, טאקע חנה? הא?

פעסע

יאָ, חנה...

גרשון

דערנאָך שוין אזוי כסדר: יעדעס יאָר — אַ קינד און אָרעמקייט, אָרעמקייט און אַ קינד... אָך! אָך!...

פעסע

דערנאָך איז דער טאטע געשטאָרבן, קיין נחת האָט ער נישט דערלעבט, אין שפּיטאָל געשטאָרבן...

גרשון.

אצינד וועלן זיי דאָס אייגענע ליד איבערזינגען...

פעסע.

דערשראָקן

ווער?!

גרשון.

ווייזט אויף חנה׳ן מיט דוד׳ן

זיי, אונזערע קינדער!...

פעסע.

כמעט מיט טרערן

גרשון! וואָס זאָגסטו?! וואָס רעדסטו?

גרשון

יאָ, יאָ...

פעסע

קוקט א ווײַלע אויף אים, א ווײַלע אויף די קינדער, דערשראָקן פארצווייפלט... ווײל זי זיך טרייסטן

פונדעסטוועגן איידער זיי וועלן דערפילן, וואָס דאָס איז אָרעמקייט און נויט וועלן זיי דאָך פריער געניסן דאָס אמת'ע גליק, דאָס זיסע לעבן, אזוי ווי מיר... געדענקסטו?

גרשון.

יאָ, יאָ! — איין יאָר!...

פעסע.

איין יאָר!...

דאָס קינד האָט זיך אין וויגל צעוויינט.

חנה

גייט און דערציילט דערבײַ דוד'ן, וועלכער קוקט אויף איר מיט פלאמענדיקע אויגן פון ליבע:

אונטער דעם זיבנטן וואלד, אונטער דעם זיבנטן בארג, אין א שטיינערנער הייל, אין א גלעזערנעם קאסטן איז געלעגן א פרינצעסין אין א פאר'כשופטן שלאָף...

פעסע.

וויגט אין דער זעלבער צייט דאָס קינד און זינגט טרויעריק:

שלאָף, מיין פייגעלע,
מאך-צו דאָס אייגעלע,
שלאָף, מיין טייער קינד!...

. . . .

דער מלאָך, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער...
שלאָף שוין, שלאָף געזונט!...

. . . .

חנה

אירע ווערטער גיסן זיך צונויף מיט דער מאמעס געזעגנגען

... פון א בייזער, פון א שלעכטער שטיף-מאמע איז די שיינע פרינצעסין פארכשופט געוואָרן, אז אין דער שטיינערנער הייל, אין גלעזערנעם קאסטן זאָל זי טויזנטער יאָרן ליגן אוןווארטן, ביז א גואל וועט זיך געפונען, ביז א פרינץ וועט קומען — און וועט אויסלייזן די פרינצעסין פון פארכשופטן שלאָף — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פאָרהאנג פאלט לאנגזאם

ווער איז דער גנב?

דראַמאַטיש פּראָבלעם אין איין אַקט

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין יידיש אין „פריינד“ (יובילעאום-
ביילאגע) 1912.
געדרוקט אין רוסיש (איבערזעצט פון מחבר) אין זשורנאל
„יאָזשנאיא זשיזן“ אָדעס 1913
געדרוקט אין פויליש (איבערזעצט פון מחבר) אין וואָכנבלאט
„Izraelita“, 1913.

פערזאָנען:

קאַרל שטראָס
אַדוואָקאַט און געזעלשאַפטלעכער טוער

אַננאַ
זיין פרוי

אלפרעד בעם
זיין יוגנט-פריינט

וועגטיל
סעקרעטאַר ביי שטראָס

א פארשלייערטע דאמע

א הער
קליענטן

ס׳געשעט ביי שטראָם אין וואַרטע-זאַל

דער וואַרטע-זאַל איז רייך איינגעאָרדנט, ווי ס׳שטייט-אָן א גרויסן אדוואָקאַט. ביי א שיינעם שרייב-טיש זיצט װ ע נ ט י ל, א יונגערמאַן מער אַלס עלעגאַנט געקליידעט. אויף א זאָפע זיצט א דאַמע, אין טרויער-קליידער. דאָס געזיכט מיט א געדיכטן שלייער באַדעקט. זי בלעטערט דורך די אילוסטרירטע זשורנאַלן, וועלכע ליגן פאַר איר אויף אַ טישל. נישט ווייט פון איר זיצט א ל פ ר ע ד ב ע ם, אָרעם, נאָר געניוג בכבודיק אָנגעטון. זיין אויסזען און זיין האַלטן זיך איז זייער נעיוועז.

װענטיל

אײַנהערנדיק זיך פון זיין אָרט צו א שטיל געריוש, וועלכער קומט פון שטראָס קאַבינעט

מאדאַם, דאכט זיך, אז באַלד קומט שוין אייער ריי.
איך הער, אז הער שטראָס געזעגנט זיך מיטן קליענט.

די דאמע

נישט ענטפערנדיק, שטעלט זיך אויף און ברענגט אין אָרדנונג איר שלייער פארן שפיגל

װענטיל

מיט א העפלעכן שמייכל

לאנג געוואַרט, אָבער דאָך זיך דערוואַרט.

בעם

קוים באַהערשנדיק זיין נערוועזן צושטאַנד

צי דענקט איר נישט, הער סעקרעטאַר, אַז אייגנטלעך וואַרט איך פיל לענגער?

װענטיל

מעסט אים מיט א גאוהדיקן בליק פון אויבן ביז אראָפּ,

איך דענק, מיין הער, אז אייערע געשעפטן האָבן צייט...

בעם

נערוועזער

איך מיין, אז נישט אייער זאַך איז אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון מיין געשעפט צום אדוואָקאט. אייער זאַך איז מיך צו מעלדן, ווען ס׳קומט מיין ריי.

ווענטיל

שטעלט זיך אויף

וואָס מיין זאַך, איז מיין זאַך. נישט איר האָט רעכט דאָס מיר אָנצוּווייזן. נישט קיין דינער בין איך דאָ, נאָר — סעקרעטאר, און איך האָב די פּאָלמאַכט אליין צו דערליידיקן ווע‏מען איך פאַרשטיי, נישט צולאָזנדיק אים צום אדוואָקאט, וועלכער איז היינט שטארק פאַרנומען. ביטע, זאָגט מיר, אין וואָס אייך גייט און איך וועל אייך דערליידיקן.

בעם

ווייכער

איך קאָן עס אייך נישט זאָגן. דאָס איז אזא אָנגעלעגנהייט, וועלכע איך כּוּו נאָר מיט אים אליין... איר ווייסט דאָך, אז ער נעמט מיך אליין אויף...

ווענטיל

יאָ, איך ווייס. איך האָב א וואָסער ס׳איז אנוּנג וועגן וואָס איר קומט דאָ אהער, און טאקע דערפאר בין איך זיכער, אז איר קאָנט וואַרטן... איר קאָנט אלע איבערוואַרטן. און ווען איר האָט נישט קיין צייט, קאָנט איר קומען מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן...

בעם

בייסנדיק די ליפּ

וועל איך שוין בעסער וואַרטן.

זעצט זיך צוריק אויף זיין שטול

שטראָם

קומט פון זיין קאבינעט, ארויסבאגלייטנדיק א קליענט, מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט

אָ, די פּאַפּירן! מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

צו וועגטיל

הער וועגטיל! די פּאַפּירן פון דער אײַזנבאַן-קאָנצעסיע!

ווענטיל

גלײַך.

זוכט צווישן די אַקטן

שטראָס

באַמערקט די דאַמע

אָ, מאַדאַם...

די דאַמע

מאַכט אַ צײכן, ער זאָל איר נאָמען פאַרשווײַגן

שטראָס

ביטע, אין מײַן קאַבינעט. איך קום גלײַך

פירט זי אַרײַן אין קאַבינעט

ווענטיל

דערלאַנגט דעם הער די פּאַפּירן

אָט זענען זיי...

שטראָס

קומט צוריק

אײַך איז דאָך נאָר נויטיק דער דאָקומענט.

געפינט אַ פּאַפּיר און דערלאַנגט דעם הער

דער הער

אַ דאַנק באַהאַלט דעם דאָקומענט

אַדיע

שטראָס

נישט „אַדיע". נאָר צום גיכן ווידערזען!

באַגלייט אים ביז אין פאָדער-צימער

איך שטיי אײַך יעדן מאָמענט צו דינסט. ווי פאַרנומען איך זאָל נישט זײַן, פאַר אײַך וועל איך אַלע מאָל געפינען צײַט... הע, הע... אויף ווידערזען... אויף ווידערזען...

קומט צוריק און איבערגײענדיק צו זיך אין קאַבינעט, מאַכט ער זיך נישט באַמערקנדיק בעמן, וועלכער האָט זיך געהאַט אפילו אויפגעשטעלט

הער וועגטיל, מער נעם איך הײַנט נישט אָן קיינעם.

אָפּ צו זיך

ווענטיל

צו בעמן

איר האָט געהערט?

בעם

טרויעריק

ער האָט מיך נישט באמערקט.

וועגטיל

איראָניש

אזוי מיינט איר?

בעם

איך בין עס זיכער...

וועגטיל

זאָל זיין אזוי. יעדנפאלס, ווען איר העט שטראָסן שוין היינט נישט באקומען צו ריידן.

בעם

זייער ווייך

איך בעט אייך, מעלדעט מיך. זאָגט אים, אז איך ווארט שוין דאָ מער פון דריי שעה... זאָגט, אז איך מוז היינט, באלד, זיך מיט אים זען... איך בעט אייך זייער! זאָגט אים, אז...

וועגטיל

דאָס קאָן איך גאָרנישט העלפן. היינט איז שוין פארפאלן, קומט מאָרגן, וועל איך אפשר עפעס קאָנען טון פאר אייך...

בעם

הער סעקרעטאר! איר קאָנט, דאָס גאָרנישט וויסן, ווי שווער מיר איז צו ווארטן ביז מאָרגן! איר מוזט מיר העלפן! איך וועל אייך זיין זייער דאנקבאר!... זייער...

וועגטיל

איראניש

א, אייער דאנקבארקייט... איך קאָן פאר אייך איצט גאָרנישט טון. אדיע.

ווארט בעם זאָל אוועקגיין

בעם

איך מוז זיך זען מיטן אדוואָקאט!

וועגטיל

קאטעגאָריש

הער שטראָס איז היינט מער נישט צו זען, ביטע, גלייך צו פארלאָזן דאָס צימער!

בעם

היסטעריש

איך גיי נישט אוועק פון דאנען, ביז איך וועל זיך מיט אים נישט זעען.

ווענטיל

נאָך העכער

שטיל, שווייגט! ווי וואגט איר אזוי צו שרייען?! איך הייס אייך באלד ארויספירן דורך דעם דינער!

בעם

מיך?!

ווענטיל

יאָ, אייך! אויב איר גייט אליין נישט די מינוט ארויס פון דאנען!...

שטראָס

קומט אריין

וואָס איז דאָ פאר א געשריי?

בעם

כמעט מיט טרערן

קארל! קארל!... דיין סעקרעטאר וויל מיך פון דאנען לאָזן ארויספירן!...

דרייט זיך אוועק צום ווינקל, נישט צו ווייזן זיינע טרערן

שטראָס

מיט א שטילן פארוואורף

וואָס טוט איר, הער ווענטיל? איך וואונדער זיך אויף אייך, איר זאָלט זיך אזוי פארגעסן.

ווענטיל

אנטשולדיקט, איך האָב נישט געוואוסט, אז דער הער איז אייער פריינט... איך האָב געמיינט... איר האָט דאָך געזאָגט, אז היינט נעמט איר שוין קיינעם נישט אָן, און דער מאן האָט אזוי איינגעשפארט געוואָלט מיט אייך היינט ריידן.

שטראָס

איך האָב אים נישט באמערקט... ווארסטו דען שוין לאנג?

בעם

שוין די פירטע שעה...

שטראָס

און אויף מאָרגן וואָלסטו נישט געקאָנט אָפּלייגן דיין געשפרעך? איך בין היינט באמת שטארק בעשעפטיקט, דערצו איז שוין באלד אכט א זייגער און איך האָב זיך באשטעלט היינט מיט מיין ווייב צו גיין אין דער אָפּערע...

אין פאָדער-צימער א קלונג

אָט דאָס איז זי געוויס געקומען מיך צו נעמען און איך האָב נאָך דאָרט אַ קליענט. אַ זייער פארוויקלטער ירושה-פראָצעס...

בעם

דאָס דריטע מאָל קום איך שוין צו דיר וועגן דעם...

שטראָס

וואָס בין איך שולדיק, אַז ס'האָט זיך פונקט אַזוי געמאַכט...

אננא

קומט אָנגעטון צו גיין אין דער אָפּערע

אָ! דו ביזט נאָך נישט פארטיק? שוין צען מינוט צו אכט! מיר וועלן היינט ווידער פאַרשפעטיקן די אוווער-טורע... נו, קום שוין!

שטראָס

איין מאָמענט. איך וועל פרובן דעם לעצטן קליענט געשווינד צו דערליידיקן.

אָפּ אין קאבינעט

בעם

טרעט-אָפּ אין א ווינקל און בלייבט פון קיינעם נישט באמערקט

אננא

גיט ווענטילן די האַנט

גוטן אָוונט, הער ווענטיל. איר גייט נישט אין דער אָפּערע? טיטאָ רופאָ זינגט.

וועניטיל

איך האָב פיל ארבעט, דערצו האָב איך קיין בילעט
נישט באַקומען. און דערצו...

אננא

שלאָגט אים איבער

דריי אורזאכן איז קיין אורזאַך... דער אמת האָט נאָר
איין אורזאַך...

שטיל

דו ווילסט היינט נישט זיין אין טעאַטער, ווייל איך
וועל דאָרט זיין... דו האָסט היינט אַ ראַנדעוואו מיט
א צווייטער... דו ליבסט מיך נישט מער!

וועניטיל

טסס... מיר זענען נישט אליין!.

אננא

באמערקט בעמן, פויגט זי זיך אריבער איבערן שרייבטיש מכלומרשט
פאראינטערעסירט אין וועניטילס ארבעט

נאָך אַלץ שרייבט איר דאָס זעלבע?

וועניטיל

יאָ, אָבער איך וועל זיי באַלד ענדיקן.

אננא

אָ! ווען איר דאָך קענען נאָך היינט גיין מיט אונז
אין טעאַטער!

וועניטיל

דאָס — ליידער — נישט.

אננא

שטיל בײַז

זאָג איך דאָך, אַז דו ליבסט מיך נישט מער!

וועניטיל

אויך שטיל

באַהערש זיך, אננא. מאָרגן וועל איך זיין ביי דיר.

אננא

דריי אַ זייגער

וועניטיל

יאָ.

אננא

זיכער?

וועגטיל

זיכער

בעם האָט באמעקרט די גאנצע סצענע

שטראָס

קומט צוריק

דו מוזט מיר אנטשולדיקן, אננא פאַר אליין אין טע-אטער, איך וועל מוזן א ביסל פאַרשפעטיקן...

אננא

קאפריזנע

איך וויל נישט! איך האָב פיינט יעדע מוזיק אָן דיר! שוין קום מיט מיר!...

שטראָס

אוממעגלעך, ליב קינד...

קושט זי אויפן שטערן

אננא

מאכט קינדישע גרימאסן

אלץ איז מעגלעך, ווען דאָס קינד פארלאנגט...

שטראָס

טאָ זאָל דאָס קינד נישט פאַרלאַנגען דאָס, וואָס איז אוממעגלעך... נו, גענוג צו קאפריזן זיך. מיין קליענטווארט. געשעפט איז געשעפט.

קושט איר האנט

אננא

מאכט א קינדיש געוויין

הי, הי, הי... איך האָב פיינט דעם שלעכטן קארלן.. פיינט... פיינט...

שטראָס

נו, דאָס וועלן מיר שוין זען...

אננא

שלאָגט גלייך איבער די קאָמעדיע, אָנכאַפּנדיק וועגטילס אָרעם (אָפּ)

פיר מיך אָפּ צו דער קארעטע!...

לויפט צו דער טיר, אים מיטשלעפנדיק

ווענטיל

ווײל זיך באפרייען

לאָז מיך. דו צערייסט מיר דעם ארבעל... ווילדע אננא...

ביידע אָפּ

בעם

גייט צו ביז דער טיר, קוקט זיך א ווײלע נאָך, לאכנדיק שטיל, בייסנד, דערנאָך שוידערט ער זיך אָפּ

כי!

ער וויל צוריק גיין אויף זיין פלאץ און טרעט אָן אויף א גאָלדענעם בראָסלעט, וועלכן אננא האָט פארלוירן, ארויסשלעפנדיק ווענטילן.
ער הייבט עס שנעל אויף

מאדאם!...

וויל איר נאָכלויפן. באלד אָבער שטעלט ער זיך אָפּ, דענקט א ווײלע, קוקט אויף דעם בראָסלעט, ציטערט מיט די ליפּן.

פאר איר נישט מער ווי אזא קלייניקייט און פאר מיר...

אלץ, אלץ...

אויף זיין געזיכט זעט זיך, א געוואלדיק שווערער אינערלעכער קאמף.
באלד באהאלט ער דאָס געזיכט אין ביידע הענט

ניין נאָר נישט דאָס...

טראָגט דעם בראָסלעט אויף דער אָפענער האנט צו שטראָס קאבינעט.
וויל אָנקלאַפּן און בלייבט דאָך באלד שטיין. אַ לאנגע שווערע ווײלע...
ער ווישט דעם שטערן פון קאלטן שווייס

נאָר דאָס איינע מאָל?... צוליב זיי...

עס הערט זיך א קלאפּ מיט דער טיר. בעם ווערט ווי צעמישט, זוכט ארום זיך, וויל דעם בראָסלעט אוועקלייגן אויפן זעלבן פלאץ, פון וואנען ער האָט אים גענומען, אבער איידער ער באוויזט דאָס צו טון, קומט אריין ווענטיל, בעם באהאלט אינסטינקטיוו דעם בראסלעט צו זיך אין טאש.

ווענטיל

איר זענט נאָך אלץ דאָ?

בעם

צומישט

ניין...

ווענטיל

ווי הייסט — ניין?

בעם

ס'הייסט, איך האָב שוין געוואָלט אוועקגיין...

וועניל

נאָר וואָס?

בעם

איך גיי שוין טאַקע...

בלייבט דאָך אויפן פּלאַץ, קוקנדיק אומרואיק ארום זיך

וועניל

וואָס איז אייך? איר זענט, דאכט זיך, קראַנק?

בעם

ניין, ווער זאָגט דען?... אדיע!

רייסט זיך אָפּ פון אָרט און וויל גיין

וועניל

פארהאַלט אים

ווארט נאָר.

בעם

פארצאפּלט

וואָס ווילט איר?

וועניל

איך וויל נישט, איר זאָלט פון דאַנען אזוי אוועקגיין...

בעם

איר ווילט נישט...

וועניל

איך פיל, אז איר מוזט זיין זייער אומגליקלעך...

בעם

איז דערפאר.

וועניל

וויל איך אייך מיט וואָס ס׳איז ארויסהעלפן...

ער דערלאַנגט אים קלינגעלט, זילבער

בעם

קוקט אויף אים שטאר

א נדבה... ווי א בעטלער!...

וועניל

איר וועט עס מיר אָפּגעבן, ווען איר וועט האבן...

בעם

ניין, אַ דאנק... לאָזט מיך גיין...

ווענטיל

זי איר ווילט...

באהאלט צוריק זיין געלט

אויף ווידערזען!

דערלאַנגט אים די האנט. בעם נעמט זי נישט

איר ווילט מיר שוין אפילו די האנט נישט געבן?
אזוי בייז זענט איר אויף מיר?

בעם

ניין. ווער זאָגט דען...

ווענטיל

נאָר וואָס דען? אהא, מיר זענען נישט פאָרגעשטעלט.
מיין נאָמען איז ווענטיל.

בעם

מאשינאל

בעם...

זיי דריקן זיך די הענט

ווענטיל

איצט קאָנען מיר זיך זעצן און ריידן ווי באקאנטע,
אָדער ווי פריינט, אויב איר וועט מיר דערלויבן זיך
אזוי אויסצודריקן?...

ער דערלאנגט אים א שטול

בעם

זיצט נישט

איך בין נישט אייער פריינט...

ווענטיל

איראניש

אך, ס'פאסט אייך נישט, ווייל איר זענט דער פריינט
פון ה' שטראָס אליין.

בעם

מיט אים זענען מיר שוין אויך קיין פריינט נישט.
אמאָל זענען מיר דאָס יאָ געווען. אין גימנאזיום פון
דריטן קלאס אָן, און דערנאָך אין אוניווערזיטעט... אלס
סטודענטן צוזאמען געוואוינט, צוזאמען געלערנט, צו-
זאמען געהונגערט...

ווענטיל

פארחאונדערט

האָט איר, הייסט עס, געענדיקט אן אוניווערזיטעט.

בעם

איך האָב נישט געענדיקט.

ווענטיל

פאראינטערעסירט

פארוואָס?

בעם

דאָס איז א גאנצע געשיכטע.

ווענטיל

דערציילט מיר אלץ, עס אינטערעסירט מיך זייער...

בעם

איך האָב אייך גישט וואָס צו דערציילן. לאָזט מיך גיין.

ווענטיל

דאָך... פארוואָס האָט איר נישט געענדיקט? וואָס האָט אייך געשטערט?

בעם

נערוועז

לאָזט מיך! וואָס ווילט איר פון מיר? איך האָב נישט איצט קיין מוט צו בארואיקן אייער פוסטע נייגעריקייט. מיר האָבן איבערהויפט גאָרנישט מיט אנאנדער נישט מיט אייך, נישט מיטן אדוואָקאט! דאָס דריטע מאָל לאָזט ער מיך שוין אזויווארטן שעהן-לאנג, אומזיסט. איצט האָט ער אודאי ווידער אָן מיר פארגעסן... וואָלט ער מיר כאָטש באלד צום ערשטן מאָל געענטפערט יאָ, אָדער ניין. איך האָב דאָך ביי אים נישט געבעטן קיין געלט, נאָר ארבעט! ער האָט אזעלכע ברייטע באקאנטשאפט, אזא געוואלדיקן איינפלוס אומעטום. פאר אים דארף עס דאָך נישט זיין שווער... האָט ער מיר צוגעזאָגט זיך ארומצוזען אין אייניקע טעג... לויף איך צו אים שוין באלד דריי וואָכן, און אין דער היים — צוויי קראנקע... מיין ווייב און איר מוטער... דאָס קינד ווייגט, פון קעלט, פון הונגער!... וואָס זאָל איך זיי טון!...

פאלט אויפן שטול. א לאנגע פויזע. פלוצלינג הערט זיך פון פאָדער-
צימער אַ קלונג. ער שפרינגט אויף

מען גייט!...

באלד הערט זיך אננאס שטים, ווי זי רעדט דאָרט געוויס מיטן דינער

וועגטיל

בארואיקט אים

וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן! דאָס איז נאָר די מאדאם שטראָס צוריקגעקומען. געוויס עפּעס פארגעסן...

אננא

לויפט אריין

איר האָט נישט געזען?... איר האָט נישט געפונען מיין בראָסלעט?

זי זוכט

וועגטיל

אייער בראָסלעט? דאָ האָט איר אים פארלוירן?...

העלפט איר זוכן. שטיל

טייערע, האָסט טאקע אויף אן אמת פארלוירן, צי דאָס איז נאָר אן אויסרייד אויף צוריקצוקומען?

אננא

בייז

פארלוירן, פארלוירן! און אלץ דורך דיר... ווען איך כ'האָב דיך געצויגן, אז דו זאָלסט מיך באגלייטן אין קארעטע, איז ער מיר געוויס פון דער האנט אראָפּגעפאלן!

וועגטיל

איך האָב דען נישט געוואָלט גיין? נישט מער, ס'האָט מיר וויי געטון. דו האָסט מיר געמאַכט א בלאָען צייכן אויף דער האנט...

אננא

איבערטריבן סענטימענטאל

און דו מאכסט מיר פיל בלויע צייכנס אויף מיין הארץ! דו ליבסט מיך שוין נישט מער!...

וועגטיל

אָבער וואָס דיר פאלט איין...

אננא

ענדערט פלוצלינג דעם טאָן

פארוואָס זוכט איר נישט מיין בראָסלעט?!...

וועניטיל

איך זוך דאָך אים...

אננא

באמערקט בעמ'ן, קוקט אים אָן פאַרשנד

ווער איז דער הער?

וועניטיל

דעם אדוואָקאטס יוגנט-פריינט, הער בעם.

אננא

אנטשולדיקט, אפשר האָט איר געזען...

בעם

ענדיקט

אייער בראָסלעט?

אננא

יאָ...

בעם

ביטע, אָט איז ער...

נעמט אים ארויס פון טאש און גיט איר אָפּ

אננא

ערשטוינט

איר האָט אים אויפגעהויבן און באהאלטן צו זיך אין טאש?!...

בעם

אַנטשולדיקט... איך...

אננא

איר ווילט זאָגן, אז איר האָט נישט געוואוסט צו וועמען ער געהערט? דאָס איז א ליגן! איר האָט מיך דאָ געזען. און אויב איר האָט נישט באמערקט, אז איך האָב דעם בראָסלעט פאַרלוירן, האָט איר דאָך געמוזט וויסן, אז ער קאָן נישט געהערן קיין אַנדערן, נאָר מיר...

צו וועניטיל

ווער, זאָגט איר, איז דער הער?

וועגטיל

הער בעם...

אננא

מיין מאנס פריינט, האָט איר געזאָגט?...

וועגטיל

המ... יאָ... ס'הייסט — זיין יוגנט-פריינט...

אננא

נערוועז

דאָס קאָן נישט זיין! דער מאן איז דאָך א געוויינ-לעכער גנב!

בעם

שווייגט!...

הויבט אויף די פויסט קעגן איר

וועגטיל

צי זענט איר פון זינען אראָפ!...

כאַפּט אים פארן האנט

בעם

האלט זיך באלד צוריק

אנטשולדיקט... איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך דאָ... איך ווייס שוין גאָרנישט!... לאָזט מיך אוועקגיין פון דאנען! לאָזט מיך!...

האלט זיך קוים אויף די פיס

אננא

אויסער זיך

דער מענטש האָט געוואגט אויפהויבן קעגן מיר זיין האנט!

לויפט צום קאַבינעט און קלאפט ענערגיש אָן

קארל! קארל! קום נאָר אהער!...

שטראָס

לויפט אריין

וואָס איז געשען?

אננא

ווייזט אויף בעמן מיט פאראכטונג

ווער איז דער אינדיווידואום?...

שטראָם

ערשטוינט

וואָס רעדסטו, אננא?

צו ווענטיל

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

אננא

איך פרעג דיך. ווער איז דער מענטש, וועלכער איז פעאיק צו באהאלטן אין טאש, א פרעמדע זאך?

שטראָס

אָבער אננא!...

אננא

איך האָב מיין בראסלעט פארלוירן און האָב עס ביי אים אין טאש צוריק געפונען!

שטראָס

וואָס?!

אננא

און אזעלכער האָט נאָך געוואגט אויף מיר די האנט אויפצוהייבן!...

שטראָס

אויף דיר?!

אננא

יאָ. און דאָס נאָר דערפאר, ווייל איך האָב אים אָנגע-רופן ביי זיין ריכטיקן נאָמען...

בעם

גנב! האָט זי מיך גערופן!...

אננא

יאָ! ווייל ער איז עס!

בעם

שיסט אויס אין א היסטערישן געוויין, פאלנדיק אויף א שטול

איך בין עס דאָך נישט! איך בין נישט! איך בין עס קיינמאָל נישט געווען! ניין ניין...

(באהאלט זיין פּנים אין די הענט. פּויזע)

ש ט ר אָ ס

(שטיל צו וועגטיל)

איז דאָס אַלץ אמת?

וו ע נ ט י ל

ליידער

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ)

ש ט ר אָ ס

אָבער — דאָס איז דאָך אוממעגלעך!

וו ע נ ט י ל

אזוי איז עס דאָך געווען. אייער פרוי האָט דאָ פאַר־לוירן איר בראַסלעט און איז באַלד צוריקגעקומען אים זוכן... דער מאַן האָט אין אָנפאַנג זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. ערשט שפּעטער האָט ער דעם בראַסלעט צוריקגעגעבן...

ש ט ר אָ ס

אַ, ווי נידעריק אַ מענטש קאָן פאַלן, ווען ער מאַכט נאָר איין פאַלשן שריט אין לעבן.

א נ נ א

נישט אמת, קאַרל, דער מענטש איז נישט דיין פריינט!

ש ט ר אָ ס

ליידער, אמאָל איז ער געווען מיין נאָענטסטער פריינט...

א נ נ א

אויב אזוי, איז עס נאָך שרעקלעכער!...

ש ט ר אָ ס

יאָ, דאָס איז שרעקלעך...

א נ נ א

וואָס־זשע דענקסטו מיט אים איצט צו טון? וועסט דען אים לאָזן אַרעסטירן? איך האָב שוין אויף אים רחמנות...

ש ט ר אָ ס

ניין, דאָס נישט... נאָר לאָז מיך מיט אים איצט אַליין.

א נ נ א

איך האָב מורא דיך מיט אים אַליין צו לאָזן. אוזעלכער איז שוין פּצאיק אויף אַלץ...

שטראָס

רייד נישט קיין קינדהייטן, אננא...

אננא

איך האָב געלייענט אמאָל אזא ענלעכע געשיכטע...

שטראָס

א, נארישקייטן. פאַר זיך רואיק אין טעאטער, איך וועל שפעטער נאָכקומען.

אננא

ווען וועסטו קומען, אז ס׳איז שוין איצט באלד נאָכן ערשטן אקט!...

שטראָס

נו, טאָ זאָל אפשר הער ווענטיל היינט מיין פלאץ פארנעמען? איר ווילט הער ווענטיל?

ווענטיל

מיט פארגעניגן.

שטראָס

ביטע. און פארלירט שוין נישט מער קיין צייט, אדיע... ווילט אייך גוט...

אננא

גוט זיך ווייַלן אָן דיר, קארל? איז דאָס דען מעגלעך?... דערלאנגט מיר אייער אָרעם, הער ווענטיל...

כאפט אים אונטערן אָרעם אוןביידע שנעל אָפּ

שטראָס

שפאנט אויף און אָפּ איבערן צימער זייער אויפגערעגט

איך קאָן דאָס גאָר נישט פארשטיין... א!... א!... זאָג מיר, איז דיר דען שוין אזוי שלעכט געוואָרן, אז... אז דו האָסט אוש געמוזט... פארוואָס האָסטו דאָס געטון? דערקלער עס מיר! איך האָב דאָס רעכט ביי דיר דאָס צו פאָדערן! זאָג! פארוואָס האָסטו דאָס געטון?!

בעם

האלט ביידע הענט אָנגעשפּארט אויף די קני, דעם קאָפּ האָט ער אין די הענט פארזייגט און ענטפערט נישט

שטראָס

דו, וועלכער האָסט זיך אייביק צווישן אונז אלע אויס־געצייכנט מיט דיין פיינעם כאראקטער, דו, וועלכער ביזט קיינמאָל נישט איינגעגאנגען אויף וואָטערע ס'איז קאָמ־פראָמיסן... דער ערלעכסטער ביזטו געווען, דער ריינ־סטער, דער שטאָלצסטער צווישן אלע סטודענטן, ווי האָסטו געקאָנט זיך אזוי נידעריק ארונטערלאָזן?!... איך קאָן דאָס גאָר נישט באגרייפן! איך קאָן דאָס גאָרנישט מיט מיין פארשטאנד ארומנעמען!...

בעם

צו־וויט ביזטו אוועק פון מיר, אז דו זאָלסט מיך נאָך איצט קאָנען פארשטיין...

שטראָס

איך מיין פארקערט: דאָס ביזטו אוועק פון מיר וויט!... דאָס ביזטו אראָפּ פון נאָרמאלן וועג.

בעם

שטעלט זיך פלוצלינג אויף שטאָלץ און זאָגט עס שטראָסן שארף אין די אויגן אריין

אויף דיין נאָרמאלן וועג בין איך קיינמאָל נישט גע־ווען! און פון יענער נאכט אָן זענען אונזערע וועגן איין מאָל פאר אלע מאָל זיך צעגאנגען!

שטראָס

וועגן וועלכער נאכט רעדסטו עס?

בעם

דו ווייסט עס גוט... און אויב דו האָסט עס שוין פאר־געסן, דערמאן איך דיך עס איצט. די ווייסט, ווען דו האָסט אלס סטודענט זיך ארויסגעגנבעט פון אונזער בשותּפותדיק וואוינונג און ביזט אנטלאָפן פון דער אָרי־מער בערטא, וועלכע דו האָסט פארפירט, איבערלאָזנדיק זי אין דער פארצווייפלטער לאגע!

שטראָס

לאָזט אראָפּ די אויגן און שווייגט

בעם

ווערט אלץ שטאַרקער, שטרענג און שטאָלצער, ביסלעכווייז ווערט ער פון אַ באַשולדיקטן דער באַשולדיקער

נו, איצט דאַרף דיר שוין אַלץ זיין קלאָר... צוויי חברים זענען מיר געווען, צוויי שוועסטער האָבן מיר געליבט... נאָר איך האָב מיין קלאַרא ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרלאָזן! פאַר מיין — אפשר לייכטזיניקער — ייגנט-ליבע האָב איך מיט מיין גאַנץ לעבן באַצאָלט!... איך האָב מיט קלאַראן חתונה געהאַט און האָב דערפאַר פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו ענדיקן מיין שטודירן, ווייל צוזאַמען מיט איר. איז אויף מיין קאָפּ געפאַלן איר אַלטע מו-טער, וועלכע זי האָט פריער דערנערט און אויך איינ-צייטיק — דיין בערטאַן...

שטראָס

בערטא?!... איז זי דען אויך ביי דיר?

בעם

נאָך מיט אַ חודש צוריק איז זי ביי מיר געווען... פון יענער צייט אָן איז זי ביי מיר געזעסן, צוזאַמען מיטן קינד...

שטראָס

מיט מיין קינד?!

בעם

מיט דיין קינד.

שטראָס

מיין קינד לעבט?...

בעם

דיין קינד האָט די גאַנצע צוויי יאָר שווער געקרענקט. בערטא האָט דערפאַר נישט געקאָנט אַרבעטן, און! ווי זי האָט זיך ביי דעם קראַנקן קינד געמאַטערט!... גאַנצע צוויי יאָר...

שטראָס

און איצט?...

בעם

מיט פינף וואָכן צוריק איז דיין קינד געשטאָרבן...

שטראָס

קערט אָב זיין געזיכט שווייגט. פויזע

און בערטאַ? וואָס טוט זי איצט?

בעם

זי האָט גלייך נאָכדעם מיין הויז פארלאָזן. ס'איז אונז שוין לענגער אוממעגלעך געווען לעבן צוזאַמען אין ענגעניש און אין נויט... ווי לאַנג איך האָב נאָך געהאַט ארבעט אין ביוראָ ביים בויען די נייע אייזנבאן-ליניע, האָבן מיר נאָך געקאָנט ווי-עס-איז דורכקומען, אָבער זינט איך האָב מיין שטעל פארלוירן, איז אונז אַלע געווען זייער, זייער שווער. אָפט איז אונז אויסגעקומען צו הונגערן צוזאַמען מיט בערטאַס קראַנק קינד...

שטראָס

שטאַמלט

פארוואָס האָט זי, פארוואָס האָט איר זיך צו מיר נישט געווענדט נאָך הילף? איך וואָלט דאָך... איך וואָלט דאָך אַלץ געטון!...

בעם

זי האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט, נאָכדעם ווי דו האָסט זי אויף אַזאַ ארט פארלאָזן.

שטראָס

וואו געפינט זי זיך איצט?

בעם

דאָס ווייס איך נישט. זינט זי איז פון אונז אוועק, איז זי ווי אין וואַסער אריינגעפאַלן... מיר האָבן אויך באַלד די שטאָט פארלאָזן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ אָרגאַניזירט זיך אַ נייע אייזנבאַן-געזעלשאַפט בין איך אַהער געקומען זוכן ארבעט, ווייל אין דעם פאַך בין איך שוין פיל-ווייניק באַקאַנט. אַהער קומענדיק, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דו ביזט דער אַדוואָקאַט פון דער געזעלשאַפט און איז דיין פּראָטעקציע איז עס

זייער פיל געוועגדט, איך זאָל א שטעל באקומען... ס׳האָט זיך מיר זייער נישט געוואָלט דיך בעטן, אָבער דאָך – געצוואונגען פון דער לעצטער נויט... איך האָב עס אויף קיין פאל נישט געוואָלט טון, אָבער מיין ווייב, איר קראנקע מאמע, מיין קינד... זיי האָבן מיך דערצו גענויט... פאַר זיי בין איך אימשטאנד אלץ אי־בערצוטראָגן... פאר זיי בין איך אימשטאנד אלץ צו טון... און דאָס וואָס ס׳איז געשען דאָ, מיט דעם פאר־שאָלטענעם בראסלעט, דאָס איז אויך נאָר צוליב זיי... נאָר זיי צו ראַטעווען פון הונגער... אך, דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז הונגער! דו ווייסט נישט, צו וואָס א מענטש איז פעאיק, ווען זיינע נאָנטסטע הונגערן!..

שטראָס

איך בין א מענטש, און אלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז מיר נישט פרעמד... אָבער דאָך איז פאר מיר דיין היינטיקע טאט גאנץ אומפארשטענדלעך! אויף קיין פאל קאָן איך דיך פון איר נישט גערעכט מאכן... אויף קיין פאל!!... עס טוט מיר זייער לייד... איצט נאָכמער, ווייל איך וואָלט געוואָלט פאר דיר אלץ טון... איצט נאָכמער, ווי פריער... נאָכדעם, וואָס איך בין דאָ געוואָר גע־וואָרן... אָבער איך טאָר עס נישט! איך האָב פרינציפּן. דאָס, וואָס איך בין דיר שולדיק, דאָס איז אנאנדער זאך... וויפיל בערטא מיטן קינד האָבן דיך געקאָסט, דאָס וועל איך דיר באַצאָלן... באלד...

בעם

נערוועז

איך האָב מיט דיר קיין שום רעכנונגען נישט. איך וויל פון דיר גאָרנישט! נאָר אַרבעט גיב מיר!

שטראָס

א שטעל אין ביוראָ קאָן איך פאר דיר נישט אויסארבעטן.

בעם

דו קאָנסט עס יאָ!

שטראָס

רויק

דו קאָנסט עס איצט פון מיר שוין מער נישט פאָדערן. איך קאָן דאָך נישט פּראָטעזשירן א מיטארבעטער, אין וועלכנס ערלעכקייט איך בין נישט פאָלשטענדיק איבערצייגט...

בעם

פאַלט אריין אין א היסטעריש געלעכטער

כא, כא, כא! און דאָס זאָגט מיר דער, וועלכער דארף זיין געגנוג איבערצייגט אין זיין אייגענער אומערלעכקייט!...

שטראָס

ווייטענד

שווייג! איך פארווער דיר מיך צו באליידיקן!

בעם

דו דארפסט עס פּילן צום בעסטן, אז אויב ווער פון אונז ביידן איז דער גנב, ביזטו עס, נישט איך!...

שטראָס

לאכט שטיל

בעם

דו מאכסט זיך לאכן!... אָבער דו פארשטייסט עס, דו מוזט עס פילן?

שטראָס

לאכט ווי געצוואונגען

בעם

דו לאכסט נאָך אלץ? וועל איך דיר זאָגן נאָך דייטלעכער. דיין איצטיקע, זאָגענאנטע ערלעכע קאריערע האָסטו צו פארדאַנקען דאָס, וואָס דו האָסט דעמאָלסט געהאַט מוט צו האנדלען ווי א גנב!

שטראָס

הערט אויף צו לאכן, ווערט ערנסט

בעם

איצט לאכסטו שוין נישט...

שטראָס

הם... איך קאָן מיר דאָך דערפון נישט מאכן קיין

פאָרוואורף... איך האָב דעמאָלט געמוזט אנטלויפן, ווייל... ווייל איך האָב נישט געוואָלט גיין צו גרונד צוליב א... צוליב עפּעס א מיידל... פאר איין בחורישן פעלער, פאר איין אומפאָרזיכטיקייט באצאָלן מיט מיין גאנץ לעבן — אָ, דאָס וואָלט געווען פיל צו טייער!... איך האָב מיר איצט גאָרנישט פאָרצוווארפן... אזוי האב איך געמוזט טון!...

בעם

און דאָס זאָגסטו אויף זיכער? מיט אן איבערצייגונג, אז דיין געוויסן איז ריין?...

שטראָס

יאָ. איך בין אין דער ריינקייט פון מיין געוויסן פאָלשטענדיק איבערצייגט...

בעם

אויב אזוי מוז איך דיר זאָגן, ביזטו איצט דערוזעלבער גנב, וואָס דעמאָלסט!

שטראָס

ווארפט זיך אויף אים מיט אויפגעהויבענע פויסטן

דו וואגסט!...

בעם

גייט אים אנטקעגן

יאָ! איך וואג!... איך האָב געמיינט, אז דו האָסט דיין שולד שוין לאנג אויסגעקויפט דורך חרטה... איך זע אָבער איצט, אז חרטה און אין אלגעמיין — מאָראל, דאָס זענען פאר דיר פרעמדע באגריפן. פאר דיר עקזיסטירט נאָר קאריערע! פאר דיין אייגענער קאריערע טוסטו אלץ... אויב דו ביזט ערלעך, איז עס נאָר דערפאר, ווייל אזוי פארלאנגט עס דיין קאריערע, אויב דו באגנבעסט איצט נישט קיינעם, איז עס, ווייל — ערשטנס, דארפסטו עס נישט און צווייטנס, קאָן עס דיין קאריערע שאדן... מענטשן, וועלכע קענען נישט דיין מאָראלן ווערט, וועלכע קענען נישט דיין געוויסן גלויבן דיר,

אַלע אכטן דיך!... איך אָבער האָב דאָס רעכט דיר צו שפּייען אין פּנים — און דאָס טו איך! טפו!...

שטראָס

לויפט וויטענד צום שרייב־טיש, עפנט א שופלאָד, נעמט ארויס פון דאָרטן א רעוואָלווער און צילט אויף בעסן

בעם

אָן א ציטער

נו, שיס אין מיר, אויב דו ביזט זיכער, אז איך האָב דיך אומזיסט באַליידיקט!... נו... פאַרוואָס שיסטו נישט?...

שטראָס

לאזט אראָפּ די האַנט מיטן רעוואָלווער

בעם

הע, הע... דיין געוויסן האָט ענדלעך דאָך ערוואכט!..

איצט קאָן איך שוין גיין, אדיע, הער שטראָס! דאָסמאָל צוגיין זיך אונזערע וועגן שוין זיכער אויף אייביק...

גיט, באַלד קומט ער צוריק פון פאָדער־צימער, שוין מיטן הוט אויפן קאָפּ, בלייבט שטיין א ווייַלע אויף דער שוועל, נאָכדענקענדיק

פונדעסטוועגן בין איך דאָך נישט זיכער, צי דערפאר האָסטו אין מיר נישט געשאָסן, ווייל דיין געוויסן האָט אין דיר ערוואכט, צי נאָר דערפאר, ווייל דו האָסט גאנץ געוויינלעך פּלוצלינג מורא באקומען פאר דער פאראנטוואָרטלעכקייט... ווער האָט אין דיר ערוואכט? דער מענטש, צי דער אדוואָקאט?...

שטראָס

שווייגט

בעם

איך פאַרשטיי, אז פון דיר וועל איך דערויף קיין ענטפער נישט באקומען, נו, זאָל זיין אָן דעם...

אפּ

שטראס

בלייבט אויף זיין פּלאץ אָן באוועגונג. לענגערע פּויזע

די פארשלייערטע דאמע

קומט פון קאַבינעט זייער פאָרזיכטיק, נאָר ווען זי איבערציייגט זיך, אז ס'איז קיינער נישטאָ וואַרפט זי אראונטער איר שלייער און אנטפּלעקט זייער א שיין, יונג געזיכט

ביזט גאָר אליין, קארל!

שטראָס

חי אויפגעוואכט

יאָ, זינא. איצט בין איך שוין פריי..

די דאמע

אויפן גאנצן אוונט מיינער!

שטראָס

אויפן גאנצן אָוונט... דיינער...

די דאמע

כאפט אים אַרום לײדנשאפלעך

אָ, קארל! מיין קארל!...

פאָרהאנג

מייז ווייבס משוגעת

א שפאס אין איין אקט

געשפילט צום ערשטן מאָל אויף פויליש — אַלס אָריגינאַל — אין וואַרשע 1902.
געדרוקט אין זעלבן יאָר אין וואַרשע — קראָקע — לאָדז בײ „Gebetner i Wolf“.
געדרוקט צום ערשטן מאָל יידיש אין אברהם רייזענ'ס וואָכנשריפט „דאָס נײַע לאַנד“ № 17,18 ניו-יאָרק 1911.
געדרוקט אין שפּאַניש אין זשורנאַל „Israel“ בוענאָס איירעס 1923

פּערזאנען:

גבריאל שטיין

ראָזא
זיין גאָר יונג ווייבל

קלאַרא ווייס
איר שוועסטער, א יונגע אלמנה

אדאָלף וועבער
שטיינ׳ס פריינד

שפּעטער אין שטיינ׳ס וואָהנונג; מיטעלמעסיג פאַרמעגלעך איינגעאָרדנט.

א ווײַלע איז קײנער נישטאָ. באַלד הערט
זיך פֿון פֿאָדערצימער אַ קלונג און — נאָך
אַ קלײנער פּויזע — אַ צווײטער קלונג.

קלאַרא

(קומט פֿון איר צימער, רופֿט אין דער טיר פֿון פֿאָדערצימער.)

אננא! עפֿן די טיר. אַ! דאָס זענט איר, הער וועבער!
ביטע.

וועבער

קומט. ער איז אַ ײַנגער נישט דרײסטער.

יאָ... איך. אַ גוטן אָוונט אײַך, מאַדאַם ווײַס...

קלאַרא

אַ גוט יאָר אײַך, הער וועבער. איך האָב געוווּסט, אַז
איר וועט הײַנט קומען. ביטע, זיצט.

זי זעצט זיך בײַם טישל.

וועבער

איר האָט געוווּסט? פֿונוואַנען?

קלאַרא

מײַן האַרץ האָט עס מיר געזאָגט... פֿאַרוואָס זיצט איר
נישט?

וועבער

אַ דאַנק!...

ער זעצט זיך האַסטיק.

אויב אײַער האַרץ האָט אײַך יאָ געזאָגט, אַז איך וועל
הײַנט קומען, הײסט עס דאָך, אַז איר... כ'מײן, אַז אײַער

הארץ... כ׳מיין... כ׳מיין...

דרייט דעם הוט אין ד׳ הענט, נישט קענענדיק זיך ארויספּלאָנטערן.

קלארא

הער וועבער!

וועבער

שפּרינגט אויף.

וואָס, מאדאם?

קלארא

שטערט אייך נישט, זיצט.

וועבער

א דאנק, מאדאם...

זעצט זיך. שוויגט.

קלארא

דאכט זיך, אז איר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן?

וועבער

יאָ. געוואָלט. שטאַרק געוואָלט... ס׳הייסט, געוואָלט האָב איך שוין לאנג... כמעט דעם ערשטן טאָג, ווען איר זענט אהער־געקומען צו אייער שוועסטער... יאָ!... שוין דעמאָלט האָב איך געוואָלט אייך זאָגן... אָבער איך האָב נישט געוואגט... איר ווייסט, איך בין אביסל — ווי הייסט עס — א... א...

קלארא

א נישט דרייסטער.

וועבער

יאָ... ס׳הייסט — ניין! צווישן מענער נישט... פאר־קערט: צווישן מענער בין איך א — א מאן... אָבער צווישן פרויען איז... איז הייסט עס — בין איך א...

קלארא

א שעמעוודיקער...

וועבער

יאָ...

קלארא

זאָל זיך אייך דאכטן, אז איך בין א מאן — און זאָגט

דרייסט, וואָס איר האָט צו זאָגן!

וועבער

אָ! אויב איר זענט אַ מאַן — האָב איך אייך שוין גאָר
נישט וואָס צו זאָגן!...

קלאַרא

ניין! ניין! איך בין אַ פרוי!

וועבער

אָט, דאָס איז עס דאָך... דערפאַר בין איך דאָך אַזוי...
אָבער ניין! היינט, דוקא היינט האָב איך פעסט באַ
שלאָסן...

קלאַרא

העלפט אים ארויס.

מיר צו ענטדעקן...

וועבער

יאָ... צו ענט—דעקן...

דער הוט פאַלט אים פּלוצלינג ארויס פון דער האַנט, ער הויבט
אים אויף, פאַרלירנדיק די ברילן, ווען ער האָט שוין אויפגע-
הויבן ביידע, איז ער נאָך מער צומישט און פערשעמט איידער
פריער.

קלאַרא

וואָס איז אייך היינט, הער וועבער?

וועבער

גאָרנישט, מאַדאַם ווייס... נישט מער — דאָס, וואָס איך
האָב היינט געהאַט אויף פעסט באַשלאָסן אייך צו זאָגן
וועל איך אייך זאָגן...

קלאַרא

דערפרייט

וועט איר מיר זאָגן...

וועבער

מאָרגן.

גייט שנעל צו דער טיר.

קלאַרא

ווארט, הער וועבער! מיין שוואָגער דאַרף באַלד אָנ-
קומען.

וועבער

דערפרייט

גבריאל קומט צו פאָרן?!

קלארא

מיר דערוואַרטן אים יעדע מינוט.

וועבער

איז דאָך גוט! זעט איר, אים וועל איך שוין יאָ זאָגן
באַלד ווי ער וועט קומען, אז — איך האָב אייך ליב!...

קלארא

ציטערט אויף מיט פרייד

איך ווייס עס.

וועבער

פון וואַנען? ווער האָט אייך געזאָגט?

קלארא

איר אליין... און נישט איין מאָל... וויפיל מאָל איר האָט
געוואָלט דאָס זאָגן און — איר האָט נישט געקענט, האָב
איך יעדעס מאָל דאָך געהערט, ווי אייער הארץ שרייט:
איך ליב אייך!

וועבער

זעט! — און איך האָב געמיינט, אז איר ווייסט נישט
און ווילט נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין
הארץ...

קלארא

ס'איז נישט געווען אזוי. א הארץ פילט א הארץ...

וועבער

הייסט עס — איר... אויך?!

קלארא

יאָ... איך האָב אייך אויך ליב.

וועבער

וואָס איך הער?! געוואלט! אזא גליק האָט מיך פלוצלינג
באַגעגנט! איך וואָלט, דאַכט זיך, איצט ארומגעכאַפּט
קושן די גאַנצע וועלט...

וויל זי ארומנעמען.

קלארא

דרייט זיך געשיקט אויס פון זיינע אפענט

ניין, הער וועבער! אויב איר וועט וועלן קושן די גאנ-צע וועלט, וועט איר מיך צו קושן נישט באקומען.

וועבער

ווערט מיטאמאל ביי זיך שטארק

נישט באקומען, זאָגט איר? איך וועל זיך אליין נעמען! ווייס איך נאָר, אז איר ליבט מיך, וועט אייך שוין קיינער פון מיינע הענט נישט ארויסרייסן! ווי לאנג איך האָב נישט געוואוסט, האָב איך נישט געוואוסט, איצט אָבער, אז איך ווייס שוין...

קלארא

ענדיקט...

ווייסט איר שוין...

וועבער

ווייס איך שוין... ע, איר לאכט גאָר פון מיר...

קלארא

חלילה! איך מעג דען לאכן פון א מאנסביל?...

וועבער

איר מאכט חוזק פון מאנסבילשאפט... אמת, איך ווייס, אז איך זע איצט אויס ווי א יונגל ביים ערשטן עקזאמען. נו, איז וואָס? עס איז דאָך היינט ביי מיר צום ערשטן מאָל...

קלארא

וואָס רעדט איר?! טאקע צום ערשטן מאָל?!

וועבער

אויף מיין וואָרט! — כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט קיין פרוי, אז איך ליב זי... אויף מיין ערנוואָרט!

קלארא

איך גלויב אייך. און נור ווייל איך גלויב אייך, האָב איך געפונען געניג מוט חתונה צו האָבן א צווייטן מאָל, נאָכדעם ווי איך בין געווען אזוי אומגליקלעך מיט מיין ערשטן מאן עליו-השלום. איר ווייסט דאָך.

וועבער

שלאָגט איבער

איך ווייס! איך ווייס. אָבער וואָס טויג אונז צו רעדן וועגן עליו-השלום׳ס? לאָמיר בעסער רעדן וועגן לעבע-דיקע. אנו, מאדאם קלארא, ווען, מיינט איר, זאָלן מיר לאָזן אָפּשפּילן אונזער חתונה מיט מזל?

קלארא

אָ! וואָסער ענערגישער מאַן איר זענט עס מיטאמאָל געוואָרן...

וועבער

פארשטייט זיך! איצט שעם איך זיך נישט מער! פאר-קערט: איצט שעם איך זיך, פארוואָס איך האָב זיך פריער געשעמט. וואָלט איך זיך נישט געשעמט אזוי לאנג, וואָלט איר שוין לאנג געווען מיין ווייב.

קלארא

דאָס האָט איר שוין א טעות. איר וועט נאָך איצט אויך מוזן צוווארטן אויף אונזער חתונה כאָטש א האלב יאָר.

וועבער

שפּרינגט אויף

וואָס רעדט איר! אזש א גאנץ האלב יאָר?!

קלארא

יאָ, אזש „א גאנץ” האלב יאָר...

וועבער

פארוואָס?! ס׳איז דאָך שוין פאַראיבער מער ווי א יאָר פון אייער מאנס טויט. צו וואָס דארפט איר נאָך לענ-גער ווארטן? איז דען נישט גלייכער מיר זאָלן שטעלן א חופּה אין א וואָך פינף, פיער, דריי, צו גאָר אין צוויי וואָכן ארום?... ס׳איז דאָך אשאָד צו פארלירן א טאָג פון אזא גליקלעך לעבן ווי אונזערס וועט זיין!

קלארא

גלויבט מיר, איך... וואָלט אויך נישט געוואָלט ווארטן לענגער...

װעבער

אָט! דאָס מײן איך דאָך!...

קלאַרא

עס פּאַסט מיר אָבער נישט פאַר דער פאַמיליע פון מײן געשטאָרבענעם מאַן. אָט, נאָר װי דאָס טרויער־יאָר האָט זיך געענדיקט און שוין... עפּעס װאָלט עס אויסגעזען װי איך װאָלט געהאַט זיך עמיצן צוגעגרײט פון פריער...

װעבער

װאָס אַרט עס אונז, װאָס עמיצער װעט טראַכטן, אַבי מיר זאָלן זײן גליקלעך!

קלאַרא

איך בעט אײַך מער דערפון נישט צו רעדן. אַנדערש קאָן עס נישט זײן!... און דאָס איז נאָך נישט אַלץ...

װעבער

װאָס נאָך?

קלאַרא

איך װיל אײַך נאָך בעטן, אַז טאַקע צוליב דעם זעלבן מאָטיװ, זאָל דערװײל אונזער שדוך זײן פאַר אַלע א סוד

װעבער

פאַר אַלע?

קלאַרא

אפילו פאַר מײן שװעסטער

װעבער

אפילו פאַר איר?!

קלאַרא

פאַר איר איבערהויפּט, װײל זי װאָלט באַלד אונזער סוד דערצײלט אַלע אירע באַקאַנטע, פאַרשטײט זיך — בסוד סודות. — איך קען זי שוין גוט — מײן ליב שװעסטערל... פאַר איר מוזן מיר זיך היטן מער װי פאַר אַלע צוזאַמען!... געדענקט!

וועבער

דאָס איז דאָך אוממעגלעך, מיר זאָלן זיך אויסהיטן אפילו פאַר איר!

קלאַרא

אַלץ איז מעגלעך, אויב מען האָט באמת ליב.

וועבער

יאָ! אַלץ איז מעגלעך! אָבער, ווי אַזוי וועלן מיר זיך איצט קענען זעען אַזוי אָפט ווי איך וויל, אַז איר וואוינט ביי אייער שוועסטער?...

קלאַרא

דאָס איז גאָרנישט שווער. איר דאַרפט נאָר אַזוי מאַכן, אַז אייערע וויזיטן זאָלן אויסזען ווי פאַר אונז ביידן. למשל, ווען איר קומט — פרעגט זיך אַמאָל אויף איר, אַמאָל אויף מיר... אויב איר ברענגט עפּעס, ווי ס'געשעט, אַ בלומעל, אַ באָנבאָניערע, זאָלט איר אויך ברענגען פאַר איר פונקט ווי פאַר מיר...

וועבער

ווי קען מען דאָס איינע ליבן און דער צווייטער ברענגען בלומען, באָנבאָניערעס?...

קלאַרא

די צווייטע איז דאָך מיין שוועסטער.

וועבער

איך ליב דאָך נאָר איין שוועסטער...

קלאַרא

אַזוי מוז עס זיין! איר וועט טון ווי איך פאַרלאַנג. אויב איר האָט מיך באמת ליב אַזוי שטאַרק ווי איר האָט נאָר וואָס געזאָגט... כ'מיין — ווי איר האָט אונז נישט געקענט אַרויסזאָגן...

וועבער

איך האָב אייך נאָך ליבער, ווי איך האָב אונז נישט געקענט אַרויסזאָגן! און דערפאַר וועל איך שוין טון אַלץ, וואָס איר וועט מיר באַפעלן!

קלארא

דאָס איז שיין געזאָגט!... נו, באפעל איך אייך איר זאָלט שוין גיין.

וועבער

ס'הייסט — איר טרייבט מיך ארויס?

קלארא

חלילה. איך וויל נישט, אז מיין שוועסטער זאָל באמערקן, אז מיר ריידן דאָ צו לאנג... זי וועט צו מיר צושטיין איך זאָל איר דערציילן, וואָס מיר האָבן גערעדט — און מיר איז אזוי שווער צו זאָגן א ליגן... אלזאָ — אויף ווידערזען.

דערלאנגט אים די האנט

וועבער

קוקט איר אין די אויגן בעטנד

איך גיי אָבער — לאָמיר זיך כאָטש געזעגענען ווי — חתן-כלה...

וויל זי ארומנעמען

קלארא

נישט איצט! א צווייטן מאָל. גייט!

דרייט זיך ארוים

וועבער

גיי איך שוין אוועק און איידער איר קוקט זיך ארום בין איך דאָ ביי אייך א צווייטן מאָל. אויף ווידערזען, מיין ליבע, מיין איינציקע קלארא!

קלארא

באגלייט אים ארויס

איר זאָלט זיך נישט דערוועגן היינט מער קומען צו מיר!

וועבער

וועל איך היינט קומען צו אייער שוועסטער... אָבער— ביי דער געלעגנהייט וועל איך דאָך אייך אויך זען...

אָפּ

ראזא

קומט פון איר צימער קענטיק אויפגערעגט

קלארא

קערט זיך אום באמערקט זי

וואָס איז דיר ראָזא? וואָס ביזטו אזוי אויפגערעגט?

ראָזא

קלארא! דו ביזט דאָך מיין איינציקע שוועסטער; צווישן אונז דארף קיין סוד נישט זיין...

קלארא

וועגן וואָסער סוד רעדסטו?

ראָזא

ער איז דאָ געווען!... כ׳ווייס, כ׳האָב געהערט, ווי ער איז אריינגעגאנגען... כ׳האָב געהערט, ווי ער האָט מיט דיר אזוי הייס געשמועסט, אָבער וואָס האָב איך נישט געהערט. כ׳האָב אזוי געוואָלט אהער אריינגיין, נאָר — ס׳האָט מיר געפעלט דרייסטקייט...

קלארא

טאקע בעסער, וואָס דו ביסט נישט אריינגעגאנגען.

ראזא

וואָס האָט ער מיט דיר גערעדט?

קלארא

דאָס קאָן איך דיר היינט נישט זאָגן. אפשר—אן אנדערש מאָל...

ראזא

כ׳ווייס, פארוואָס ווילסט מיר נישט זאָגן: ער האָט דיר שוין דערציילט וועגן זיין ליבע...

קלארא

האָסט זיך אונטערגעהערט! פע, נישט שיין!...

ראזא

ניין, ניין! כ׳האָב גאָרנישט געהערט!

קלארא

פון וואנען זשע דען ווייסטו?

ראזא

ער האָט מיר וועגן דעם געשריבן.

קלארא

דיר?!

ראזא

יאָ... ער האָט מיר געשריבן, אז ער ליבט מיך...

קלארא

ראזא! וואָס איז דאָס פאר א שפאס?...

ראזא

ניין, קלארא! דאָס איז נישט קיין שפאס. איך ליב אים אויך...

קלארא

ניין! דאָס איז דאָך אוממעגלעך! איך גלויב דאָס נישט! איך גלויב נישט!

ראזא

דו גלויבסט נישט? טאָ נאַ, ליין — דו זאָלסט צום גלויבן קומען!...

באקומט ארויס פון איר בוזעם א בריוו און א קאָנווערט און דערלאנגט אים קלארא'ן

קלארא

לייענט אים, וואָס אמאָל מער פארוואונדערט

מאדאם!... אנטשולדיקט מיר, וואָס איך וואג... ביז היינט האָב איך נישט געוואגט... אָבער ענדלעך, היינט מוז איך אייך זאָגן, אז — — אז איך ליב אייך!... וואָס זאָל דאָס באדייטן?! איך פארשטיי דאָס נישט!

ראזא

וועלכעס? דו קאָנסט נישט איבערליינען? גיב, וועל איך דיר איבערליינען...

לייענט

„איך ליב אייך שוין מער פון א האלב יאָר" — הערסט? — פון א האלב יאָר!... „דאָס איבעריקע וועל איך אייך שוין זאָגן היינט פערזענלעך. אייערער אויף אייביק — אדאָלף וועבער"... דו הערסט! מיינער אויף אייביק... אויף אייביק! אך! ווי גליקלעך איך בין! מיך האָט נאָך קיינער נישט געליבט אויף אייביק!...

קלארא

דאָס קאָן דאָך נישט זיין!

ראזא

וואָס פאר א אומגלויבערין דו ביסט! אָט שטייט דאָך דאָ געשריבן מיט זיין אייגענער האנט — און דו האלטסט אין איין שרייען, אז דאָס קאָן נישט זיין...

קלארא

דאָס איז דאָך מיאוס! פארברעכעריש! דאָס איז נאָך פיל ערגער!

ראזא

כ׳ווייס — דו זאָגסט עס דערפאר, ווייל איך האָב א מאן?... אָבער איך מיין דאָך — חלילה — נישט קיין שלעכטס!... איך מיין נאָר... עט! וואָסער נייס... איך בין דען איינע? וועלכע פארהייראטע פרוי האָט דאָס נישט היינטיקע צייט קיין שטיקל פלירט?

קלארא

איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויגן!

אין באדעצימער הערט זיך א קלונג

ראָזא

ציטערט אויף

קלארא! איך פיל... מיין הארץ זאָגט מיר, אז דאָס איז ווידער ער!...

זי לויפט צו דער טיר, הערט זיך אונטער און רופט באלד שטיל

יאָ! ער!... ער רעדט מיט דער דינסט... ער פרעגט זיך אויף מיר...

קלארא

אויף דיר?!

ראָזא

מיין ליבע קלארא, דו מוזט מיר ענטשולדיקן...

קלארא

צו דיר האָב איך גאָרנישט. אָבער ער... ער!

ראָזא

איך מיין נישט דאָס... איך מיין, דו זאָלסט מיך איצט

לאָזן מיט אים אליין...

קלארא

אליין? אליין?! נו, איך שטער אייך נישט... בלייבט זיך דאָ אליין ווי לאנג אייער הארץ גלוסט...

זי זעצט זיך אוועק זייער אויפגערעגט

ראָזא

טאָ פארוואָס האָסטו זיך גאָר אוועקגעזעצט?...

קלארא

שפרינגט־אויף בייז

איך האָב זיך נישט אוועקגעזעצט! האָב נישט מורא... איך וויל גאָרנישט זיין דערביי! איך וועל זיך אפילו נישט אונטערהערן, ווי דו האָסט געטון!

לויפט ארויס צו זיך אין צימער, פארקלאפנדיק די טיר

ראָזא

פארוואָס איז זי אזוי בייז?...

וועבער

קומט פון פאָדערצימער. אין איין האנט טראָגט ער א גרויסן בוקעט בלומען, אין דער צווייטער האנט — א גרויס שאכטל שאָקאָלאד

ראָזא

אָ, הער וועבער! ענדלעך זענט איר געקומען!...

זי ציט צו אים זויס ביידע הענט

וועבער

דערלאנגט איר—אָנשטאָט די האנט—דאָס שאכטל שאָקאָלאד

דאָס איז פאר אייך.

ראָזא

א דאנק. נעמט עס

וועבער

ווייזט אויף די בלומען

און אָט די בלומען האָב איך געבראכט פאר...

ראָזא

כאפט ביי אים ארויס די בלומען

א גרויסן דאנק אייך! ווי איר האָט עס געוואוסט, אז איך ליב בלומען לײדנשאפטלעך!... ביטע—זיצט.

זעצט זיך און ווייזט אים אָן ארט נעבן זיך

וועבער

אין פארלעגנהייט

יאָ... אָבער—אייער שוועסטער האָט אויך ליב בלומען, ליידנשאפטלעך...

ראָזא

סענטימענטאל

וואָס גייט זי אונז אָן?!

וועבער

פראָטעסטירט

אָ, מאדאם שטיין!...

ראָזא

אָ! הער וועבער!...

וועבער

פארדעכטיק

וואָס איז אייך היינט געשעען?!

ראָזא

איר פרעגט נאָך וואָס?... אייער בריוו... איך האָב אים געליינט...

וועבער

פארוואונדערט

איר האָט גאָר געליינט מיין בריוו? נישט אייער שוועסטער?

ראָזא

זי אויך... מיר האָבן אים געליינט — ביידע...

וועבער

דערפרייט

אָ! אויב אזוי — הייסט עס — ווייסט איר שוין אלץ?

ראָזא

אלץ. ביטע, נעמט א שאָקאָלאד...

דערלאנגט אים

וועבער

נעמט דאָס גאנצע שאכטל

אדאנק, שפעטער... איך בין אזוי דערפרייט מיט דער גוטער נייס!... א שטיין איז מיר אראָפּ פון הארץ!... אי,

ווי איך האָב פיינט סודות... איז — ווי מיינט איר וועט איצט זיין מיט אונזער חתונה?

רָאזא

א דערציטערטע

וואָס רעדט איר! איר מיינט טאקע דאָס אלץ אויף אן אמתן?!

וועבער

וואָס דען האָט איר געמיינט?! אודאי וועלן מיר חתונה האָבן, און טאקע שוין!

רָאזא

שוין חתונה האָבן?!

שפרינגט אזש אויף פון איר אָרט

וועבער

הע, הע... שוין? כ׳מיין, אזוי, אין צוויי, דריי וואָכן ארום...

רָאזא

הער וועבער! איך האָב געמיינט, אז איר מיינט נישט מער נאָר אזוי אביסל א...א... פלירט!

וועבער

מאדאם שטיין! איר באליידיקט מיך!.. מיר האָבן זיך ליב ווי ערנסטע מענטשן!..

רָאזא

יאָ... אָבער...

וועבער

נו, איז צו וואָס אָפלייגן אזא גליק ווי אונז דערווארט? בעסער מאכן דאָס איינס, צוויי, דריי — חתונה געהאט און א סוף!

רָאזא

ווי—ווי—ווי קען מען עס אזוי—איינס צוויי דריי?..

וועבער

פארוואָס זאָל מען נישט קענען? וואָס דארפן מיר קוקן אויף א געוועזענעם מאן, אויף א געוועזענע פאמיליע?

וואָס גייט אונז אָן די גאַנצע וועלט, ווען מיר ביידע
האָבן זיך אַזוי ליב... נעמט אַ שאָקאָלאַד!..
דערלאַנגט איר

ר אָ ז א

אַ דאַנק. איך קען נישט איצט...

ו ו ע ב ע ר

טאָ זאָל זיין שפּעטער... איך האָב באַשלאָסן, אַז איך
לאָז זיך מער נישט איינריידן קיין נאַרישקייטן! האָסט
ליב איז — אָפן! פאַר דער גאַנצער וועלט...

ר אָ ז א

שוין כּמעט מיט טרערן

אָבער דאָס קען דאָך נישט זיין!...

ו ו ע ב ע ר

ס'קען נישט זיין, זאָגט איר?! נו, וועל איך אייך איבער־
צייגן, אַז עס קען שוין יאָ זיין!

ר אָ ז א

אוי, וואָס ווילט איר טון?!

ו ו ע ב ע ר

אייער מאַן קומט היינט צופאָרן?

ר אָ ז א

יאָ, באַלד...

ו ו ע ב ע ר

גוט! וועל איך מיט אים די זאַך איבעררעדן!

ר אָ ז א

ניין! ניין!

ו ו ע ב ע ר

יאָ, יאָ! גבריאל איז מיין בעסטער פריינט... ער וועט
מיך צום בעסטן פאַרשטיין... ער וועט שוין געפינען אַן
אויסוועג...

ר אָ ז א

ווי גאָט איז אייך ליב, הער וועבער, טוט עס נישט!

ו ו ע ב ע ר

פאַרוואָס?

ראָזא

ווייל איר האָט א גרויסן טעות אין מיין מאן, מיינענדיק אז ער וועט אויך פארשטיין... דארויף איז ער צו פראָזאאיש... צו פראקטיש...

וועבער

אָט, טאקע דערפאר!

ראָזא

ניין! זאָגט אים גאָרנישט! איך וויל נישט! איך וויל נישט!

וועבער

איר ווילט נישט?! ס'הייסט — נישט גענוג איר העלפט מיר נישט צו באקומען מיין גליק, ווילט איר מיר נאָך שטערן?! דאָס האָב איך פון אייך שוין נישט דערווארט! איך בין בייז אויף אייך, מאדאם ראָזא, ווייל איך זע, אז נישט קוקענדיק דערויף, וואָס מיר זענען שוין אזוי גוט ווי אייגענע, האנדלט איר קעגן מיר נאָך ערגער פון א פרעמדער...

ראָזא

אך, זאָגט עס נישט, הער וועבער! איך בין אייך נישט פרעמד! נאָר... אָך!...

וועבער

אך און אָך און אך! און ווען ס'קומט צו דע[illegible] זענט איר אין דער היים נישטאָ!... אָבער איך [illegible] ע[illegible] אפילו אויף אייך נישט קוקן און וועל טון ווי [illegible] פארשטייט!...

ראָזא

פלוצלינג אנטשלאסן

ניין! אויב דאָס מוז שוין געשען, — וועל איך אים אליין אלץ דערציילן!...

וועבער

איר?... נו, זאָל זיין איר... און אויב איר וועט נישט אויספירן — וועל איך זיך נעמען צו דער ארבעט.

ראָזא

איך אליין!... איך וועל אייך איבערצייגן, אז איך בין נישט גלייכגילטיק צו אייער געטרייער ליבע...

וועבער

אָט! אזוי האָב איך אייך ליב! אויב אזוי מעגן מיר זיך שוין צוקושן!

וויל זי ארומנעמען

ראָזא

אנטלויפט

ניין! ניין! נאָך נישט איצט!...

וועבער

פארוואָס דען נישט? מיר זענען דאך שוין אזוי גוט ווי אייגענע... לאָמער זיך צוקושן!...

ראָזא

ניין! נישט היינט, שפּעטער... נאָך דער חתונה...

וועבער

זאָל זיין שפּעטער, זאָל זיין נאָך דער חתונה... נישט דאָס איז דער עיקר... דער עיקר איז, איר זאָלט שוין אין איינוועגס איבעררייַדן מיט אייער שוועסטער אויך...

ראָזא

גוט! מיט איר וועל איך אויך רייַדן...

וועבער

אָט! צייגט זי איבער, ווי א שוועסטער...

ראָזא

פאלט אריין וואָס אמאָל אין א גרעסערן פּאטאָס

אים, זי, אלע! די גאנצע וועלט וועל איך איבערצייגן!

וועבער

דאָס מיין איך!

ראָזא

אז מען וועט דארפן, וועל איך קעמפן!

וועבער

בראוואָ!

ראָזא

קיינער האָט נישט קיין רעכט צו שטיין אויפן וועג פון
די, וואָס ליבן זיך! אפילו אַן אייגענער מאַן!

וועבער

סיי א לעבעדיקער, סיי א טויטער מאַן!

ראָזא

אוי!

פאלט אויפן שטול א דערשראָקענע...

וועבער

איצט בין איך פון אייך צופרידן... ניין! דערפאר מוז
איך אייך שוין צוקושן!

ראָזא

ניין! ניין! נאָך נישט איצט! נאָך נישט איצט!

אנטלויפט צו זיך אין צימער

קלארא

איז אריינגעקומען אויף די לעצטע ווערטער

קלארא

ווי איך זע, גייט אייך דאָ גאָר נישט שלעכט...

וועבער

שלעכט? מיר גייט זייער גוט! מיט אייער שוועסטער
בין איך שוין אויף א וועג...

קלארא

און איר האָט נאָך די העזה מיר דאָס צוזאָגן אין די
אויגן?!

וועבער

פארוואָס דען נישט?

קלארא

דאָס איז דאָך אומדערהערט!

וועבער

זייט נישט בייז אויף מיר. איך בין אַן אָפּענהאַרציקער.
איך האָב פיינט סודות. אז איך האָב ליב, האָב איך
ליב פאר דער גאנצער וועלט — און א סוף!

קלארא

צו אייך האָב איך גאָרנישט. איר זענט א מאַן, ווי אַלע מענער... אָבער מיין שוועסטער, מיין שוועסטער!...

וועבער

אזא יאָר אויף מיר, וואָסער שוועסטער איר האָט!... זי איז באַלד אויף אַלץ באַשטאַנען!

קלארא

אויף אַלץ?!

וועבער

אויף אַלצדינג! דאָס איז שוין איינמאָל א שוועסטער! נעמט אַ שאָקאָלאַד...

דערלאַנגט איר דאָס שאַכטל

קלארא

הער וועבער! דאַכט זיך, אַז איר דערלויבט זיך חוזק צו מאַכן פון אונז ביידע!

וועבער

וואָס פאַלט אייך איין, מיין ליבע קלאַרא?!

קלארא

נאָר נישט אייער ליבע קלאַרא!

וועבער

וואָס איז געשען?!

קלארא

ער פרעגט נאָך, וואָס איז געשען!...

וועבער

וואָס בין איך שולדיק, אַז איר האָט אַליין, די ערשטע, אַלץ דערציילט אייער שוועסטער?

קלארא

ווער? וואָס? ווען? וואָס רעדט דער מענטש?!

וועבער

איר האָט דאָך איר אפילו געוויזן מיין בריוו!

קלארא

וואָסער בריוו? וואָס טוט זיך דאָ?

וועבער

מיין בריוו, אין וועלכן איך האָב אייך דערקלערט, אז איך ליב אייך!...

קלארא

מיך?!...

וועבער

וועמען דען? הע, הע...

קלארא

הייסט עס, אז דער דאָזיקער בריוו איז גאָר געווען געשריבן צו מיר?...

וועבער

א שיינע פראגע... צו וועמען דען האָט ער געזאָלט זיין געשריבן?...

קלארא

און אדרעסירט איז געווען — אויך צו מיר?

וועבער

פארשטייט זיך... ניין! דער אדרעס איז געווען פון אייער שוועסטער — אָבער כ׳האָב דייטלעך צוגעשריבן: „פאר מאדאם קלארא ווייס"...

קלארא

שיסט-אויס מיט א געלעכטער

הא, הא, הא!... אזוי גאָר!... הא, הא, הא...

וועבער

לאכט מיט

הא, הא, הא... שוין נישט בייז?... שוין ווידער מיין ליבע קלארא?...

קלארא

הא, הא, הא! איצט פארשטיי איך אלץ...

וועבער

גלויבט איז גאָט!... אָבער זאָגט מיר אויך, וואָס איר פארשטייט, ווייל איך הויב נישט אָן צו פארשטיין...

קלארא

מיין נאיווע, קינדישע שוועסטער... הא, הא, הא!

וועבער

זי איז גאָרנישט אזוי נאַיוו, איר מיינט. פאַרקערט. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אז אונזער וואַרטן האָט נישט קיין זינען. אָ, זי איז זייער א גוטע! זי האָט זיך אונטער־גענומען איבערצורעדן מיט גבריאלן! ער זאָל איר העלפן דיך איבעררעדן נישט צו זיין אזוי איינגעשפאַרט.

קלארא

האָט זי זיך — הייסט עס — דאָך דערוואוסט דעם אמת?

וועבער

איך האָב זיך פאַר איר אויסגערעדט מיין האַרץ, ווי פאַר אַן אייגענער שוועסטער. און זי האָט זיך די זאַך אזוי צום האַרצן גענומען, טאַקע באמת ווי א שוועסטער!... אז — צום סוף האָב איך זי געוואָלט אַרומכאַפּן קושן ווי א שוועסטער... נעם א שאָקאָלאַד...

קלארא

דאָס אָ האָב איך שוין געזעען... אָבער איך האָב געמיינט... אי, אדאָלף, האָסטו דאָ פאַרקאָכט א קאַשע!...

וועבער

איך גאָר?!...

קלארא

זי וועט דאָך איצט יעדן דערציילן! אלע וועט זי נעמען צו הילף קעגן מיר! זי וועט מיך פאַרמוטשן... וואָס האָסטו געטון!

וועבער

אז דו האָסט זיך אזוי איינגעשפּאַרט... נעם א שאָקאָלאַד...

קלארא

נישט איצט איז די צייט צו עסן שאָקאָלאַד. איך מוז באַלד זיך נעמען צו פאַרריכטן דאָס, וואָס דו האָסט קאַליע געמאַכט... דיך וועל איך נור בעטן, זאָלסט מיך איצט לאָזן מיט מיין שוועסטער אליין.

ווע בער

וואָס?! טרייבסט מיך ווידער?... ניין! איצט גיי איך נישט פון דאנען, מען זאָל מיך אפילו טרייבן מיט שטעקנס!...

קלארא

דערלאנגט אים אין האנט זיין הוט מיטן שטעקן און דריקט אים מיטן פינגער

נישט זיין איינגעשפארט, נור טון, וואָס זי הייסט... אויב נישט וועט זי אים נישט ליב האָבן...

וועבער

איך בין קיינמאָל נישט געווען איינגעשפארט... פאר־קערט... אָט, גיי איך דאָך...

קלארא

אָט, אזוי — האָב איך ליב... אדיע!

שנעל אָפּ צו זיך אין צימער

וועבער

רופט איר נאָך

אָבער אזוי ווי גבריאל וועט נור קומען, בין איך ווידער דאָ צוריק... איך דארף מיט אים נויטיק ריידן... אויף ווידערזען! מיין ליבע, מיין טייערע, מיין איינציקע... אויף ווידערזען...

אָפּ אין פאָדער־צימער

ראָזא

קומט שנעל פון איר צימער, לויפט צום ביכער־שראנק, זוכט דאָרט נערוועז

ראָזא

וואו איז עס?... וואו איז עס?!

זי געפינט דאָס געזוכטע בוך

אָט! דאָס!...

זי זעצט זיך אוועק, מישט שנעל אויף און לייענט מיט טרערן אין דער שטימע

„מארי איז אריין אין איר מאנס ארבעטס־צימער. ער איז געזעסן און האָט געשריבן. זי איז דרייסט צוגע־טראָטן און האָט געזאָגט, דאָס וואָס זי האָט געהאט

שוין לאנג פעסט באשלאָסן: „ווייל איך אכטע דיך, וויל איך דיך מער נישט נארן און זאָג דיר אָפן, אז איך ליב א צווייטן... איך קען גוט דיין איידעלן כאראקטער, בין איך איבערצייגט, אז דו וועסט מיך נישט וועלן צושמידן צו זיך מיט געוואלד”... און ער האָט באלד געענטפערט: „דו ביסט א ערלעכע זעעלע, ווייל דו זאָגסט עס מיר אָפן, און דערפאר — באפריי איך דיך”... זי האָט זיך געפילט אזוי גערירט פון זיין העלדישער האנדלונג, אז זי האָט מיט טרערן אויסגעשריגן: — אָ, היינריך! ווי איידל דו ביסט! דו ביסט מיר פון טיפן הארצן א שאָד! אָבער — ליידער! ליידער...”

זי פאלט מיטן פנים אויפן בוך וויינענדיק...

גבריאל

קומט פון גאס אין א רייזע-מאנטל, מיט א רענצל אין האנט

גבריאל

ראָזא! וואָס וויינסטו?!

ראָזא

פאלט מיט פרייד אין זיינע אָרעמס

גבריאל! אָ, גבריאל!

גבריאל

האָסט געמיינט, איך וועל שוין היינט נישט קומען, האָסטו זיך דערפאר צעוויינט?... ליב קינד מיינס. דער צוג האָט אביסל פארשפעטיקט. איך האָב אפילו גע-מיינט, אז מיין ווייבעלע ווערט מיך אָפּווארטן.

ראָזא

באפרייט זיך פון זיינע אָרעמס

דו האָסט דאָך נישט ליב, איך זאָל דיך אָפּווארטן... איבערהויפט היינט, ווען דאָס איז געשעען...

גבריאל

דערשראָקן

וואָס איז געשעען?

ראָזא

גאָרנישט... גאָרנישט...

ג ב ר י א ל

ניין, דאָ איז יאָ עפּעס געשעען!... איך וויל וויסן וואָס!

ר אָ ז א

אויב דו ווילסט עס דוקא וויסן, בין איך נישט שולדיק...
וועל איך דיר אלץ זאָגן און — זאָל עס געשעען!...
זעץ זיך.

ג ב ר י א ל

איך וועל שוין שטיין, זאָג!

ר אָ ז א

ניין, בעסער זאָלסט דערביי זיצן...

ג ב ר י א ל

נו, גוט. זיץ איך שוין, זאָג!
זעצט זיך

ר אָ ז א

הער מיך אויס, מיין מאן!

ג ב ר י א ל

שפּרינגט אויף נערוועז

געוויס הער איך!...

ר אָ ז א

בעטנד

שטעל זיך נישט אויף... זיץ!

ג ב ר י א ל

איך זיץ דאָך... אָבער זאָג שוין אמאָל...
זיצט

ר אָ ז א

ווייל איך אכטע דיך...

ג ב ר י א ל

(פאַרנייגט זיך — אויפשטייענדיק)

דאָס איז מיר זייער אנגענעם...

ר אָ ז א

(קאפּריז)

אָבער הויב זיך נישט אויף!

ג ב ר י א ל

הע, הע... דו האָסט שוין — זע איך — אויסגעטראַכט

עפּעס א נײַ שפּיצל..., ווײַסטו וואָס, קינד? מיר וועלן דאָס איבערלאָזן אויף שפּעטער. איצט בין איך הונגעריק ווי א וואָלף!

ראָזא

גבריאל! שלאָג מיר נישט איבער... די זאַך איז זייער אַן ערנסטע!...

גבריאל

שפּאַטיש

אָהאָ! אזש אזוי!.. אנו, לאָמיר זשע הערן די ערנסטע זאך... אָבער געשווינד, ווײַל איך האלט נישט אויס פון הונגער!...

ראָזא

מיט איין אָטעם

איך ליב א צווייטן! איך קען גוט דײַן אײַדעלן כאַראַקטער — בין איך איבערצייגט, אז דו וועסט מיך נישט צושמידן מיט געוואַלט... אָ!...

גבריאל

פריגט אויף, וויל לאכן, אָבער עס גייט נישט..

הע, הע!... וואָ—וואָ—וואָס?! הי, הי... דאָס איז עס דײַן נײַער שפּאס?

ראָזא

ניין... יאָ... ס'הייסט — ניין!...

גבריאל

כ'מוז דיר זאָגן, ראָזא, אז — כאָטש איך האָב אַלע דײַנע קינדערייען זייער ליב, אָבער דער שפּאס געפעלט מיר גאָרנישט!

ראָזא

דאָס איז נישט קיין שפּאס, נא, ליין!

זי דערלאנגט אים דעם בריוו

גבריאל

לייענט שנעל אין דער שטיל

ער? ער זאָל מיר טון אזעלכעס?! מײַן בעסטער פרײַנט!...

ראָזא

נאאיוו

וואָלט דיר דען ליבער געווען, ווען דאָס זאָל דיר טון
א פרעמדער?...

גבריאל

ניין! דאָס איז דאָך נישט מעגלעך!

לויפט צו דער טיר פון דער קיך און שרייט אריין

אננא! לויף שנעל אריבער צו הער וועבער און בעט
אים אין מיין נאָמען, ער זאָל די מינוט אהער קומען!
אָבער שוין! דו הערסט!

א שטימע פון צווייטן צימער

איך לויף שוין, הער!...

גבריאל

צו ראָזא'ן אָנגעצויגן

און דו גיי צו זיך אין צימער און וואַרט דאָרט, ביז
איך וועל דיך רופן...

ראָזא

גייט אוועק מיט אראָפגעלאָזענעם קאָפּ; אין מיטן וועג בלייבט
זי שטיין און מיט טרערן אין דער שטימע פרעגט זי:

גבריאל?...

גבריאל

וואָס נאָך ווילסטו מיר זאָגן?

ראָזא

זאָל איך דיר דערווייל... מאכן א ביפשטיק?

גבריאל

ניין! איך וויל שוין נישט עסן...

ראָזא

כמעט וויינענדיק

ביסט דאָך אָבער הונגעריק!...

גבריאל

שרייט

לאָז מיך צורו!

ראָזא

שיסט-אויס מיט א געוויין און אנטלויפט צו זיך אין צימער

גבריאל

שפאנט איבערן צימער אין גרויס אויפרעגונג

ער! ער זאָל מיר אזעלכעס!... ער!

קלארא

קומט פון איר צימער

קלארא

אָ! ביסט שוין דאָ, שוואָגער?

גבריאל

ניין! איך בין נאָך נישטאָ, שוועגערין!

קלארא

וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אזוי אויפגערעגט?

גבריאל

באהערשט זיך

ווער, איך? עס הויבט זיך נישט אָן!... פארקערט...
איך בין זייער אויפגעלייגט...

ער דערלאנגט איר די האנט

וואָס מאכסטו, קלארא?

קלארא

איך זע דאָך, אז דו ביסט יאָ אויפגערעגט.

גבריאל

עט, א קלייניקייט... ראָזא האָט מיך דאָ עפּעס געזאָגט
אזעלכעס...

קלארא

שוין געזאָגט! זעט ווי זי האָט זיך דאָס צוגעאיילט...
נו, און וואָס זאָגסטו דערצו?!

גבריאל

איך זאָג... איך מיין, אז... ווייס איך...

קלארא

זאָג ארויס, שעם זיך נישט...

גבריאל

איך קלער, אז מיין ווייב... אז דאָס איז עפּעס א משוגעת!

קלארא

נו, אזוי שלעכט איז נאָך נישט...

גבריאל

הייסט עס — דו מיינסט, אז ס׳קאָן נאָך זיין ערגער?...

קלארא

נישט מער, וואָס דאָס געשעט אביסל צו שנעל... דער־פאר — מיין איך — וואָלט געווען פיל בעסער, אז דער־וויל זאָל נאָך קיינער דערפון נישט וויסן...

גבריאל

קוים זיך באהערשענדיק

אזוי?! הייסט עס, אז די זאך איז ביי אייך ביידע שוין אן אָפּגעשמועסטע?! ס׳הייסט, דו האָסט זיך שוין מיט ראָזא׳ן אינגאנצן צוזאמענגערעדט?!

קלארא

נאָך נישט אינגאנצן...

גבריאל

נאָך נישט אינגאנצן?... געלויבט איז גאָט!... אלזאָ, לויט דיין מיינונג קומט אויס...

קלארא

מיין מיינונג איז, מיר זאָלן נאָך צוווארטן כאָטש א האלב יאָר...

גבריאל

א האלב יאָר!... פיין, פיין...

קלארא

עס פאסט דאָך גלאט נישט פאר מענטשן: נאָר וואָס געפּטרט איין מאן און שוין חתונה האָבן פאר א צווייטן...

גבריאל

געפּטרט?! חתונה האָבן!... איך וועל אייך געבן א חתונה האָבן מיט א צווייטן!

קלארא

וואָס שרייסטו אזוי שוואָגער?!

גבריאל

ווייל ס׳געפעלט מיר אזוי, שווגערין!... איך וויל שרייען און איך וועל שרייען! דערווייל בין איך נאָך ביי זיך אין שטוב!

קלארא

אויב דו ביזט געקומען פון וועג אן אויפגערעגטער, האָסטו נאָך פונדעסטוועגן נישט קיין רעכט צו ריידן מיט מיר אין אזא טאָן!

גבריאל

רעכט?! זי רעדט נאָך וועגן רעכט!... איך וועל אייך דאָ אלע לערנען רעכט, אז איר וועט מיך געדענקען אייער גאנץ לעבן, אויב נישט נאָך לענגער!... וואוילע צוויי שוועסטערן!... און דאָס האָב איך אזוי לאנג געהאלטן אין מיין שטוב!...

קלארא

דאָס דארפסטו מיר נישט אויסריידן. נאָך היינט קלויב איך זיך ארויס פון דיין הויז!

גבריאל

אָט! אָט דאָס מיין איך! און טאקע שוין! די מינוט!

קלארא

מיט טרערן

דו דערלויבסט זיך דאָס אלץ מיט מיר דערפאר, ווייל דו מיינסט, איך בין א שוצלאָזע אלמנה... אָבער ווארט אויס, איך וועל עס דערציילן וועבערן!

אָפּ שנעל צו זיך אין צימער

גבריאל

שרייט איר נאָך אן אויפגעקאָכטער

דו וועסט מיך פארמסרן פאר וועבערן? זאָל ער נאָר קומען דער וועבער!...

וועבער

איז אריין אויף די לעצטע ווערטער

וועבער

אָט, בין איך! גבריאל! פריינט מיינער, טייערער!

ער גייט צו אים מיט אָפענע אָרעמס

גבריאל

גייט אים אנטקעגן מיט די הענט אין די טאשן, מעסטענדיק אים מיט א שטאָל-קאלטן בליק

איך ווייס שוין אַלץ! ראָזא האָט מיר שוין אַלץ געזאָגט!

וועבער

שוין געזאָגט! אי, וואויל! נו, און דו?

גבריאל

נו — — און — דו?!

וועבער

איך האָב עס טאקע געוואָלט מיט דיר איבעררעדן...

גבריאל

און איך מיט דיר!

וועבער

זעצט זיך אוועק ברייטלעך, באַקומט א פאפּיראָס פון גבריאלס טאַש

גיב מיר א פאפּיראָס, וועלן מיר זיך אויסשמועסן ווי אַלטע פריינט...

גבריאל

ווי פריינט?!...

וועבער

יאָ... איך מיין, אז דו פארשטייסט עס אליין, אז ס'האָט נישט קיין זינען מיר זאָלן זיך באהאלטן מיט אונזער ליבע א גאנץ האלב יאָר... גיב מיר א שוועבעלע...

גבריאל

דער אויך!...

וועבער

נו, זאָג אליין. איך האָב זי ליב, זי מיך אויך...

גבריאל

זי — דיך?!

וועבער

זאָלן מיר ביידע אזוי לעבן! און נאָך ווי ליב!...

גבריאל

צי זענט איר נישט אמאָל דאָ אלע צוזאמען משוגע געוואָרן?!

וועבער

זעסטו, גבריאל, אויף דיר האָב איך זיך דאָס נישט געריכט... איך האָב געמיינט פּאַרקערט, ווען דו וועסט דאָס דערהערן, וועסטו זיין זייער צופרידן::: ערשטנס — ווייל דו ביסט מיין פריינט און צווייטנס — איז זי דאָך פאַר דיר נישט מער ווי א אומזיסטער קלאָפּאָט...

גבריאל

אויסער זיך

דאָס איז דאָך א אומדערהערטע חוצפּה! געגנוג! שטיי אויף פון שטול!

וועבער

נאָך וואָס?!

גבריאל

נעם דיין הוט!

וועבער

וואונדערט זיך וואָס אמאָל מער

צו וואָס?

גבריאל

צו פאַרלאָזן מיין הויז!

וועבער

פאַרוואָס?!

גבריאל

ער פרעגט נאָך פאַרוואָס?! ווייל מיר ביידע ליבן איין פרוי!...

וועבער

שפרינגט אויף

וואָס?! דו ליבסט זי אויך?! פע! שעמען מעגסטו זיך!

גבריאל

צי איך ליב זי? האָסטו דען נישט געוואוסט, אז מיר זענען ביז איצט געווען די גליקלעכסטע פּאָר אויף דער וועלט?! איך האָב ביז היינט געגלויבט, אז זי ליבט מיך אויך...

וועבער

זי דיך?! ניין! דאָס איז א ליגן! שעם זיך! פּע! פּע!...

גבריאל

צי ביסטו בלינד געווען? האָסט דען נישט געזען, אז מיר האָבן געלעבט ווי די טויבן?...

וועבער

וואָס פאר א טויבן? איך האָב נישט אָנגעהויבן צו זען, אז זי זאָל דיך ליב האָבן... דאָס איז אן אומפארשעמטער אויסגעטראכטער ליגן! ווילסט באשמוצן אין מיינע אויגן מיין צוקונפטיק ווייב! דאָס וועל איך דיר נישט שווייגן! פאר אזא זאך באצאָלט מען ביי לייטן מיטן לעבן!...

גבריאל

איך האָב אלע מאָל געלאכט פון דועלס, אָבער איצט זע איך, אז ס'זענען פאראן פראגן, וועלכע לאָזן זיך נישט אנדערש לייזן נאָר — דורך בלוט!...

וועבער

אז בלוט זאָל זיין בלוט...

גבריאל

בלוט!

וועבער

און שוין זאָל עס געשען!

גבריאל

זאָל זיין שוין!

ביידע גייען צו דער ארויסגאנגס טיר

וועבער

שטעלט פלוצלינג אָפּ גבריאלן

ווארט נאָר... איך האָב דיר פריער געוואָלט זאָגן...

גבריאל

וואָס האָסטו מיר נאָך צו זאָגן?

וועבער

איך האָב דיך געוואָלט פרעגן...

גבריאל

וואָס האָסטו מיך נאָך צו פרעגן?!

וועבער

צי האָסטו כאָטש א קלער געטון וועגן דיין ווייב?

גבריאל

ווי הייסט? איך פארשטיי דיך נישט

וועבער

ס'הייסט – אויב איך וועל דיך — חלילה...

גבריאל

וואָס, חלילה?

וועבער

עס קען דאָך געשען דאָס ערגסטע — חלילה...

גבריאל

וואָס קען געשען?

וועבער

אויב — חלילה, איך וועל דיך — חלילה... דער' — הרג — נען חלילה! וואָס וועט דעמאלס טון דיין ווייב? צי וועט זי כאָטש אין פאל פון דיין טויט — חלילה — זיין באזאָרגט מיט וואָסער ס'איז פארמעגן?

גבריאל

דאָס איז שוין א ביסל צו פיל!... ביי דיר — הייסט עס— קומט אויס, אז איך דארף דיר נאָך געבן נדן?! און אפשר נאָך אויסשטאטונג? און פארוואָס טאקע נישט — קעסט אויך?!

וועבער

ווער רעדט דען דאָ וועגן מיר, איך מיין דאָך נאָר דיין ווייב!

גבריאל

איך ווייס, אז דו מיינסט מיין ווייב!... אָבער פריער וועסטו ביי מיר די ערד קילן, איידער דאָס וועט געשען? נישט דו מיך, איך וועל דיך פון מיין וועג אָפרוימען! בלוט וועט זיך גיסן!

ווע בער

בלוט!

גבריאל

בלוט!

ביידע לויפן צו דער טיר

ראָזא

איז ארײַן א מאָמענט פריער, לויפט איצט צו דער טיר און פארשטעלט זיי דעם וועג רופנדיק פאַרצווייפלט

ראָזא

ניין! איך וועל נישט דערלאָזן, אז צוליב מיר זאָל זיך בלוט גיסן! איך וועל דאָס נישט דערלאָזן!... גבריאל! נאָר איך אליין בין אין דעם אלעם שולדיק, אָבער איצט האָב איך שטארק דערויף חרטה! דעם וועבער'ן האָב איך קיינמאָל נישט געליבט! און איצט — האס איך אים!

וועבער

וואָס וויל זי ווידער פון מיר!

ראָזא

פאלט אָן אויף אים

וואָס האָט איר געוואָלט פון מיר האָבן?! פארוואָס האָט איר מיך אראָפּגעפירט פון גלייכן וועג? איר דאָן-זשואן, וואָס איר זענט!

וועבער

איך?!..

ראָזא

קארג זענען פאר אייך געווען אנדערע פרויען, וועלכע איר האָט שוין אודאי פארפירט אין די הונדערטער, דוקא האָט זיך אייך פארגלוסט אייער פריינטס ווייב?! שעמען מעגט איר זיך!

וועבער

איז פון איר ביסלעכווייז אָפּגעטרעטן, ביז ער געפינט זיך נעבן גבריאלן, רוימט ער אים אין אויער

גבריאל! רוף א דאָקטאָר! דיין ווייב איז נעבעך...

גבריאל

שטיל

יאָ... מיר דאכט זיך אויך אזוי...

ראָזא

האָט ווערוויילט געפונען די בלומען און דאָס שאכטל שאָקאָלאד, וועלכע זי ווארפט אויף דער ערד צו וועבערס פיס

נאט אייך! נעמט אייך אייערע בלומען, מיט וועלכע איר האָט געמיינט מיך צו פארפירן! נעמט אייך אייער שאָקאָלאד, מיט וועלכן איר האָט געוואָלט פאר׳סמען מיין גליקלעך פאמיליען-לעבן און — מארש! ארויס פון מיין שטוב!

וועבער

אויף מיין וואָרט, גבריאל, זי איז משוגע!

ראָזא

וואָס?! איצט ווילט איר מיך גאָר מאכן פאר א משוגענע?! איך וועל אייך ווייזן! אלע אונזערע באקאנטע וועל איך דערציילן וואָסער פויגל איר זענט!... הערסט, גבריאל! איך בין משוגע! דו וועסט דאָס אים שווייגן?... זאָג אים, דעם דאָן-זשואן ער זאָל שוין ארויס פון אונזער שטוב!

וועבער

איר דארפט מיך נישט טרייבן, איך גיי אליין...

גייט צו קלאראס טיר

ראָזא

נישט דאָרט! דאָ איז די טיר... וואוהין גייט איר?

וועבער

איך גיי נעמען מיט זיך מיין כלה!

אָפּ

ראָזא

בלייבט מיט אן אָפן מויל

זיין—כלה?...

גבריאל

איצט פארשטיי איך שוין גאָרנישט!...

ראָזא

דו ווייסט, גבריאל, וואָס מיר פאַלט איין?

גבריאל

ניין, איך ווייס נישט...

ראָזא

דיין אָרעמער פריינט איז געבעך פּלוצלינג...

ווייזט מיטן פינגער אויפן שטערן...

גבריאל

ווער? ער? יאָ... איינער פון אייך ביידע איז געוויס משוגע!

ראָזא

איך ווייס, דו רעדסט מיר אויס מיין — לייכטזיניקייט...

מיט טרערן

כ'ווייס — דו וועסט עס מיר שוין אויסרעדן יעדן טאָג, מיין גאַנץ לעבן... איך קען דיך. דו קענסט דאָך מיר נישט מוחל זיין די מינדעסטע קלייניקייט...

גבריאל

א קלייניקייט?! דאָס איז ביי איר א קלייניקייט!... איך הויב שוין אָן גלויבן אויף אן אמת, אז ביי דיר איז נישט אלץ דאָ אין אָרדנונג...

ער ווייזט אויפן שטערן

וועבער און קלארא

קומען פון איר צימער

וועבער

...שוין פארלאָזסטו דאָס דאָזיקע הויז. אויב דו האָסט מיך ליב, בלייבסטו דאָ נישט מער קיין איין מינוט!

קלארא

ביסט גערעכט, אדאָלף! איך בלייב דאָ נישט מער!

ראָזא

פארוואָס?! וואָס איז געשען?!

קלארא

דו פרעגסט נאָך פארוואָס?! ווייסטו דען נישט, אז דיין מאן האָט ברוטאל באליידיקט מיך און מיין התן?!

ראָזא

דיין חתן?!

גבריאל

וואָסער חתן ווידער?!

קלארא

איצט מאכט איר זיך ביידע גאָרנישט וויסנדיק... אדאָלף האָט דאָך אייך ביידן געזאָגט!..

ראָזא

ער!? מיר האָט ער נישט אָנגעהויבן צו זאָגן! פארקערט...

גבריאל

מיר האָט ער אויך געזאָגט גאָר עפּעס אנדערש...

וועבער

אָ, פּארדאָן! איך האָב אייך ביידע דייטלעך אלץ דערציילט ...

גבריאל

יאָ... ער איז עס דער משוגענער...

קלארא

ווי קענסטו, שוואָגער, מיר לייקענען אין די אויגן?! דו האָסט דאָך מיר אליין געזאָגט, אז ראָזא האָט דיר שוין אלץ דערציילט...

גבריאל

איצט זי ווידער! געוואלד! ווער איז דאָ משוגע?!

ראָזא

אָבער זאָג אונז שוין אמאָל, ווער איז דיין חתן?

וועבער

איך בין עס דער גליקלעכער!

קלארא

איצט ווייסט איר שוין?..

גבריאל

וואָסזשע האָסטו געוואָלט פון מיין ווייב?

ראָזא צוזאמען מיט גבריאלן

וואָס זשע האָט איר געוואָלט פון מיר?!

וועבער

איך האָב דאָך אייך דײַטלעך געבעטן, איר זאָלט איבער־ריידן מיט קלאַראַן, זי זאָל נישט זיין איינגעשפּאַרט און זאָל באַשטיין, אונזער חתונה זאָל זיין באַלד, נישט ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום... און איר האָט עס מיר צוגע־זאָגט צו טון!

ראָזאַ

וואָס רעדט ער?!..

גבריאל

ליבסטו נישט מיין ווייב?

וועבער

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער

דיין ווייב?! כאַ, כאַ!.. דאָס איז מיר אין חלום נישט איינגעפאַלן...

גבריאל

וואָס זשע באַדייט דער בריוו? (ווייזט דעם בריוו).

ראָזאַ

פאַרוואָס זשע האָט איר צו מיר געשריבן אַזאַ בריוו?!

קלאַראַ

נישט צו דיר, נאָר צו מיר... אָט, איז דער קאָנווערט, איך האָב אים נאָר וואָס געפונען אין קאָרב...

לייענט דעם אַדרעס אויפן קאָנווערט, אַרום וועלכן אַלע גרופּירן זיך

„צו מאַדאַם ראָזאַ שטיין". און דאָ איז צוגעשריבן!

„פאַר מאַדאַם קלאַראַ ווייס".

וועבער

צו ראָזאַ

אָט, אָ דאָס צוגעשריבענע האָט איר נישט באַמערקט...

גבריאל

און דו האָסט געמיינט, אַז דער בריוו איז פאַר דיר?!

שיסט אויס מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטער

כאַ, כאַ, כאַ! אַ געראָטן ווייבל האָט מיר גאָט באַשערט!... כאַ, כאַ, כאַ!..

ראָזאַ

בייזערט זיך אויף אים, קאפריז טופנדיק מיטן פוס

שווייג! לאַך נישט! דו ביסט א שלעכטער! איך האָב דיך נישט ליב!

אנטלויפט צו זיך אין צימער; גבריאל לויפט איר נאָך לאַכנדיק

וועבער

און איצט, זאָג מיין ליבע: ווען איז אונזער חתונה?

קלארא

ווען דו ווילסט, מיין ליבער...

וועבער

מיין טייערע קלארא!

כאפט קושן אירע הענט

פאָרהאַנג פאַלט.

שוועסטער און ברידער

טראַגיקאָמעדיע אין איין אַקט

געשפּילט אויף פּויליש צום ערשטן מאָל אין וואַרשע 1904
געדרוקט צום ערשטן מאָל אין יידיש אין אברהם רייזענס „דאָס
נייע לאנד" № № 15, 16 1901.
געדרוקט אויף רוסיש (אין מחברס אייגענער איבערזעצונג) אין
דער חודש־בײלאגע צום זשורנאל „טעאטר אי איסקוסטװאָ",
פּעטערבורג 1913

פערזאָנען:

טאָלע

יאַקוב
עקסטערנע

עלזאַ
טאָלעס שוועסטער

אַדאַ

אָרט פון האנדלונג:
א גרויסע שטאָט

א קאוואלערן-וואוינונג. דאָס מעבל און די גאנצע אויסשטעלונג באווייזן באלד אויפן ערשטן קוק, אז דאָ וואוינען צוויי קאוואלערן, וועלכע האלטן נישט שטארק פון שטוב-אָרדנונג, באלעבאטישקייט און ענלעכע קלייניקייטן.

ס'איז שפּעט פארנאכט. כמעט אינגאנצן פינסטער. פון פענסטער זעט מען פונדעסטוועגן א דאך באדעקט מיט שניי.

אויף אן אייזערן בעטל שלאָפט יאקוב, האלב אנגעטון, מיטן פנים צו דער וואנט.

טאָלע

קומט, עפענדיק די טיר מיט זיין באזונדערן שליסל, וועלכן ער נעמט צוריק ארויס פון שליסל-לאָך און באהאלט צוריק אין טאש. ער צינדט אָן א שוועבעלע, געפינט דעם לאָמפּ און צינדט אים אָן. פון די פאקעטלעך, וועלכע ער האָט מיט זיך געבראכט, נעמט ער ארויס אייניקע זעמל, גערויכערט פלייש און א קליין פלעשל שנאפּס. קוקט זיך ארום, זוכנדיק א זיכער אָרט וואו דאָס אלץ צו באהאלטן פארן שלאָפנדיקן חבר און געפינט צום סוף, אז דער בעסטער פלאץ איז אונטערן בעט, אויף וועלכן יענער שלאָפט טאקע. דאָס איבעריקע באהאלט ער אין טשעמאדאן, דערנאָך רופט ער:

יאקוב! הער יאקוב!

יאַקוב

דרייט זיך אפילו נישט אום, ברומט

וואָס ווילסטו? וואָס האָסטו זיך צושריגן!...

טאלע

שטיי נור אויף, איך האָב פאר דיר עפּעס געבראכט...

נעמט פון אים ארונטערציען די קאָלדרע

שלאָף נישט! ס'איז וואויל אויף דער וועלט!

יאקוב

רייסט פון אים בייז צוריק ארויס די קאָלדרע

פארדריי דיר דיין קאָפּ!... כ'בין דיר מוחל דאָס וואויל·

קייט... אזא יאָר אויף דיר ווי וואויל ס׳איז...

ער ברומט נאָך עפּעס איינשלאָפנדיק

ט א ל ע

אזוי, דו גלויבסט נישט? וועסטו ביי מיר שוין באַלד גלויבן...

נעמט אפּער פון אונטערן בעט די פלאַש, גיסט אָן א גלעזל, די פלאַש באהאַלט ער צוריק און פון גלעזל נעמט ער אריינגיסן יאקובן אין מויל אריין

י א ק ו ב

אוהם !... אוהם !...

כאפּט אָן מיט ביידע הענט טאַלעס האנט, הויבט זיך אויף און טרינקט גייציק, ביז ער פארהיסט זיך

ט אָ ל ע

לאכט

כא, כא! אבער איך ווייס שוין, מיט וואָס מען קען דיך מחיה מתים זיין!... אין קען שוין מיינע פּאפּענהיימער...

כא, כא, כא!...

י א ק ו ב

דערקוויקט

א תענוג... דו ווייסט שוין איינמאָל, וואָס ס׳איז דאָס בעסטע אין א קאלטן ווינטער-טאָג, ווען ס׳איז אויף א צאָלאָג אין שטוב א פראָסט ווי אויף דער גאס, להבדיל...

ט א ל ע

נישט א ווינטער-טאָג, נור א ווינטער-נאכט, שוין פינף אזייגער.

י א ק ו ב

וואָס גייט מיך אָן טאָג אָדער נאכט, ווען איך האָב קיין געלט נישט... צוויי טאָג פאר׳ן ערשטן איז מיר שוין אלץ איינס: טאָג צי נאכט... אאַה... האָסט נישט עפּעס צו פארבייסן ?

ט א ל ע

נעמט ארויס א זעמל פון קעשענע און ווארפט אים

נא !...

י א ק ו ב

נוי גאָט איז א פאָטער ! שוין באלד בעסער, ווי ס׳האָט

זיך מיר איצט אין שלאָף גע׳חלומ׳ט...

ביסט אײן

ביסט גאָר נישט אזא שלעכטער ווי איך האָב געמיינט...

גיב אהער דיין שיינעם פּיסק, וועל איך דיך דערפאר צוקושן!

טאלע

נא דיר שוין בעסער נאָך א זעמל...

וואַרפט אים א צווייטע זעמל

איך האָב זייער נישט ליב זיך צוקושן מיט מאנסבילן...

יאקוב

טאלע! זאָלסט אזוי קרעפּלעך עסן! פון וואנען—זאָג מיר—

ביסטו פלוצלינג אזוי באגליקט געוואָרן? בא׳גנב׳עט עמיצן?

דער׳הרג׳עט? וואָס איז דאָ געשען?

טאלע

דאָס וועל איך דיר שוין שפּעטער דערציילן. דערווייל

טו זיך נאָר געשווינד אָן, אָבער איינס, צוויי!

וואַרפט אים דאָס אָנטון אין בעט

נו, זיך נישט ווי א געמאָלטער!...

יאקוב

צו וואָס עפּעס פלוצלינג זיך אָנטון? וואָס איז דאָס

ווידער פאר א נייס?

טאלע

דאַרפסט זיך באלד אָפּטראָגן פון דאנען!

יאקוב

וואָס?! איצט ארויסטראָגן זיך פון שטוב?!

וואַרפט אים צוריק דעם ראָק

ס׳הויבט זיך אפילו נישט אָן אָנצוהויבן...

טאלע

דו! יאקוב! הויבסט שוין ווידער אָן דיינע קונצן מיט׳ן

ווארפן! וועסט באלד ווידער אויסשלאָגן א שויב... טו דיך

בעסער אָן געלאסן און פאָר ארויס. אָבער באלד אָן

סקאנדאלן...

יאקוב

נישט אנדערש נור דו ביסט נישט ביים קלאָרן זינען!

איצט זאָל איך דיר אַרויס פון שטוב?!

טאלע

יאקוב לעבן, איך בעט דיך ווי א גוטן חבר, טו מיר נאָך דאָס מאָל צוליב און טראָג זיך אָפּ אויף א שעה־צוויי...

יאקוב

וואָס איז? רעד שאַרפער, אָבער פאַרדריי זיך דיין אייגענעם קאַפּעלוש! איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין.

טאָלע

נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען? האָסטו שוין, ווי ס׳ווייזט אויס, דיין לעצט ביסל שכל נעבעך פאַרשלאָפן...

יאקוב

כאַפּט זיך

אהא!...

טאָלע

ענדלעך דאָך געכאַפּט דעם שכל פאַר׳ן עק...

יאקוב

הייסט עס... ווילסט דאָ ווידער מאַכן א... שטילע חתונה?...

טאָלע

האָסט זיך נישט געקענט באַלד אָנשטויסן? צו וואָס דען וואָלט איך דיך וועלן פּטור ווערן?

יאַקוב

פּטור ווערן — זאָגסטו? האָסטו נעבעך במחילה א גרויסן טעות!... איך טו זיך טאַקע אָן, ווייל ס׳איז דאָ טאַקע א ביסעלע צו פּראַקטיק, אָבער איך בלייב מיט דיר. אז חברים איז חברים!... צום שלעכטן ווי צום גוטן — חברים און באַסטא!...

טוט זיך שנעל אָן

טאלע

אויפגערעגט

הערסטו יאקוב! ביסטו אן איינגעשפּאַרטע זאַך, האָב איך נאָך אויף מיין לעבן אַזעלכעס נישט געזען!

יאקוב

דו רעדסט נאָך! ס'קומט נאָך אפשר דיר ארויס א רעשט? ביי יעדער ראָמאנטישער געלעגנהייט פארגעסטו אין דיין בעסטן חבר, וועלכער טיילט מיט דיר אלע זיינע פרייד און לייד, אפילו זיין ווארעמע וואטאָווע קאָלדרע... איך רעד דאָס דיר חלילה נישט אויס, אָבער ווי קענסטו עס פארלאנגען, אז איך זאָל מיין ווארעמע היים פאר-לאָזן צוליב עפעס דאָרט א ווטמען ס'איז...

טאָלע

דאָ ביי אונז איז דערווייל נישט קיין ווארעמע היים און זי איז ביי מיר נישט „א ווער ס'איז"... זע נור, ווען איר זאָלסטו מיר רעדן מיט א געהעריקן רעספעקט, ווען נישט קענסטו פון מיר דערפאר גאָר מיאוס אָפּ-שניידן— דאָס איז נישט אבי ווער...

יאקוב

עסט און טוט זיך אָן צוזאמען

מען ווייסט שוין! אודאי ווידער עפעס „אן אויסנאם"? א „דאמע פון אן אנשטענדיק הויז", ווי די שבת'דיקע, וואָס האָט זיך צום סוף גאָר ארויסגעוויזן פאר א גע-וויינלעכע... טפו!...

שיסט אויס מיט א געלעכטער

ניין! דאָס איז דאָך געווען פיראמידאל! איך דערמאן זיך דיין מינע דאמאָלס, ווען... כא, כא...

צולאכט זיך אזוי שטארק, אז ער צוהיסט זיך אזש

טאָלע

דו, שלים מזלדיקער האָז! זיי נאָר א ביסל פּאָרזיכטיקער מיטן עסן. קאָנסט זיך נאָך חלילה דערשטיקן, כאָטש ס'וואָלט אפילו געווען די איינציקע גלייכע זאך, וואָס דו האָסט געטון אויף דיין גאנץ לעבן... נו, הוסט זיך אויס און פאָר. מיין מיידל דארף אקאָרשט מען זעט אָנקומען.

יאקוב

אלזאָ א מיידל?...

טאַלע

נו, יאָ, א מיידל... אבער...

יאקוב

שלאָגט איבער

מען ווייסט שוין!... ווי לאנג קאָנסטו זיך מיט איר?

טאַלע

פינף וואָכן!

יאקוב

פינף וואָכן! און מיר האָסטו די גאנצע צייט גאָרנישט געזאָגט! האָסט זי פאר מיר באהאלטן! דו עגאָאיסט, וואָס דו ביזט!

טאַלע

דו הערסט אויף?

יאקוב

פארוואָס האָסטו זי פאר מיר פארשוויגן?

טאַלע

ווייל...

זעצט זיך אוועק נעבן אים אויפן בעט

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך ביז איצט גאָרנישט געהאט צו דערציילן...

יאקוב

רייד איין דיין באָבן...

טאַלע

אויף מיין ערן-וואָרט...

יאקוב

אז אויף דיין ערן-וואָרט, גלויב איך דיר...

טאַלע

איך האָב שוין אפילו פיל מאָל געמיינט, אז פון דעם גאנצן עסק וועט גאָרנישט ארויסקומען... אזא היה האָט זי זיך ארויסגעוויזן... איך זאָג דיר — א פעסטונג גאָר-נישט איינצונעמען!...

יאקוב

ציט אים ביים צונג

און צום סוף?...

טאָלע

דערלאַנגט איִם א פּאַפּיראָס

נעמען קאָן מען יעדע פרוי... עס ווענדט זיך נור אין פרייז...

יאקוב

טפו, וואָס פאר א געמיינער ציניקער דו ביזט!

פאַרוויכערט דעם פּאַפּיראָס ביי טאָלען

טאָלע

פּאַרדאָן! דאָס ביסטו. ווער הייסט דיר עס אזוי ציניש פארשטיין? איך מיין נור, אז יעדע פרוי קאָן מען נעמען מיט מער אָדער ווייניקער פלייס, ענערגיע, ארבעט...

יאקוב

ס'הייסט?

טאָלע

ס'הייסט מיט שמייכלען, נאָכגיין, צושטיין און דאָס גלייכן... דו מיינסט, אז דאָס איז אזא גרויסע זאך? און דו אליין וואָלסט דאָס דען נישט געקענט? נישט מער דו ווילסט נישט וועלן...

יאקוב

שפּאָטיש

ע, דאָס שמייכעלסט דו מיך נור...

טאָלע

אויף מיין ערן-וואָרט, איך מיין גאַנץ ערנסט... פאַר-שטייסט, די גאנצע קונץ באשטייט נור אין דעם, מען זאָל זיין דרייסט און צוזאמען געדולדיק, אויסהאַלטן און...

יאקוב

ענדיקט פלוצלינג

און א גרויסער אקס!...

טאָלע

שפּרינגט-אויף פון בעטל

ביזטו דער חכם!... פלוצלינג פון דער העלער הויט ווערט ער מיר גאָר א מאָראַל-פּרעדיקער...

יאקוב

מאָראל? זאָל מיך גאָט שטראָפן. א שאָד מיין געזונט פאר אזא אומנוציקע ארבעט... איך וויל דיר נור זאָגן, אז...

טאָלע

שלאָגט אים איבער

האָסט דאָך געוואָלט גיין!

יאקוב

געוואָלט? כ׳האָב גאָרנישט אָנגעהויבן וועלן. פארוואָס זאָל איך עס טון? וואָס, מיין נשמה איז א ראָזשינקע?...

טאָלע

וואָס פאר אן אומגלויביקער לייבל דו ביזט! איך זאָג דיר, אז דאָס מיידל איז באמת אן אויסנאם... פארשטייסט דען נישט אליין — ווען ס׳וואָלט געווען מעגלעך דו זאָלסט בלייבן? איז — פארוואָס דען נישט? ס׳וואָלט דען מיר עפעס אָפגעקומען. פארקערט, ס׳וואָלט אונז נאָך היימלעכער געווען. אָבער מיט דער קאָן עס אויף קיין פאל נישט זיין...

יאקוב

פונקט ווי מיט יענער שבתדיקער?

טאָלע

נו, מיט יענער האָב איך א טעות געהאט. ס׳קאָן זיך דאָך טרעפן... מען איז דאָך נישט מער ווי א מענטש... אָבער די... אויף מיין וואָרט... אז איך בין נאָך אליין נישט זיכער...

יאקוב

עי, זאָגסט א ליגן...

טאָלע

ערנסט

ערנסט. ערנוואָרט. בא! ווען איך זאָל אליין זיין זיכער... אָבער כ׳זאָג דיר צו — ביי א צווייטן מאָל... נו גיי שוין...

יאקוב

איך גיי שוין, איך גיי... כאפט דיך דער טייוול! אמאָל ביזטו דאָך לייטישער געווען.

טאַלע

יאָ! וואו ווּעסטו זיין? איך זאָל וויסן וואו דיך שפּע-
טער צו געפינען.

יאקוב

איך גיי ארויף אויבן צו מיין שוועסטער.

טאַלע

דיין שוועסטער איז איצט נישטאָ אין דער היים.

יאקוב

זי דאַרף איצט יאָ זיין. די שעה האָט זי דאָך אַ ליידיקע.

טאַלע

האָסט פארגעסן, אז די גראבבערס האָבן געענדערט די
שעה פון זייער לעקציע?

יאקוב

יאָ גערעכט... ווייסטו טאקע, וואָס ביי מיין שוועסטער
טוט זיך בעסער פון מיר. דעם אמת געזאָגט, שמעקט
מיר נישט, וואָס דו ביסט געוואָרן מיט איר צו פיל
שמעלקע...

טאַלע

פארוואָס שמעקט עס דיר נישט?

יאקוב

ווייס איך? אַ קשיא אויף דיר? ביי דיר איז דאָך נישטאָ
קיין שום הייליקעס...

טאַלע

ערנסט

יאקוב! דו באליידיקסט מיך! דיין... דיין שוועסטער!...

יאקוב

אנטשולדיקט זיך לייכט

נו, נו, כ'מיין עס נישט ערנסט... איך וויס, אז וואָס
דו ביסט, ביסטו, אָבער קיין פּאָדלעץ ביסטו דאָך נישט...
דערפאר טאַקע האָב איך דיך ליב...

טאַלע

צי ווּעסטו זיך שוין אמאָל אָפּטראָגן!

יאקוב

אָבער אויפן אויג האָב איך דיך דאָך... ווייל איך זאָג:
גאָט איז טאקע א היטער, אָבער היט דיך אליין...

טאָלע

דו גייסט, צי נישט?!

יאקוב

פארשפילעט פויל דעם פאלטן

איך גיי דאָך. זעסט דאָך, אז איך גיי...

טאָלע

טאָ גיי! און לאָמער דיך שוין ענדלעך פאר מיינע
אויגן נישט אָנזען!...

יאקוב

ביי דער טיר

כ׳ווינש ערפאָלג! און זע פארגעס כאָטש נישט א זיפץ
צו טאָן פאר מיין נשמה וועגן אין יענעם מאָמענט...

טאָלע

שטופט אים ארויס

איך וועל שוין זיפצן, גיי שוין! גיי!...

יאקוב

אונטער דער טיר

א פריילעכן יום-טוב!

טאָלע

פארשליסט די טיר. ווארפט פון זיך אראָפ דעם ראָק, פארבעט דאָס בעט און פארשטעלט עס מיטן שפאניש-ווענטל. דערנאָך פארקערט ער די פאדלאָגע מיטן קליידער-בעזעמל און מיט דעם זעלבן שטויב ער אלץ אָפ אין צימער, אפילו זיך אליין. די גאנצע ארבעט טוט ער צופייפנדיק און צוזינגנדיק. אזוי צינדט ער אויך אָן די בענזין-מאשינקע צו טיי, און צוויי ליכט אין פראָוויזאָרישע לייכטער... עס הערט זיך א שטיל, געהיים קלאפן אין טיר. ער דערלאנגט אן אנגענעמען ציטער, שמייכלט צופרידן כאפט א קוק אין שפיגל און רופט:

אריין!

די קלאמקע באוועגט זיך, אָבער די טיר עפנט זיך נישט. מען קלאפט ווידער

ביטע!

ער דערמאנט זיך

אָך, פארשלאָסן!...

לויפט, שליסט אויף די טיר און טרעט אָפּ צוריק, אביסל קאָקעטיש דערוואַרטנדיק די אַריינקומענדע.

עלזא

קומט אַריין לאַנגזאַם

טאָלע

דערשראָקן, פאַרוואונדערט

די גאָר?! דו, עלזא?!

עלזא

איז א יונג שיין מיידל מיט שווארצע, איינפאך פארקעמטע האָר, וועלכע זענען אביסל צעשויבערט פון וועג. פון אירע אויגן שפיגלט א צימלעכע אינטעליגענץ. אויפן געזיכט איז צו דערקענען פרישע, שווערע איבערלעבענישן. אריינקומענדיק קוקט זי זיך פריער ארום, צי ס'איז קיינער אויסער טאלען נישטאָ, און ווארפט זיך באלד אין ברודערס אָרעמס

טאלע, טאלע! אָ, מיין ליבער טייערער ברודער!...

זי ברעכט אויס אין א געוויין

טאָלע

שטאמלט

עלזא! וואָס איז געשען אין דער היים? זאָג, עלזא, עפּעס אן אומגליק? דער טאטע? די מאמע? רעד, עלזא!

עלזא

די מאמע איז געזונט און דער טאטע אויך...

טאָלע

וואָס איז דאָך געשען?

עלזא

שרעק זיך נישט, גאָרנישט... אלע זענען געזונט, בארויאיק זיך... אין דערהיים איז גאָרנישט געשען...

טאָלע

אביסל בארואיקט

טא פארוואָס דען וויינסטו אזוי?... איך האָב זיך אזוי דערשראָקן... זעץ דיך, פארוואָס זיצטו דען נישט?...

דערלאנגט איר א שטול, זי זעצט זיך

זאָגסטו, אז אין דערהיים איז אלץ אין אָרדנונג?

עלזא

יאָ...

טאָלע

פאַרוואָס נעמסטו נישט אַראָפּ... גיב דעם זשאַקעט...

העלפט איר זיך אויסטאָן

און דעם הוט—גיב!

זיינע הענט ציטערן

עלזא

אָ, ווי דיינע הענט ציטערן...

טאָלע

לייגט אוועק דעם הוט און זשאַקעט אויף אַ שטול ביי דער טיר

איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך קאָן גאָר צו זיך נישט קומען. ווועסט דאָך טרינקען טיי?

ער לויפט צו דער מאַשינקע, פּומפּט אָן לופט, דאָס פייער נעמט הויך זשומען, דערנאָך פאַרשליסט ער די טיר...

אַזאַ אומדערוואַרטעטער גאַסט... וואָלסט כאָטש פריער צו־וויסן געטאָן... אַ בריוו... אַ קאַרטל כאָטש מיט צוויי ווערטער...

ער ווישט אויס מיט אַ האַנטטוך 2 גלעזער, אונטער־טעצלאַך און לעפעלעך, שטעלט זיי אוועק ביי דער מאַשינקע, און ווען ער איז שוין דערמיט פאַרטיק, גייט ער צו דער שוועסטער צו גאַנץ נאָענט

אָבער פונדעסטוועגן... עפּעס האָט דאָרט דאָך געמוזט געשען... פאַרוואָס דען האָסטו אַזוי געוויינט? לאָ'מיך דיך כאָטש גוט אָנקוקן, ווי זעסטו אויס? שוין באַלד אַכט חדשים, ווי איך האָב דיך נישט געזען... אָ, ווי דו האָסט זיך פאַרענדערט, עלזא! דיר האָט געמוזט עפּעס טרעפן... וואָס? פאַרוואָס דערציילסטו מיר נישט וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?

זי שווייגט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד

עלזא! פאַרוואָס רעדסטו נישט?

פאַרטראַכט זיך, דערנאָך פרעגט ער באַלד:

דער טאַטע און די מאַמע ווייסן? זיי ווייסן, אַז דו ביסט געפאָרן צו מיר? זאָג, זיי ווייסן?

עלזא פאַרשטעלט איר פּנים און שלוכצט שטיל

וואָס? זיי ווייסן גאָרנישט? פאַר וואָס? פאַרוואָס וויינסטו גאָר און ווילסט גאָרנישט רעדן?!

עלזא

אין טרערן

מיין ליבער, מיין איינציקער טאלע!...

טאָלע

נעמט אירע בײדע הענט אין זיינע אריין און רעדט צו איר ווייך טרייסטענדיק, ווי צו אַ קראַנק, אויפגערעגט קינד

נו, וויין נישט, קינד. גענוג געוויינט... בארויאיק דיך, ווישׁ אויס די אויגן... איך וועל שוין נישט מער פרעגן... וועסט זיך אָפּרוען, וועסט קומען צו זיך, וועסטו מיר אַלץ אליין דערציילן, ווי אַ ברודער. אָדער—אָדער גאָר—ווי איך וואָלט דיר נאָך נענטער געווען ווי אַ ברודער... איך פארשטיי, קינד: עס זענען פאראן זאכן, וועלכע מען פארטרויט אפילו נישט קיין טאטן, קיין מאמען און אפילו נישט, נו—אפילו נישט קיין ברודער... איך ווייס דאָס גוט... אבער איך... איך קען זאָגן, אז איך בין דיר מער נאָך ווי אַ ברודער! איך בין דאָך דער איינ־ציקער חבר פון דיין קינדהייט... געדענקסט נאָך, עלזא, דעמאָלט,—ס׳וועט זיין אַ יאָר אכט, אפשר נאָך מער,—אין קליינעם גערטל, וואו מיר האָבן זיך געשפּילט האָסטו מיר צוגעשוואָרן, אז קיינער פון אונז ביידן זאָל נישט האָבן קיין סוד פאר׳ן צווייטן, קיינמאָל נישט! אויפ׳ן גאנצן לעבן נישט!... געדענקסטו עס?...

עלזא

שמייכלט דורך טרערן

זעסט! איך האָב געמיינט, אז דו האָסט עס שוין לאנג פארגעסן, און דו געדענקסט עס נאָך...

טאלע

איך האָב עס געזאָלט פארגעסן? פלעג איך דען דיר דעמאָלט נישט אַלץ דערציילן, וואָס איך פלעג אָפּטון? דו האָסט געוואוסט אַלע מיינע קינדישע פאַרברעכן? האָב איך זיך דען נישט געטיילט מיט דיר מיט יעדער גנבה פון קיך, אָדער פון בופעט־שאפע, אָדער פון סאָד אפילו? נישט איינמאָל האָט דיר דאָס בייכעלע פון

מיינע גנבות ווי געטון, און דו האָסט עס געמוזט באַהאַלטן פאַר דער מאמע ... נאָר איך איינער האָב געוואוסט דיין גרויסן סוד פון דיין ווייטאָג!... כאַ, כאַ, כאַ!...

עלזא

לאַכט שוין אויך מיט

ווי דו געדענקסט עס אַלץ!... מיר האָבן זיך באמת זייער ליב געהאַט! מיר האָבן זיך דאָך קיינמאָל נישט געקריגט און נישט געשלאָגן, ווי ס׳טרעפט זיך ביי אנדערע שוועסטער און ברידער...

טאלע

האַלט אונטער איר פריילעכקייט

כאָטש איך בין געווען א שרעקלעכער שלעגער, א גזלן...

עלזא

איך געדענק, האָסט אמאָל דעם אפטייקערס יונגל צעבלוטיקט די נאָז...

טאלע

דערפאַר, ווייל ער האָט דיך ביים וואסער געכאַפּט קושן...
אָ! איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט, ווי צו פאַרטיידיקן דיין ערע... כאַ, כאַ, כאַ!...

עלזא

ווערט פּלוצלינג ערנסט:

יאָ, דעמאָלט האָסטו שוין געוואוסט...

טאלע

נעמט זי אַרום

ווייל וויסן זאָלסטו, אַז דער מאַן ווערט באַלד געבאָרן צו זיין דער פאַרטיידיקער פון דער שוואַכער פרוי...
זאָלסט עס וויסן!

עלזא

טרויעריק

איך ווייס...

פּלוצלינג

זאָג מיר, טאלע, האָסטו מיך נאָך היינט אזוי ליב ווי דעמאָלט?

טאַלע

ווי קאָנסטו דאָס אפילו פרעגן? דו מיינסט, ווייל איך זע דיך איצט נישט גאנצע יאָרן? וואָס האָט עס דען דערצו? יאָ קינד! איך האָב דיך נאָך אלץ אזוי ליב ווי דעמאָלט! און אפשר נאָך ליבער?

עלזא

גלעט אים

איך דיך אויך, טאַלעטשקע!... איך דיך אויך...

טאָלע

ס'פאַרשטייט זיך, אז מיינע סודות וואָלט איך דיר שוין היינט נישט געקענט פאַרטרויען.

עלזא

פאַרוואָס?

טאָלע

ווייל... ווייל צייטן בייטן זיך, און דער מענש מיט זיי. די קינדער־יאָרן זענען נישט מער ווי ריינע אומשולדיקע חלומות, פון וועלכע דאָס לעבן לאַכט זיך שפּעטער אויס... אָ, ווען מיר וואָלטן דאָס גאנצע לעבן געקענט בלייבן אזוי ריין, ווי מיר זענען דעמאָלט געוועזן... כאָטש דו עלזא, דו ביזט נאָך זיכער ביז היינט געבליבן די זעלבע ווייסע טויב, אָבער איך—הע־הע! איך מוז דיר זאָגן דעם אמת...

פאַנאַבעריש

נישט איין פלעק איז שוין דאָ אויף מיין געוויסן... הע־הע...

עלזא

קוקט אויף אים אומגלויבנד

דו, טאָלע? דו אויך?!

טאָלע

יאָ, יאָ! גאָרנישט צו דערקענען אויף מיר, וואָס?... כ'זע אויס ווי א שעפּסעלע, הא? אָבער איך מוז דיר פאַרטרויען א סוד — גאָר א נייעם סוד, שוין נישט פון א קינד, נור פון א מאַן: דאָס איז מיין פעל נור פון

א שעפּסעלע... אויף אן אמת בין איך א וואָלף! כאַ-כאַ-כאַ!...

עלזא

טאָליע!

טאָלע

שרעק זיך נישט, מיין ווייס טייבעלע, נישט פאַר דיר, פאַרשטייט זיך... דו ביסט דאָך מיין שוועסטער... פאַר אנדערע בין איך נור געפערלעך... הע-הע...

עלזא

דו! דו אויך...

טאלע

אלע מענער, זאָלסטו וויסן, זענען עס... דו דארפסט עס וויסן, ס'וועט דיר — נישט קשה — צונגען קומען אין לעבן, מיין שיין, ווייס טייבעלע...

עלזא

שטיל

צו שפעט... שוין צו שפעט!...

טאָלע

שפרינגט-אויף

וואָס זאָגסטו?!

עלזא

באהאלט דאָס געזיכט אין די הענט

פרעג מיך נישט, טאָלע!... בעסער פרעג גאָרנישט...

טאָלע

אָבער זאָג מיר דאָך... דו מוזט דאָך מיר ענדלעך זאָגן! איך מוז עס דאָך וויסן!

עלזא

גאָט מיינער! איצט האָב איך מיט אמאָל אלץ פאַרשטאנען! איצט איז מיר שוין אלץ קלאָר געוואָרן... איך ווייס שוין אלץ! איך ווייס...

טאָלע

וואָס ווייסטו? זאָג שוין... זאָג!

עלזא

ער איז נישט דער ערגסטער, נישט דער נידריקסטער!
נור איינער פון אלע שלעכטע...

טאַלע

ווער? וועגן וועמען רעדסטו?

עלזא

איך רעד פון דעם, וואָס האָט מיך אזוי נידערטרעכטיק באליידיקט!

טאַלע

אויסער זיך

דיך! דיך, עלזא! דיך, אומשולדיקע, ווייסע טויב?

עלזא

מיך, טאַלע!... דיין שוועסטער!...

טאַלע

מיין שוועסטער!... ווער? ווער האָט דאָס געוואגט! דיך, עלזא, פארפירט!... גאָט אין הימל! די מאמע, דער טאטע! ווען זיי וועלן וויסן, וועט עס דאָך זייער לעבן קאָסטן!...

עלזא

שטיל

זיי וויסן שוין...

טאַלע

זיי וויסן! ווי האָבן זיי דאָס... ווי האָבן זיי אזא קלאפ אריבערגעטראָגן?

עלזא

זיי האָבן מיך פון שטוב ארויסגעטריבן...

טאַלע

וואָס האָסטו געטון, עלזא! וואָס האָסטו געטון!..

עלזא

איך בין נישט שולדיק, טאַלע! וואָס בין איך דען שולדיק? דו קאָנסט דאָך מיך, איך האָב פון קיין שלעכטס נישט געוואוסט... און ער... איז געווען פאר מיר אזוי גוט... טריט אויף טריט פלעגט ער מיר נאָכגיין, כמעט א גאנץ

יאָר, שאָג־טעגלעך. עס איז נישט פארגאנגען איין טאָג, ער זאָל מיך נישט זען, ער זאָל מיט מיר נישט ריידן... און וואָס פאר א שיינע, וואָס פאר א ליבע, זיסע רייד... דעם טייוול די נשמה וואָלט מען געמעגט אָנטרויען פאר אזעלכע רייד...

טאָלע

א גאנץ יאָר, זאָגסטו, קענט איר זיך? הייסט עס, ווען איך בין צום לעצטן מאָל געווען אין דערהיים...

עלזא

פלעגט ער שוין צו אונז אריינגיין.

טאָלע

שוין דעמאָלט? ווערזשע איז ער? הא!

עלזא

דו קענסט אים גוט...

טאָלע

גראָס?!

עלזא

אָט

יאָ...

טאָלע

ער! צי בין איך בלינד געווען! ווי האָב איך דאָס גאָר־נישט באַמערקט! גראָס! איך וואָלט זיך קיינמאָל אויף אים אזעלכעס נישט גערעכט! אזא אנשטענדיקער, אזא פיינער יונגערמאן...

עלזא

דו זאָגסט, אז אלע מענער זענען אזוי...

טאָלע

אנטשלאָסן

ניין, עלזא! אזוי קען עס נישט בלייבן! איך וועל דיין אומגליק גראָס'ן נישט פארשווייגן.

עלזא

וואָס קענסטו אים טון?

טאָלע

איך וועל אים צווינגען, ער זאָל מיט דיר חתונה האָבן!

עלזא

צו שפּעט. מאָרגן האָט ער חתונה מיט א צווייטער.

טאָלע

דראָענדיק

דאָס וועלן מיר נאָך זען! דער נידערטרעכטיקער וועט מיר פאַר דיין אומגליק, פאַר דיין לעבן מיט זיין אייגן לעבן באַצאָלן!

עלזא

טאָלע!..

טאָלע

האלט מיך נישט אָפּ! באלד, מיט׳ן ערשטן צוג פאָר איך צו גראָס׳ן! איך וועל דעם געמיינעם...

עלזא

כאפּט זיין האנט בעטענדיק

איך וויל נישט, זאָלסט צו אים פאָרן! איך וויל פון אים גאָרנישט! זאָל אים זיין אייגן געוויסן שטראָפן!... איך האָב אים שוין אלץ מוחל געוועז...

טאָלע

אָבער דו מוזט דאָך פארשטיין, אז ווען דו זאָלסט אים אפילו מוחל זיין, קען איך דאָס אים נישט שענקען! פארשטיי, אז דאָ האנדלט זיך וועגן דיין ערע און אויך וועגן מיין ערע!

מען קלאפּט אין טיר

עלזא

שווייג... דאכט זיך מען קלאפּט!...

טאָלע

בייז

ווער איז דאָרט?

א פרויענשטימע

אונטער דער טיר

איך...

טאָלע

ווער?

מען ענטפערט נישט, ער דערמאַנט זיך

אַך!... אהא...

עלזא

ווער איז?

טאָלע

אין פארלעגנהייט שטיל

פונקט איצט... צו אלדע וווּרק...

די פרויענשטימע

נו עפן שוין, טאלע! מיר איז קאלט...

עלזא

פאַרוואָס עפענסטו נישט?...

טאָלע

איך בעט דיך, עלזא... אַנטשולדיק, גיי אויף א ווײַלע ארונטער אונטערן ווענטל... נור איין מינוט...

עלזא

פאָלגט, קוקנדיק אים פארשעמד אין געזיכט

טאָלע

פאררוקט פאָרזיכטיק דאָס ווענטל

האלט זיך, איך בעט דיך—גאַנץ רואיק... איך וועל זיך נור ענטשולדיקן...

ער עפענט די טיר

אדא

קומט אריין. זי איז א יונגע און א שײנע, די באקן, רויטע פון פראָסט, מאכן זי נאָך פיל שענער; אָנגעטון איז זי פארמעגלעך, וואָרם, קענטיק מיט א מוטערלעכע באזאָרגטקייט, „ס'זאָל דעם קינד זיין ווארם און באקוועם". אויף דער האַנט אריבערגעוואָרפן העגנגען אירע שליטשו. זי בלײַבט שטיין בײַ דער טיר אביסל פארשראָקן, קענטיק דעם ערשטן מאָל אין איר לעבן טרעט זי איבער א ייננגג-מאנס שוועל.

אדא

נאאיוו

אי איז דאָ א ליבע ווארם... א גוטן אָוונט!...

טאָלע

שטאמלט

פריילין אדא... איך האָב אייך געוואָלט בעטן איר זאָלט מיר ענטשולדיקן.

אדא

שלאָגט אים איבער גוטמוטיק

איך בין שוין מער נישט בייז אויף אייך, וואָס איר האָט מיך צוגערעדט צו אזא געוואגטן שריט... ניין!... אָט האָט איר דארויף מיין האנט!...

זי לייגט איר האנט אין זיינע, און נעמט זי לאנג נישט צוריק

אמת, אז נעכטן בין איך געווען אויף אייך גאָר שטארק אין כעס פארוואָס איר נוצט אויס אייער שטארקן איינפלוס, וועלכן איר האט איבער מיר — אדאנק דעם, וואָס איך... האָב אייך ליב...

טאָלע

וויל איר איבערשלאָגן

אָבער, פריילין אדא!...

אדא

איר זענט בייז, פארוואָס איך זאָג עס אייך?

קאָקעטיש

איר זענט אזוי בייז, אז איר בעט מיך אפילו נישט זיצן?... הע-הע... וועל איך זיך אליין בעטן זיצן... בין איך שוין יאָ אריינגעקומען אין א קאוואלערסקע וואוינונג, וועל איך מיך שוין דאָ פילן ווי ביי זיך אין דער היים — אזוי האָב איך מיר ביינאכט באַשלאָסן...

זעצט זיך

איך בין אזוי מיד...

טאָלע

מעכאניש

ביטע, זיצט...

אדא

איך זיץ דאָך שוין... שיין גאסטפריינטלעך זענט איר דאָס...

טאָלע

פריילין אדא!... איך מוז אייך זאָגן אָפן: איך לעב איצט איבער זייער א ערנסטן מאָמענט...

אדא

איך ווייס... איך לעב אויך איבער דאָס זעלבע... ס'איז נישט קיין קלייניקייט אזא שריט!... אָך, ווען מיין טאטע זאָל זיך דערפון דערוויסן וואָלט ער מיך אויף זיכער פון שטוב ארויסגעטריבן!...

טאָלע

וויל איבערשלאָגן

פריילין אדא!...

אדא

און מיין ברודער... אָ, ווען ער דערוויסט זיך, אז איך גיי צו אייך... ער איז אזא... איך ווייס — ער וואָלט אייך אפשר חלילה — דערשאָסן!...

טאָלע

ניין... איך מיין...

אדא

אָבער איר דארפט זיך נישט שרעקן... איך וועל קיינעם נישט דערציילן... אָ, ווי איר זענט בלאס געוואָרן... הי—הי—הי...

טאָלע

נישט דאָס... איך שרעק זיך נישט...

אדא

איך ווייס... א גאנצע נאכט האָב איך, ליגנדיק אויף מיין בעטל, מיט זיך געשריטן: גיין צו אים, אָדער נישט גיין?... איך האָב מיר געוואָלט איינרעדן, אז דאָס איז נישט מער ווי א קלייניקייט... פארוואָס איז דאָ פאראן מורא צו האָבן? ער וועט דאָך מיך נישט אויפ-עסן... און דאָך האָט מיין הארץ די גאנצע נאכט אזוי געקלאפט... אזוי געקלאפט... נאָך איצט אויך...

קוקט אים פאָרשעמט אָן

איר זעט אויך אויס אזוי צוטראָגן... ביי אייך קלאפט

אודאי אויך דאָס האַרץ ווי ביי מיר...

טאָלע

נאָר איך בין איצט זייער פאַרנומען...

אדא

איר האָט נויטיקע אַרבעט? נו, וועל איך אייך לאַנג נישט שטערן...

טאָלע

איר וועט דאָך מיר אַנטשולדיקן? יאָ?

אדא

ס׳פאַרשטייט זיך! פאַרקערט. מיר געפעלט עס זייער, וואָס איר זענט מיט מיר אַזוי אָפנהאַרציק... אַזוי האָב איך עס מיר טאַקע פאָרגעשטעלט... איבערהויפּט, צום ערשטן מאָל... איר ווייסט, אַז אייגנטלעך בין איך נאָך היינט גאָר נישט געקומען... און אַנדערש מאָל וועל איך צו אייך קומען אויף אן אמת... היינט בין איך נאָר געקומען פון נייגעריקייט... איך בין זייער נייגעריק געווען זען ווי ביי אייך קוקט אויס...

קוקט זיך אַרום

ביי אייך איז גאַנץ שיין!...

קומט צו דער מאַשינקע

אויף דער מאַשינקע קאָנט איר טיי? אַליין! פון וואַנען קאָנט איר עס?... און צוויי גלעזער! אָ, דאָס צווייטע גלאָז האָט איר פאַר מיר צוגעגרייט... געטראַכט זיך: „אדא וועט קומען א געפּרוּווירענע...” אַזוי האָט איר געטראַכט... ניין?... אָך, זענט איר א גוטער!... וועל איך טאַקע ביי אייך אויסטרינקען טיי איידער איך גיי אוועק...

זעצט זיך

טאָלע

אַנטשלאָסן

פרײַלין אדא! איר קאָנט דאָ נישט בלייבן!

אדא

פאַרוואונדערט

פאַרוואָס?

טאָלע

ווייל איך בין היינט נישט אימשטאנד מיט אייך צו רעדן.. איך בין איצט...

פלוצלינג שיסט ער אויס נערוועז, כמעט ברוטאל

איך בעט אייך — לאָזט מיך איצט צורו!

אדא

בלייבט אַ ווילע אָן לשון

וואָס... וואָס מיינט איר?...

טאָלע

גייט איצט אוועק!

אדא

פאַרוואָס?

טאָלע

פרעגט נישט! איך קאָן אייך מער איצט גאָרנישט זאָגן. אפשר אמאָל, ביי א געלעגנהייט, וועל איך אייך אפשר דערציילן...

אַדאַ

אמאָל? ביי אגעלעגנהייט?.. הייסט עס, אז איר ווילט מיך שוין אפילו מער נישט זען?.. איז דאָס געווען גאָר אלץ, וואָס איר האָט פאר מיר געפילט?! פאַרוואָס זשע האָט איר מיך אזוי שטארק געבעטן, איך זאָל צו אייך קומען?..

טאָלע

איך האָב עס געוואָלט מיט'ן גאנצן הארץ!.. אָבער איצט...

אַדאַ

איצט האָט איר מיך שוין מער נישט ליב?.. פאַרוואָס? פאַרוואָס?!

טרערן רינען איר איבערן פנים

אפשר דערפאר, ווייל איך בין צו אייך געקומען?.. איך בין נישט שולדיק! איך האָב אַנדערש נישט געקענט! איך ליב דאָך אייך!...

טאָלע

איר... איר ליבט מיך?..

אדאַ

קוקט אים אָן שטוינענדיק

איר פרעגט?!.

טאָלע

ווייל צוריק כאַפּן

ניין, איך ווייס... אָבער...

אַדאַ

איר מיינט, אַז איך וואָלט צו אייך געקומען, ווען איך וואָלט אייך נישט ליב געהאַט?... פאַר אַ וועלכע האַלט איר מיך?!

טאָלע

איך מיין נישט חלילה, אַז...

אַדאַ

שווייגט! גענוג... כ'ווייס שוין וואָס איר מיינט...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט ערשט איצט עלזאַ'ס זשאַקעט און הוט, וועלכע ליגן אויף אַ שטול ביי דעם טיר

איך זע שוין... דער הוט... דער מאַנטל... אהא... איך האָב אייך געשטערט...

טאָלע

ניין! איר האָט אַ טעות... איך וועל אייך זאָגן אַלץ...

אַדאַ

באַמיט זיך נישט... איך זע שוין... איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ...

ווייזט צום ווענטל מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג

איר האָט געמיינט, אַז איך בין „אַזוינע“ ווי אָט, יענע! ווי געמיין!...

לויפט אַרויס וויינענדיק

עלזא

וועלכע האָט אונטערן ווענטל אַלץ געהערט, שיסט אַרויס מיט אַ געוויין, אין וועלכן ס'הערט זיך אַ פּיינלעכע באַליידיקונג

טאָלע

בלייבט שטיין אַ לענגערע ווײַלע, ווי מען וואָלט אים אין פּנים אַרײַן געשפּיגן. דערנאָך באַהערשט ער זיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַנסביל און נעמט לאַכן מיט אַ געמאַכטן געלעכטער

הע-הע... וואָס זאָגסטו צו דעם, עלזא?... דאָס מיידל איז

דאָך זיכער, אז איך באהאלט אונטער׳ן ווענדטל אַ... אַ...
הע-הע-הע ,,,

יאַקוב קומט אריין א דערפרוירענער, קלאַפנדיק אַ פוס אין אַ פוס

יאקוב

כאַפּט אונטער זיין לאַכן, נאָכשפּעטנדיק

כע-כע.כע ... וואָס לאַכסטו עפּעס, ווי א וואלד-פאווע...
ס׳פעלט דיר נאָך זאָלסט מאכן „קוואָיראַקע! ברעקעקעקעס!״...
כע-כע-כע... וואָס איז אויף דיר אזא גדולה? ביסט באַגליקט געוואָרן מיט נאָך א זיג איבער א שוואך ווייב?...
האָסט נאָך אן אומשולדיקע נשמה׳לע אריינגעשלעפּט אין דיין נעץ פון זינד?...

לאַכט אים נאָענט אין פּנים אריין

כי-כי-כי... ברעקעקעקעס!...

עלזא איז שטיל געוואָרן

טאָלע

וואָס ווילסטו דאָ איצט? האָסט דאָך געזאָלט קומען ערשט אין א שעה צוויי ארום?

יאקוב

לויפט צום אויוון

איך בין געפרוירן געוואָרן ווי א חזיר! די שוועסטער נישט געטראָפן אין דער היים. איך קען גאָרנישט קלערן, וואו זי איז איצט? דו ווייסט נישט?

טאָלע

פון וואנען זאָל איך וויסן?

יאקוב

איך האָב געמיינט, אז דו קערסט עס וויסן. דו ביסט דאָך עפּעס איר פּאַרטרויליכסטער פריינט...

טאָלע

הויבסט שוין ווידער אָן! כאָטש איצט לאָז מיך צורו מיט דיין נארישן חשד!...

יאקוב

חשד? חלילה!... כאָטש... ווייסט דיך דער טייוול! אז דו ביסט אזא מכשף... די „גדולה״, וואָס איז איצט

ארויס פון דאנען האָט נאָך געהאלטן אין קאָרידאָר אין איין ווײנען — אודאי פון ליבע־עקסטאז?... הא?... און די קוקסט אויס!...

טאָלע

שלאָגט אים איבער

איך בעט דיך, יאקוב...

יאקוב

זאָג מיר, איך בעט דיך, אין וואָס באשטייט דײן כשוף?

טאָלע

בײסט זיך די פינגער, ווינקנדיק צום ווענדטל

יאקוב, איך בעט דיך, לאָז אָפּ...

יאקוב

פארשטײסט נישט

נו, נו... ווער מיר נור נישט פלוצלינג צופיל עניו...

טאָלע

פארצווייפלט

איך בעט דיך, הער אויף!

יאקוב

קלאפט אים אויף דער פלײצע

ביזט א צאצקע א ייגנגעלע! א וואוילער בחור! א פײנער זכר...

טאָלע

גייט ארויס פון געדולד

האלט ס'מויל! ביזט נישט אליין!...

יאקוב

וואָס?!

ער קוקט זיך ארום, פון אונטערן ווענטל הערט זיך אויפסנײ
עלזאס שטילן שלוכצן

פיאָ! האָסטו דיר, הייסט עס, דאָרט נאָך איינע.... האָ— האָ! ביזט דאָך טאקע גאָר א לײטישער מייסטער!...

טאָלע

ברעכט אויס

שווייג! שווייג, זאָגט מען דיר!

יאקוב

וואָס וואַרפסטו זיך אזוי, וואָס?...

טאָלע

שטיל, נאָענט

איך בעט דיך, גיי איצט אוועק...

יאקוב

העזהדיק

ווילסט שוין ווידער מיינער פטור ווערן? אהא! איצט וועט עס דיר שוין נישט געלינגען! די סעודה מוז שוין פאר מיר אויך קלעקן!...

טאָלע

שטילער!... אָקס! דאָרט איז דאָך די שוועסטער!...

יאקוב

ווילד

מיין שוועסטער?!

וויל לויפן אונטערן וועגדטל

טאָלע

פארהאלט אים

ניין! נישט דיינע... מיין שוועסטער... מיין אייגענע שוועסטער...

יאַקוב

בלייבט שטיין, הערט זיך איין אין עלזא'ס וויינען, בארואיקט זיך

דיין שוועסטער?... דיין...

דריקט טאָלע'ס האנט

זיי מיר מוחל!.. כ'האָב דיך נישט געוואָלט באליידיקן...

לאָפט עפעס אויף זיך און לויפט אַפ

עלזא

קומט ארויס פון אונטערן וועגדטל, גייט צו צום ברודער, לייגט איר האנט אויף זיין אַקסל, וויל עפעס זאָגן, אָבער—ז שווייגט...

טאָלע

שטייט מיט אראָפגעלאָזענעם קאָפּ, פויזע

פארהאנג פאלט לאנגזאם

אינהאַלט:

1) דאָס אייביקע ליד
2) ווער איז דער גנב
3) מיין ווייבס משוגעת
4) שוועסטער און ברידער

מארק ארנשטיין
(אַנדזשעי מאַרעק)

דראמאטישע שריפטן

II

פארלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

בוכהאנדלונג

Copyright 1926 by Martin Marc
ooooooo Boston, Mass ooooooo

M. Arnsztajn (Andrzej Marek)
Utwory dramat. t. II. Warszawa 1927

Wydawn. „Kultur-Liga" Warszawa.

Druk. „Di Welt" Warszawa. Nowolipie 7

די נקמה

פ ע ר ז א נ ע ן:

דער אַלטער לענץ
דער יונגער לענץ
דאָס פאַבריק־מיידל

געשעהט אין וואוינונג פון יונגען לענץ.

קומט פאר אין א פאבריק-שטאט ביי לענצן אין פאלאץ. א רייך איינגעארדנטער קאבינעט ביים יינגן לענצן. אין דער טיף— צוויי הויכע פענסטער און א טיר, וואס פירט דורך א קליינער טעראסע צו א פרעכטיקן פאלאץ. רעכטס — א טיר אין שלאפצי־מער און לינקס — צו די ווייטערדיקע צימערן, א סך רייך מעבל, א פיאנא, טעפיכן, בילדער און בלומען... א לענגערע ווייל איז קיינער נישטא. פון די אפענע פענסטער הערט זיך דאס זינגען פון פויגל.

דער יונגער לענץ

באווייזט זיך אויף דער טעראסע, שלעפנדיק מיט זיך, כמעט מיט געוואלד, א יונג מיידל, וואס איז ענלעך צו א פאבריק-ארבע־טערין און צו א ביליק גאסן-מיידל

גיי... קום אריין! דו האסט זיך נישט וואס צו שרעקן, גייסט דאך מיט מיר...

דאס מיידל

הערט זיך שוואך

ע, לאזט בעסער, הער לענץ... ווי קומט איר צו מיר...

יונגער לענץ

קיצלט זיך

דערפאר טאקע קום איך דאך נישט צו דיר, נאר דו — צו מיר, הע, הע...

דערלאנגט זי מיטאמאל א שלעפ אריין אין צימער

אט, ביזטו שוין ביי מיר...

דאס מיידל

קוקט זיך ארום דערשראקן

אוי! דער אלטער הער לענץ וועט נאָך אריינקומען!..

אייל אנטלויפן

יונגער לענץ

פארלויפט איר דעם וועג

האָב נישט קיין מורא. דער פאפא איז איצט ביי זיך, ער קומט דאָ אהער קיינמאָל נישט אריין. דאָ בין איך באלעבאָס...

לאָזט אראָפ די גארדינען. עס ווערט אביסל טונקעלער

דאָס מיידל

ביי אייך איז אזוי ריין, ווי ביי א קעניג... איך האָב דאָך קיינמאָל אין מיין לעבן אזא רייכקייט נישט געזען...

יונגער לענץ

פארגנבעט זיך פון הינטן, כאַפּט די אָרעם און נעמט זי ליידנ... שאפטלעך קושן

דאָס מיידל

וואָס טוט איר? אי! וואָס... וואָס...

רייסט זיך ארויס און אנטלויפט

יונגער לענץ

אָ! דו וועסט שוין ביי מיר נישט אנטלויפן!...

יאָגט זיך מיט איר און כאַפּט זי

אָט האָב איך דיך ווידער!...

דאָס מיידל

הער לענץ לאָזט מיך אָפּ. וועט איר בעסער מאכן!...

יונגער לענץ

איך ווייס שוין אליין, ווי בעסער צו מאכן... קום... קום...

ער שלעפּט זי צום דיוואַן

דאָס מיידל

דרייט זיך פלינק אַרויס פון זיינע אָרעמס

ביין! איך זאָג אייך, אז ס'וועט גאָרנישט זיין!...

יונגער לענץ

פארוואָס?

דאָס מיידל

איך ווייס שוין פארוואָס...

יונגער לענץ

וויס איך אויך פארוואָס עס וועט שוין יאָ זיין...

דאָס מיידל

פארוואָס?

יונגער לענץ

ווייל דו געפעלסט מיר.

דאָס מיידל

איר מיר אויך.

יונגער לענץ

נו, זעסטו שוין...

דאָס מיידל

איר געפעלט מיר שוין פון לאנג. צייט איר זענט גע-קומען צו פאָרן פון בערלין אזא דערוואקסענער, אזא שיינער... גאָרנישט דערזעלבער, וואָס מיט צוויי יאָר צוריק... איך געדענק דאָך אייך... איר זענט נישט גע-ווען אזא שיינער פריער... איצט, ווען איך האָב אייך דערזען צום ערשטן מאָל אין פאבריק, האָב איך באלד א טראכט געטון! אָט, פון אים וואָלט איך וועלן — איין קוש!... הי-הי-הי...

יונגע לענץ

איינעם? נא דיר הונדערט! טויזנט!...

נעמט זי קושן ליידנשאַפטלעך, ציענדיק זי צום דיוואַן

דאָס מיידל

ווערט זיך

לאָזט מיך אָפּ!... נישט גוט פאר אייך מיך צו קושן...

יונגער לענץ

איך וויס שוין בעסער, וואָס פאר מיר איז גוט...

וויל זי ווידער ארומנעמען

דאָס מיידל

ניין! ניין! איך וועל אייך שוין בעסער זאָגן אלץ...

יונגער לענץ

נו?

דאָס מיידל

איך... איך בין... קראַנק...

יונגער לענץ

לאָזט זי אָפּ, באַטראַכט זי אַ ווײַלע, אָבער גלויבט איר ניט

הע, הע... ווילסט מיך אָפּנאַרן... איך קען זיך דערויף...
איך פאַרשטיי אזעלכע תּירוצים... קום!

דאָס מיידל

אַנטלויפט

ניין, הער לענץ! נישט, ווי איר מיינט... איך בין אומגליקלעך זייער... ווײַל איך נישט, אז איר...

יונגער לענץ

וואָ... וואָ... וואָס?!

טרעט אָפּ פון איר

דאָס מיידל

יאָ... אָט טאַקע דאָס... איצט פאַרשטייט איר שוין?

יונגער לענץ

דו... דו?! איך קען דאָך דיך אַלס קינד... אָט אזאַ קליינטשקע ביזטו געווען... ווען דײַן מאַמע פלעגט קומען צו אונז וואַשן וועש, פלעגסטו זיך שפּילן אין קליינעם גערטל אויפן הויף... באַלד. וויפיל יאָר ביזטו איצט אַלט?

דאָס מיידל

זעכצן.

יונגער לענץ

זעכצן! און — שוין?!

דאָס מיידל

שוין לאַנג!... באַלד, ווי לאַנג? ס׳וועט זײַן — דריי יאָר...

יונגער לענץ

ביזטו, הייסט עס, דעמאָלט קוים אַלט געווען דרײַצן יאָר?

דאָס מיידל

יאָ...

יונגער לענץ

ווי אזוי איז עס געשען? האָסטו זיך דען אזוי יונג פארליבט?

דאָס מיידל

פארליבט? באַלד... פונקט געטראָפן... הי, הי — איך האָב נאָך דעמאָלט אפילו נישט געוואוסט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט.

יונגער לענץ

איז — וואָס דען?

דאָס מיידל

איך האָב געמוזט... פאר אנדערטהאלבן רובל... דער טאטע האָט געהייסן...

יונגער לענץ

דיין אייגענער טאטע!...

דאָס מיידל

מיין אייגענער... ס'איז נישט געווען וואָס צו עסן... אלץ אין שטוב איז שוין געווען פארמשכנט, פארקויפט, זאָגט צו מיר דער טאטע: „גיי אין שטאָט אריין, דריי זיך ארום אויף דער גאס, דו ביזט א שיינע... וועט דיך עמיצער רופן, זאָלסטו מיט אים גיין. אויב — אויב ער וועט דיר נאָר באַצאָלן... זע נאָר, זאָלסט עפּעס ברענגען אהיים, ווען נישט וועלן מיר דאָ אלע אויסגיין פון הונגער". נו, בין איך געגאנגען.

יונגער לענץ

וואָס איז דיין טאטע?

דאָס מיידל

ער איז שוין גאָרנישט, הי, הי...

יונגער לענץ

ווי הייסט?

דאָס מיידל

ער איז שוין טויט. געווען אן ארבעטער אין אייער טאטנס פאבריק.

יונגער לענץ

אהא, און די מאמע דיינע איז געווען א וועשין. פאר־וואָס-זשע איז אויף איך געקומען אזא שרעקלעכע נויט?

דאָס מיידל

די מאמע האָט די לעצטע יאָרן אויפגעהערט וואשן. שוין צו שוואך, קראנק... און דער טאטע — דער טאטע האָט זיך צעווערטלט מיטן מייסטער, האָט מען אים דערפאר אָפּגעזאָגט פון פאבריק.

יונגער לענץ

פארוואָס האָט ער נישט פּראָטעסטירט? פארוואָס איז ער נישט געגאנגען צום דירעקטאָר?

דאָס מיידל

געווען... נישט געהאָלפן...

יונגער לענץ

פארוואָס-זשע האָט ער זיך נישט באקלאָגט פאר מיין טאטן?

דאָס מיידל

ע, איר מאכט חוזק... ווייסט איר דען נישט. אז צו אייער טאטן ווערט קיין ארבעטער נישט צוגעלאָזט? און ווען אפילו יאָ, וואָלט עס אויך נישט געהאָלפן. איר אפשר ווייסט טאקע נישט, אָבער מיר, אָהאָ, מיר קאָנען שוין צו גוט דעם אלטן לענץ!...

יונגער לענץ

נאָך א קורצער פּויזע

דו ווילסט עפּעס געלט?

וויל איר געבן

דאָס מיידל

איך וויל נישט. בחינם נעם איך נישט קיין געלד... איך בין נישט קיין בעטלערקע...

יונגער לענץ

נעם, דו באדארפסט.

דאָס מיידל

דארפן דארף איך שוין איינמאָל... זאלבעזעקס זענען

מיר אינדערהיים. די מאמע איז קראנק... ס'איז שוין גע-
ווען ביי אונז גאָר שלעכט, אָבער ..יצט איז שוין אדאנק
גאָט אביסל בעסער, צייט מיין יונגערע שוועסטער
העלפט מיר צו...

יונגער לענץ

ציטערט אויף

דיין שוועסטער אויך?!

דאָס מיידל

פארשטייט זיך... איך האָב זי אליין ארויסגעפירט אין
גאס אריין, נאָך פאראיאָרן, ווען זי איז אלט געווען
דרייצן יאָר... פארוואָס זאָל איך אליין פארדינען אויפן
גאנצן הויז... נו, העלפט זי מיר צו: בייטאָג ארבעטן
מיר צוזאמען ביי איין אין פאבריק און ביינאכט גייען
מיר ארויס...

יונגער לענץ

כאָטש די ביזט... קראנק...

דאָס מיידל

פארביסן

יאָ, נו, איז וואָס? דארפן מיר שוין, הייסט עס, פגרן
פון הונגער? איר מיינט, אז איך דערציי͏ל עמיצן פון
מיין אומגליק. א פייג! — יענער, וואָס האָט עס מיר גע-
טון, האָט מיר אויך נישט דערציילט...

יונגער לענץ

פארוואָס-זשע האָסטו מיר געזאָגט?

דאָס מיידל

קוקט אויף אים מיט א ווארימען שמייכל

ווייל... אייך... אייך איז מיר א שאָד... איר זענט אזא
שיינער, אזא געזונטער און אזא, אזא — רייכער... אונ-
זערן איז מיר נישט קיין שאָד. סיי-ווי לעבט ער דאָך
א געמוטשעט לעבן — אָבער איר — אייך איז דאָך אזוי
גוט, טאקע נאָר ווי א פרינץ... ווי-זשע זאָל איך אייך
דאָס טון... ניין!...

יונגער לענץ

דו האָסט דאָך געקאָנט איצט זיך אָפּרעכענען מיט מיר פאר זיך און פאר זיי אלע!...

דאָס מיידל

דערלאנגט אזש א פאטש מיט די הענט

אי! אמת... איך האָב דאָס טאקע איצט געקאָנט און געדארפט טון!... א שאָד... ארויסגעלאָזט פון דער האנט אזא געלעגנהייט...

אָבער זי קוקט אים דערביי אָן מיט א הארציקן בליק

יונגער לענץ

פארוואָס קוקסטו אויף מיר אזוי?

דאָס מיידל

ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, ברודערל בעסער אזוי... דערלאנגט מיר א פאפיראָס!

ער דערלאנגט איר א פאפיראָס פון זיין גאָלדענער פאפיראָסניצע וואָס ער לאָזט ליגן אויפן טיש

נו, און א שוועבעלע, שיינינקער...

ער דערלאנגט איר, זי פארויכערט, דערנאָך ציט זי צו אים די האנט

א דאנק — „מוסיו...“

יונגער לענץ

כאפט איר האנט און קושט זי מיט אכטונג

דאָס מיידל

זעצט זיך אזש אוועק פארגאפט אויף א גאנצן שטול

וואָס טוט איר! איר, מיין האנט...

יונגער לענץ

נישט נאָר דיין האנט — דיינע פיס דארף איך קושן!

ער פאלט אויף די קני און וויל ארומנעמען איר׳ע פיס

דאָס מיידל

וואָס ווילט איר פון מיר?!

יונגער לענץ

זיי מיר מוחל!

דאָס מיידל

פארוואָס?

יונגער לענץ

פאר מיין טאטן, פאר מיר, פאר אונז אלע!...

קושט אירע פיס

דאָס מיידל

וואָס טוט איר?... איר, אזא רייכער, אזא שיינער, מיר... מיינע פיס... איך פארשטיי אייך נישט... סיידן... נישט אנדערש...

זי רוקט זיך פון אים אָפּ מיט שרעק

יונגער לענץ

שטייט אויף

האָב נישט קיין מורא, איך בין נישט משוגע — און נישט שכור אויך — פארקערט, קיינמאָל בין איך נאָך נישט געווען אזוי קלאָר ווי איצט... איך האָב ביז היינט נאָך קיינמאָל נישט געזען אלץ אזוי דייטלעך ווי אין דער מינוט... הער! אין דעם נייעם פאלאץ, וועלכן מיין טאטע האָט איצט געקויפט, איז פאראן פערציק שפאַנ-פערד בלויז פאר אונזערע קארעטן, קאָטשן און פייע-טאָנען... דער שטאלטייסטער האָט מיר געזאָגט, אז די פערד אליין האָבן די ווערט מער פון הונדערט טויזנט רובל...

דאָס מיידל

הערט זיך איין נײַגעריק

אָווא! אָווא!...

יונגער לענץ

אויסער זיי זענען נאָך דאָ אין דעם פאלאץ פינף רייט-פערד פון ריין אראביש בלוט און יעדעס פון די רייט-פערד קאָסט פיל, פיל טויזנטער...

דאָס מיידל

אָווא! אָווא! און דאָס אלץ וועט אמאָל געהערן צו אייך?!

יונגער לענץ

צו מיר אליין. איך בין דאָך ביי מיין טאטן אן איינ-ציקער!... און דו ווילסט ביי מיר נישט נעמען אביסל פון מיין געלט... נעם!...

דאָס מיידל

(נעמט נישט)

אָבער איר וועט נאָך מוזן לאַנג וואַרטן ביז אייער טאַטענס רייכקייט וועט אייך געהערן... אייער טאַטע איז נאָך אזא געזונטער...

יונגער לענץ

איך בין דאָך שוין איצט רייך—א שרעק... דו וואָלסט זען, ווי איך לעב מיר אין בערלין; איך לערן דאָרט, הייסט עס, אין אוניווערזיטעט... מיין וואוינונג באשטייט פון צוועלף צימערן! איך האָב מיר מיין אייגענעם קאַמערדינער, צוויי לאַקייען, א קוכער, א סטאַנגרעט, צוויי שטאַל-יונגען, קארעטן, פערד... גאנץ בערלין קען מיך... מען רופט מיך דאָרט „דער רייכער לענצל..." איך פאַרשווענד געלט, וויפיל מיין הארץ גלוסט! דער טאַטע האָט מיר געזאָגט: קיין געלט דארפסטו נישט שפּאָרן, נאָר זע, זאָלסט זיך צונויפקומען מיט מענטשן פון די הויכע קרייזן...

דאָס מיידל

מיט וועמען?

יונגער לענץ

מיט באַראָנען—מיינט ער מיט גראַפן און פּרינצן—מיינט ער... ווייל—דו ווייסט—מיין זיידע איז דאָך געווען פונקט אזא ארבעטער, ווי דיין טאַטע...

דאָס מיידל

יאָ, איך האָב טאקע געהערט וועגן דעם ריידן. מען זאָגט, אַז אייער זיידע איז פון א פּראָסטן וועבער געוואָרן א מייסטער, דערנאָך זאָל ער האָבן עפּעס פאַרדינט א ביסל געלט, האָט ער געלאָזן אייער טאַטן לערנען אין די שקאָלעס... דערנאָך האָט אייער טאַטע התונה-געהאַט, גענומען א גרויסן נדן און אויפגעשטעלט די פאַבריק בשותפות מיט'ן אלטן וואגנער... דערנאָך..

(זי שווייגט)

יונגער לענץ

נו, וואָס? זאָג אַלץ, וואָס דו ווייסט.

דאָס מיידל

ע, ווייסט איר דען אַליין נישט בעסער פון מיר?

יונגער לענץ

ניין, איך ווייס נישט אַלץ. פאַר מיר באַהאַלט מען... איר דאַרפט ווייסט אַלץ! דערציילט מיר... איך וויל אויך אַלץ וויסן! דערציילט!

דאָס מיידל

וועט איר נישט בייז ווערן?

יונגער לענץ

ניין. זאָג... זאָג!

דאָס מיידל

מען זאָגט... ניין, איך האָב מורא...

יונגער לענץ

האָב נישט קיין מורא. איך הייס ריידן—אַלץ!

דאָס מיידל

וועל איך דערציילן... מען זאָגט, אַז אייער טאַטע איז אַזוי רייך געוואָרן נאָר פון פרעמדער קריוודע. דער שותף זיינער, דער אַלטער וואַגנער זאָגט מען—האָט דורך אייער טאַטן באַקומען אַן אַפּאָפּליעקסיע און די אַלמנה מיט די יתומים וואַגנערס האָט ער באַראַבעוועט ביז׳ן לעצטן גראָשן, געמאַכט זיי פאַר בעטלער—און דערנאָך זאָגט מען...

זי רייסט ווידער אָפּ

יונער לענץ

אַלץ! אַלץ! דערציילט! איך מוז דאָך אַלץ וויסן!... דערציילט!

דאָס מיידל

איך האָב געהערט, נישט איינמאָל האָב איך געהערט, ווי מען זאָגט: „דער געלער כּלב—אייער טאַטע, הייסט עס—דער געלער כּלב האָט אַ גאַנצע וועלט באַשווינדלט, באַגנב׳עט, באַגזל׳ט, דער געלער כּלב!...” אַז מען זאָגט

„דער געלער כלב", אָדער „דער געלער גנב", ווייסן שוין אַלע, ווען מען מיינט... איר זענט נישט בייז אויף מיר?...

לענץ באַהאַלט זיין פּנים אין די הענט און שלוכצט שטיל

איר וויינט גאָר?! וואָס איז אייך?

יונגער לענץ

באהערשט זיך

גאָרנישט. רייד ווייטער. וואָס נאָך האָסטו געהערט?

דאָס מיידל

אַז איר וויינט גאָר...

יונגער לענץ

איך וועל שוין נישט מער! זאָג!

שרייט היסטעריש

דערצייל!...

באַלד בעט ער ווייך

איך בעט דיך, באַהאַלט דו כאָטש פון מיר גאָרנישט... איך מוז דאָך אַמאָל וויסן, ווער און וואָס איך בין, פון וואַנען איך בין געקומען און וואוהין איך גיי... דער-צייל, וואָס נאָך זאָגט מען? וואָס?...

דאָס מיידל

מען זאָגט: עס וועט סוף-כל-סוף קומען אַזאַ איינער, וואָס וועט זיך נוקם-זיין אין דעם געלן הונט פאַר אַלץ און פאַר אַלע!...

יונגער לענץ

אַזוי זאָגט מען?!

דאָס מיידל

נישט איינמאָל האָב איך עס געהערט... אָבער ווער ס'האָט אַזוי געזאָגט, וועל איך אייך אויף קיין פאַל נישט דערציילן. זיי וואָלטן מיך דערפאַר דערהרג'עט און זיי וואָלטן געווען גערעכט...

יונגער לענץ

מיט אַ שרעקלעכער אומשלאָסנקייט

עס וועט קומען אַזאַ איינער, וואָס וועט זיך נוקם-זיין...

דאָס מיידל

עגדיקט

אין דעם געלעגן הונט...

יונגער לענץ

לאַפּט זי פאַר דער האַנט

קום-זשע מיט מירן

דאָס מיידל

וואוהין?

יונגער לענץ

צו אים! צו מיין טאַטן!

דאָס מיידל

וואָס רעדט איר! ניין! ניין! איך וויל נישט!

יונגער לענץ

דו מוזט! און איך מוז עס! פאַר דיר, פאַר אייך אַלע... קום! קום!

דאָס מיידל

איך האָב גאָרנישט געזאָגט... לאָזט מיך! איך וויל נישט!

רייסט זיך ארויס פון זיינע הענט און אנטלויפט אין אַ ווינקל

יונגער לענץ

אטעמט שווער

אַזוי מורא האָסטו פאַר אים?! נו, זאָל זיין... וועל איך אליין... ווארט דאָ. איך קום באלד צוריק!

אפּ ראַש לינקס

דאָס מיידל

וואָס וועט ער טון?... אזא משוגענער... אלע רייכע זע-נען משוגע... אודאי פון וואוילטאָג...

קוקט זיך ארום און באמערקט אויפ'ן טיש די גאָלדענע פּאַפּיראָסניצע

אי, גאָלד!

לויפט-צו, כאַפּט עס איןביידע הענט און באקוקט עס זשעדנע

אזא נאר, אזעלכעס לאָזט ער ליגן אויפ'ן טיש... אזא פארמעגן... אפשר הונדערט רובל! אי, ווען איך האָב דאָס... ווען איך...

באַקומט, קענטיק, גרויס לוסט צו באַהאלטן עס אין בוזים, אָבער אין דעם מאָמענט הערט זיך פון צווייטן צימער דעם אלטנס און דעם יונגנס שטימען. זי שפרינגט אָפּ פון טיש שטאַרק איבערגעשראָקן

אוי! דער אלטער כּלב!..

דער אלטער לענץ

פון צווייטן צימער

וואָס ווילסטו? וואָס איז דיר אזעלכעס געשען?

יונגער לענץ

שלעפּ־אריין כמעט מיט גוואַלט דעם פאָטער פאַר דער האַנט

קום־אהער! קום... זע... קוק זי גוט אָן... דו קענסט זי?

ער ווייזט אויפ'ן מיידל, וואָס שטייט אין א ווינקל, נישט וויסנדיק וואָס מיט זיך צו טון

אלטער לענץ

וואָס שרייסטו אזוי? ווער איז עס, אָט די אָ?...

יונגער לענץ

דיין ארבעטערין איז עס, טאטע! איינער פון דיינע אכט־טויזנט אויסגעמוטשעטע, אויסגעהונגערטע קנעכט, וועלכע וועבן פאר דיר מיליאָנען!

אלטער לענץ

בייז

ווי קומט זי אהער... ווער האָט זי ארייַנגעלאָזן?!

וויל קלינגען

יונגער לענץ

כאַפּט אים פאַר דער האַנט

קלינג נישט! קיינער דאַרף דאָ איצט נישט זיין, אויסער אונז דריי...

אַלטער לענץ

דערשראָקן

וואָס איז מיט דיר?

וואַרפט ווידער א בליק אויף איר

וואָס טוט דאָ די בעטלערקע?

יונגער לענץ

נישט קיין בעטלערקע—ערגער: אַ פּראָסטיטוטקע איז זי... דיין פּראָסטיטוטקע! דיין ווערק איז זי... דו האָסט זי באשאפן—און איך, איך האָב זי געוואָלט אויסנוצן... אָבער זי האָט נישט געוואָלט... ווייסטו, פארוואָס זי האָט נישט געוואָלט? וויל זי איז—קראנק!...

אלטער לענץ

איך מיין, אז דו ביזט קראנק... דו דארפסט א דאָקטאָר

וויל ווידער קליגגען

יונגער לענץ

לאָזט אים נישט

רוף נישט קיין דאָקטאָר! מען דארף נישט... פאר מיר איז נאָך צו־פרי און פאר איר איז שוין צו־שפעט... אויב מען וואָלט יאָ באדארפט א דאָקטאָר, איז נאָר פאר דיר—טאטע... אָבער דיך וועל איך באלד אליין אויס־היילן...

אלטער לענץ

איך פערשטיי נישט, וואָס דו רעדסט... וואָס טוט זיך דאָ?!

יונגער לענץ

באלד וועסטו אלץ פארשטיין... הער־אויס, טאטע! איך פאָדער דיך אויף, דו זאָלסט אוועקגעבן צוריק דאָס געלט, וואָס דו האָסט ארויסגעריסן ביי די ארימסטע און אומגליקלעכסטע!... וואָש־אָפּ אונזער נאָמען פון זינד און שאנד!... און פאר איר, פאר דער אומגליקלעכסטער פון דיינע פאראומגליקלעכסטע, פאר דער קראנקער פראָסטיטוטקע פאל אויף די קני און בעט זי פארציי־אונג, ווי איך האָב זי פריער אויף די קני געבעטן!

ער כאפט דעם פאָטערס האנט און שלעפט אים צום מיידל

אלטער לענץ

רייסט־ארויס זיין האנט און לאָזט זי מיט וואוט אראָפּ אויף דעם זונס פנים

אָט דאָס וועט דיך אויסהיילן!...

יונגער לענץ

שטייט א ווייל ווי צומישט, באלד ציטערט ער אויף, לויפט צו צום שרייב־טיש, רוקט האסטיק ארויס א טישקעסטל און באקומט פון דאָרט א רעוואָלווער

אלטער לענץ

וואָס ווילסטו טון?

בלייבט אויפ'ן אָרט ווי צוגעשמידט פון שרעק

יונגער לענץ

איך וויל זיך נוקם־זיין פאר איר, אָ!... און פאר אלע

אזעלכע ווי זי—און אויך פאר זיך אליין!... אָט, וואָס איך וויל טון!... איך וויל זיך נוקם-זיין פאַר'ן עלנד און הונגער און שאַנד, אין וועלכן ס'לעבן דיינע אַר-בעטער! איך וויל זיך נוקם-זיין פאר דיינע מיליאָנען! פאר דיינע פאלאצן! פאר דיין לעבן און רייכטום און וואוילטאָג—און פאַר די בערגער געלט, וואָס דו האָסט מיר איבערגעשיקט קיין בערלין, כדי איך זאָל קאָנען דאָרט פירן אזא לעבן, ווי דו פירסט דאָ—און פאַר די אלע, וועלכע דו האָסט צוליב דעם באַשווינדלט און באגנב'עט און פאראומגליקט וויל איך זיך נוקם-זיין מיט אזא שרעקלעכער נקמה...

אלטער לענץ

פאַרציטערט

דו ווילסט דיין טאטן...

יונגער לענץ

שלאגט=איבער

ניין! נישט דיך... איך וועל נישט זיין קיין פאָטער-מערדער... די נקמה וואָלט אויך געווען צו קליין... מיין נקמה וועט זיין פיל שרעקלעכער!... זע, טאטע!

ער לעגט-צו דעם רעוואָלווער צו זיין שלייף

דאָס מיידל

שפרינגט-צו און כאפט פעסט אָן זיין האנט, שרייענדיק אויסער זיך

טוט דאָס נישט! איך וויל נישט!...

אלטער לענץ

לויפט אויך צו מיט אויסגעשטרעקטע הענט

קינד! קינד מיינס!...

אין דעם מאָמענט שיסט אויס דער רעוואָלווער

דאָס מיידל

כאפט זיך פאַר'ן הארץ און פאלט אויף דער ערד מיט א שטילן אויסגעשריי

איך!... איך! איך...

יונגער לענץ

בלייבט ביי איר קערפער שטיין ווי פון זינען אראָפ שטיל

זי?... זי גאָר?! פארוואָס האָט זי נאָך פארגאָסן איר בלוט?! פארוואָס?! פארוואָס?!

פאָרהאנג.

ווען די בלעטער פאלן...

דראמאטישער נאָקטורן אין איין אקט

געשפּילט צום ערשטן מאָל אויף פּויליש אין וואַרשעווער דראַ=
מאַטישן רעגירונגס=טעאַטער Teatr Rozmaitości, צוזאַמען
מיט אַ גאַנצן דראַמאַטישן ציקל פון זעלבן מחבר, אונטער דעם
נאָמען „אין לאַנד פון אומרעכט״ Królestwo Krzywdy
דעם 3=טן יאַנואַר 1908.

געדרוקט אויף פּויליש אין וואָכנשריפט Scena i Sztuka
אין זעלבן יאָר.

געדרוקט אויף יידיש צום ערשטן מאָל אין מאָנאַטשריפט „צוקונפט״
ניו=יאָרק 1920.

געדרוקט אויף שפּאַניש אין וואָכנשריפט Mundo Izraelita
בוענאָס איירעס אויגוסט 1923

פּ ע ר ז א נ ע ן :

דער פֿירשט
די פֿירשטין
די נאָנע
די פּריאָרין (קלויסטער-אויפֿזעהערין)
נאָנען

געשעהט אין א פֿראַנצויזישן קלויסטער.

(ס'געשעט אין א פרויען=קלויסטער: אין פראנקרייך).

א גארטן ביים קלויסטער. עס גייט אונטער די זון אין א שפעטן הערבסט=טאג. פון די אלטע, דיקע ביימער פאלן בלוטיק-רויטע בלעטער: מיט א גערויש פאלן זיי, ווי מיט שווערע זיפצן, צי גאר מיט א פראטעסט: פאר וואס האט מען זיי, אומשולדיקע, אויף טויט פארמשפט...

הייט צווישן די ביימער זעט זיך קוים ארויס א זייער אלטע קירך.

פון דארטן קלינגען איצט די גלאקן ערנסט, מעלאדיש: דאס רופן זיי די נאנען צום אוונט געבעט.

און די נאנען גייען...

צוויי שורות ציען זיי זיך — מיט שטילע, ריטמיש=מעלאדישע טריט; אזעלכע ערנסטע ווי די גלאקן, וועלכע רופן זיי; אזעלכע טרויעריקע ווי די הערבסט=בלעטער, וואס פאלן צו זייערע פיס...

אנגעטון זענען זיי אין ווייסן. זייערע קעפ און פנים'ער זענען מיט שווארצע שלייערס באדעקט... און אין דער האנט טראגט יעדע א גרויס ליכט נישט אנגעצונדן.

פון דער צווייטער אלעע גייען ארויס די פירשטין, די פריארין און דער פירשט.

די פירשטין איז א גראע, מיט גאנץ פריצייטיקע גראקייט: קענטיק, צופיל געליטן אין קורצן לעבן. זי איז אין טיפן טרויער אנגעטון. דאס מאכט זי ענלעך צו א ליכטיקער ווינטער=נאכט...

דער פירשט — איז גיכער אויף איר מיטליידער און חבר ענלעך. אלס אויף איר מאן...

זיי שטעלן זיך אפ און קוקן שווייגנדיק אויף די נאנען, וואס שוימען זיי פארביי...

פירשטין

ווי לייבלעכע שוועסטער, אזוי זעען זיי אויס אלע...

פריאָרין

זעבען זיי דאָך אַלע שוועסטער: נישט נאָר זייערע לײַבער, נאָר אויך זייערע נשמות געהערן דאָך איין פֿאָטער אין הימל, איין מוטער-ערד...

פירשט

ווי זיי וואָלטן איין הייליקן געדאַנק געטראָגן, אַלע צוזאַמען און יעדע באַזונדער — אין קאָפּ, אין האַרץ און אין דער נשמה... אַזוי זעען זיי אויס...

פריאָרין

דאָס טראָגט דאָך זיי דער געדאַנק, דער הייליקער! — יעדעס האַרץ, יעדן קאָפּ און יעדע נשמה...

פירשטין

ווי שעם איך זיך איצט, דאָס איך האָב ביז היינט נישט געוואוסט, אַז מענטשן קענען לעבן אויסערן לעבן... איצט ווייס איך שוין...

פריאָרין

און וואָס לערנט איר דערפֿון?

פירשטין

אַז דאָס לעבן איז געבוירן אויסער יעדן ציל.

פריאָרין

איר ווילט מיינען, אַז ווען אַלע ציל פֿון לעבן ענדיקן זיך און פֿאַרשווינדן, בלייבט דאַמאָלס דער דערהויבענער עקסטאַז פֿון גלויבן — פֿאַר וועלכן דאָס לעבן באַקומט אַ ווערט אויפֿסניי?

פירשטין

אַזוי האָב איך געדענקט.

פריאָרין

עס איז ווערט אויפֿסניי צו לעבן, כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט אויסצוקויפֿן די באַגאַנגענע גרויסע זינד, דאָס מיר האָבן פֿון לעבן דעם טיפֿן זין בלויז נאָר אין דעם געזען, וואָס איז מענטשלעך אין אונז — און נישט אין דעם, וואָס ס'איז אין אונז פֿון גאָט...

פירשטין

אזוי האָב איך געדענקט...

זי גייען

פריאָרין

די רייכע פרייגיביקע מיטלען, וועלכע איר האָט באַוויליקט אונזער קלויסטער צו שענקען, וועלן איצט אונז דערלויבן איבערצובויען די אַלטע קירך, וואָס איז שוין מער פון דריי הונדערט יאָר אַלט...

פירשטין

דאָס איז מיין הייסער פאַרלאַנג.

פריאָרין

אויך פאַר די נאָנען וועלן מיר אַ נייע געביידע אויפשטעלן — און פיל פון יענע אומגליקלעכע, וועלכע האָבן ביז איצט אומזיסט געקלאַפּט אין אונזערע טויערן יעדן טאָג — וועלן שוין איצט — אַדאַנק אייך, פירשטין — ביי אונז רו און שוץ געפינען...

פירשטין

דאָס איז מיין איניגסטער ווילן.

פריאָרין

און די נעמען פון אייערע דריי זין, וועלכע זענען אויף אַזאַ וואונדערבאַרער אַרט געשטאָרבן, וועלן ווערן אויסגעקריצט אין קירך: אויפן שטיינערנעם טאָוול איבערן אַלטאַר.

פירשטין

דערפאַר דאַנק איך אייך הארצלעך.

זי ווישט די טרערן און זיפצט שטילער פון געדויש פון די בלעטער, די גלאָקן זענען שוין אַנטשוויגן.

פריאָרין

אונז איז צייט צו גיין, מען וואַרט שוין אויף אונז אין דער קירך.

פירשטין

צום פירשט

שוין צייט — קום!

פירשט

איך וועל בלייבן דאָ. דו ווייסט, אז נאָר ווען איך בין אליין, קען איך בעטן מיין גאָט...

פריאָרין

אומצופרידן

פון דעם האָבן מיר אויך געהערט. אָבער מיר האָבן עס אייך נישט גערעכנט פאר קיין זינד. מיר ווייסן, אז שוין די איינזאמקייט אליין איז צו גאָט א געבעט...

פירשט

זי קען ווערן א געבעט...

פריאָרין

יאָ, די איינזאמקייט קאָן ווערן דאָס פרומסטע געבעט.–

גייט אוועק צו דער קירך, די פירשטין גייט איר נאָך

— — — — — — — — — — — — — —

פון קירך הערט זיך דאָס געזאנג פון די נאָנען. די ערהאבענע טענער פון אן אָרגאַן בעטן מיט זיי צוזאמען.

דער פירשט האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף א באנק און הערט זיך איין — און פארטראכט זיך. דאָס וואונדער־געזאנג, די אָרגאנען מוזיק וועקט אין אים אויף לאנג־פארגעסענע ווייטע, גאנץ ווייטע ערינערונגען, — האלב געחלומט, האלב איבערגעלעבט.. ער הערט זיך נאָך טיפער איין... און פארטראכט זיך נאָך טיפער...

— — — — — — — — — — — — — —

און ער זעט: אויף דעם זעלבן וועג, וואו עס זענען פריער אלע דורכגעגאנגען, גייט פאַרבײַ איינע — א פארשפעטיקטע נאָנע — מיטן זעלבן שריט, מיטן זעלבן ריטם.., דאָס פנים, ווי ביי יענע פארשלייערט.. און אין דער האנט טראָגט זי ווי יענע — א גרויס נישט אָנגעצונדן ליכט... אויפן האלבן וועג צו דער קירך שטעלט זי זיך פלוצלונג אָפּ, זי דרייט זיך אויס צום פירשט, שטייט א לאנגע, אָנגעשטרענגטע ווײַלע גלייך, קוקט אויף אים פון אונטערן שלייער. זי גייט צו נענטער — און בלייבט פאר אים שטיין ווי אין דער ערד אריינגעוואקסן...

ד ע ר פ י ר ש ט שטייט־אויף, קוקט זיך איין אין דער זעאונג, האלב פארחלומט, האלב איבערגעלעבט... ס'דויערט לאנג ביז ער אנטשליסט זיך צו פרעגן:

– שוועסטער... דו ווילסט מיר עפעס זאָגן?

— יאָ...

— איך הער דיך, שוועסטער.

— א גרויסן סוד וויל איך דיר אנטדעקן...

— א סוד?

— איך וויל דיר זאָגן... היינט, ווען איך האָב דיך דאָ אזוי אומגערעכט דערזען... היינט — אין זעלבן טאָג, ווען ס'איז מיט אזוי פיל יאָרן צוריק געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען... וואָס פאר א וואונדערבארער טראף — פונקט היינט!... נישט אנדערש, נאָר גאָטס האנט איז געווען דערביי... האָב איך באַשלאָסן דיר צו אנטדעקן — וואו... וואו ס'געפינט זיך דיין זון...

— מיין זון?

— יאָ, איך מוז עס דיר אנטדעקן, ווייל... דו ביזט פונקט היינט ווידער אויף מיין וועג געקומען... פונקט היינט...

— שוועסטער, מיינע זין זענען געשטאָרבן!

— זיי זענען געשטאָרבן, איך ווייס... און איך רייד וועגן דיין זון, וועלכער לעבט...

— זיי זענען געשטאָרבן אלע דריי!

— איך רייד וועגן דעם, וועלכער לעבט... איך רייד וועגן אונזער זון...

— אונזער זון?

ער קוקט זיך ווידער לאנג איין מיט א פארכאפטן אָטעם... ביז ער רעדט קוים ארויס — זיין שטימע ציטערט:

איך פארשטיי דיך נישט... ווער ביזטו?

זי ענטפערט שטיל, קוים וואָס מען הערט זי.

— איך בין די מוטער פון דיין קינד...

— דו?!

זי וויגט מיטן קאָפּ: — יאָ — אָן א וואָרט...ביידע שווייגן. ס'איז שטיל... דאָס געזאנג און די אָרגאנען-טענער ווערן גלייך ווי פון א נעבל צוגעדעקט..

— ווי הייסט דו?

זי שווייגט.

— ווי רופט מען דיך?

זי שווייגט.

— ווי האָט מען דיך פריער גערופן?

זי שווייגט.

— פריער, איידער דו ביסט אָנגעקומען אהער?

— דאָס טאָר איך דיר נישט זאָגן... מיין נאָמען איז צוזאַמען מיט דער, וועלכע האָט דעם נאָמען געטראָגן געבליבן אויף יענער זייט קלויסטער-מויער און איז לאנג שוין דאָרט געשטאָרבן...

— ווייז מיר דיין געזיכט, איך זאָל דיך דערקענען. הויב אויף דיין שלייער...

— דו ווייסט, אז דאָס טאָר איך נישט...

— אָבער אין דעם פאל...

— דאָס וועל איך נישט טון — קיינמאָל...

— ווי אזוי זשע וועל איך דיך דערקענען?

— דו האָסט מיך געליבט מיט דער ערשטער ליבע — און איך האָב דיך מיט דער ערשטער ליבע געליבט... דערקענסטו מיך?

— מיט דער ערשטע ליבע?

ער שטרענגט אָן זיין זכרון —ווער איז זי? וועמען האָב איך מיט דער ערשטער ליבע געליבט? ער קען זיך נישט דערמאָנען.

— ניין... איך דערקען דיך נישט...

— ווי איז דאָס מעגלעך? די ערשטע ליבע איז דאָך באָר איינע פאראן, און דו געדענקסט זי נישט!...

ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

זי דערמאָנט אים:

— האָסט דאמאָלס געזאָגט: „דו ביסט מיר די ערשטע און וועסט מיר זיין די לעצטע!” מיט אזא פלאם האָסטו די ווערטער געזאָגט, אז ביז היינט זענען זיי פארבליבן אין אלע מיינע אָדערן — און איך קען זיי נישט מער פון דאָרט פאַרטרייבן. נישט מיט פאַסטן און פייניקן, נישט מיט די הייסטע געבעטן... דערקענסט מיך איצט?

— ניין.

— צי האָסטו דען נישט מיר איינע געזאָגט די ווערטער? ער שווייגט.

— אָבער מיר האָסטו דאָך געשוואוירן!

— געשוואוירן?!

— יאָ, מיר האָסטו געשוואוירן.

— אך! איך ווייס! דו ביסט — ניין! נישט דו ביסט עס... דיך דערקען איך נישט...

— און דעם טאָג דעם הייניטיקן דערקענסטו אויך נישט?... פונקט היינט איז עס דאָך געשען...

— יאָ, דו ביסט עס... דו ביסט די טאָכטער פון מיין וואלד־אויפזעער...

— ניין... אויף א גרויסוועלטיקן באל האָבן מיר זיך באגעגנט... און פון דאָרט — פון מוזיק און טאַנץ און פריי־לעכקייט, זענען מיר אנטרינען צו אונזער אייגענער פרייד... פון פריינט און נאָענטסטע — צו זיך זעלבסט צו אונזער הייליקסטער נאָענטקייט... דו געדענקסט?

— דו ביזט די שוועסטער פון מיין פריינט.

— ניין. נאָר דו האָסט מיר דאמאָלסט געזאָגט, אז זי בין דיר פון אלע דיינע פריינט נענטער און פון דיין איינצי־קער שוועסטער: אזוי נאָענט איז דיר נאָר געווען דיין מוטער, ווען דו ביזט נאָך אין איר טראַכט געלעגן... און אזוי נאָענט וועט דיר זיין נאָר דער טויט... אזוי האָסטו געזאָגט...

— ווער ביזטו? ווער ביזטו?!

— דאָס טאָר איך נישט אויסזאָגן קיינעם. גרויס איז שוין מיין זינד בלויז דערפאר, וואָס איך רעד מיט דיר דאָ איצט... און וואָס איך רעד אזוי... עס דערוואַרטן מיך דערפאר פיר טעג פון שטרענגן פאסטן און שווערן פייניקן מיין לייב און זעלע, ביז — איך וועל פארגעסן...

— דו וועסט פארגעסן?

— איך וועל פארגעסן יענע נאכט, וועלכע איז מיר גע־ווען דער ליכטיקסטער טאָג אין מיין לעבן! איך וועל פארגער־

די זינד, אין וועלכער ס׳איז גאָרנישט געווען פון זינדיקעס — איך וועל פארגעסן אונזער פארגעסן...

— ווער ביזטו? ווער?!

— דעם אלטן, אלטן וואונדער־פארק דערמאנסטו זיך? דעם פאלאץ, וואו דער באל האָט געזידט, האָבן מיר אין דעם ריזן־פארק פארלוירן... די גוטע אלטע בוימער האָבן אונז אזוי ליבלעך צווישן זיך פארבלאָנדזשעט... און דו האָסט געזאָגט: „זע! עס פרייען זיך די אלטע מיט אונזער יוגנט! עס פרייט זיך דער הערבסט מיט אונזער פרילינג". — אזוי האָסטו געזאָגט... און אונז איז געווען גלייך ווי די זון וואָלט פלוצלינג אויפגעשיינט יענע הייליקע נאכט! און אונז איז געווען גלייך אירע הייסע שטראלן וואָלטן אין אונזער ביידנס בלוט ארייגעפלאָסן און אונזערע ביידנס בלוט צוזאמענגעגאָסן אין איין שטראָם, אין איין קוואל, אין איין ים!... און מיר זענען געווען פאר זיך אלץ: דער נעכטן, מאָרגן, און היינט! — אזוי האָסטו געזאָגט — אזוי האָסטו געזאָגט!... איך גיב דיר צוריק דיינע ווערטער ווי אן עכא... איך בין דאָך דיין עכא...

— מיין עכאָ?...

— דאָס עכאָ פון יענער אלערהייליקסטער זונען־שטראלנדער נאכט...

— ווער? ווער ביזטו, שוועסטער־עכא?

— יענע געבענשטע נאכט האָסטו מיין הארץ ארייגענומען אין דיין הארץ! מיין נשמה האָסטו אין דיינער פארשלונגען און ביזט אוועק מיט זיי אין דער וועלט, אין לעבן... צי האָבן זיי דיר געגעבן גליק?

— ווער?

— די נשמה מיינע... מיין הארץ?

— ניין... מער שלעכטס פון גוטס האָב איך אין מיין לעבן געזעען...

— און זי... יענע... וואָס איז דיר געווען די לעבנס־פריינדין, די הארין פון דיין הויז און גוטס און נאָמען? האָט זי דיר נישט געגעבן קיין פרייד?

— אונזער צוזאמענלעבן איז געווען א לאנגע קייט פון אומגליק, א רינג אין א רינג איינגעשמידט, איין אומגליק אין צווייטן — אונזער גאנץ לעבן — ווי איין לאנגע קללה...

— גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב דיין נאָמען קיינ-מאָל נישט דערמאנט צו שלעכטן! פארלאזן און פארגעסן—האָב איך אין מיין בענקען און ליידן דיך אייביק געבענשט...

— פארוואס ביזטו צו מיר נישט געקומען ווידער?

— דער שיקזאל האָט מיך פון דיר פארטריבן ווייט... ווייט!... פונקט אזוי רייסט אמאָל דער שלעכטער ווינט א בלאט פון בוים אראָפּ און טראָגט אים איבער פעלדער און סטעפּעס— שליידערט אים אוועק אויף די ווילד-שטורמיקע-ים וועלן — און אליין פליט ער זיך אוועק, פריילעך און זאָרגלאָז אין דער ווייטער אומענדלעכקייט - אין לעבן...

— איך וויים נישט.

— דו ווייסט נישט?

— איך צייל נישט די טעג, וועלכע שווימען אוועק אין דעם אָפּגרונד... וואָס גייען זיי מיך אָן ווען זיי זענען גע-ווען — שטויב...

— און יאָרן ציילסטו אויך נישט?

— יאָרן האָבן פאר מיר דעמזעלבן ווערט וואָס טעג: זיי זענען שטויב...

— און דאָך... ווי אלט איז ער איצט?

— ווער?

— אונזער זון...

מיט דער גרעסטער אנטציקונג ענטפערט זי:

— פאר די אויגן שטייט ער מיר די מינוט!... אזוי לאנג האָב איך אים שוין נישט געזען... ער איז שוין איצט באלד א מאן... אין זיינע אויגן פינקלען שוין דיינע אויגן... אין זיין געזיכט שפּיגלט זיך אָפּ דיין געזיכט... איך זע אים! זיינע אָרעמס האָבן זיך שוין ווי דיינע — מענערשע צוּוואקסן, שטרעקט ער זיי אויס פאר זיך ווי צוויי בויגנס געשפּאנטע און זוכט דורשטיק צערטלעכע אומארמונג און ליבע, ווי דו...

אזוי האָב איך אמאָל א יונגן אָדלער געזעען, ווען ער האָט זיך פון זיין אָדלער-נעסט צום אָפּפלי געגרייט... קענטיק, צום ערשטן מאָל אין זיין אָדלער-לעבן. האָט ער זיין יונגע ברוסט איבערגעגעבן די ווינטן, די וואָלקנס און דער זון!...

דער פירשט פלאמט אויף מיט איר פלאם, מיט איר באַגייסטערונג:

— וואו איז ער?! וואו געפינט ער זיך איצט?!

אָבער זי הערט נישט מער — זי זעט נאָר איר זון:

— אזעלכער מוז ער זיין — דיין זון! אזוי מוז אויסזעען דאָס פירשטלעכע קינד פון יענער קעניגלעכער נאכט...

— זאָג מיר, וואו איז ער, איך זאָל אים צו מיין הארץ צודריקן, אלס מיין זון? זע, איך בין פאריתומט ווי א בוים, ביי וועלכן מען האָט אלע צווייגן אָפּגעהאַקט!... דריי זין האָב איך געהאט, און אלע דריי האָט ביי מיר דער גרויזאמער טויט ארויסגעריסן... זייער מוטער האָט מיך פארהאסט, ווייל אן אלטער געהיימניספולער פּילגרים, וועלכער האָט אין א שטורמיקער נאכט פארבלאָנדזשעט אין אונזער שלאָס האָט איר געזאָגט, אז איבער מיינע זינד האָט זיך אויף אונזער הויז גאָטס צאָרן אויסגעגאָסן... פון דאמאָלס אָן וואקסט איר צארן און האס צו מיר...

— מוטער אומגליקלעכע!...

— די פרומסטע וואנדערער האָב איך אויפגעזוכט און מיינע אוצרות פאר זיי ברייט געעפנט, זיי זאָלן זי מיט גאָטס וואָרט טרייסטן: אָבער די ווערטער פון יענעם שרעקלעכן פּילגרים אין קיינער נישט אימשטאנד אויסצוואָרצלען פון איר געדעכעניש... איך האָב שפּיטעלער געבויט, וואו פיל ליידענדע געפינען רו און היילונג. זי אָבער, כאָטש מיט אירע אייגענע הענט בינדט זי די וואונדן פון די אומגליקלעכסטע, דאָך — צו איר אייגענער וואונד האָט זי קיין היילונג נישט געפונען... ביז — זי איז צו מיר אמאָל געקומען, נאָך בלאסער אלס יעדן טאָג, און האָט מיר געזאָגט: דו האָסט פיל פעלדער, וועלכע ס'פארזייעט נישט קיינער, דו פארמאָגסט פיל

וועלדער, אין וועלכע ס'וואוינט נישט קיינער, און באזיצט פיל שלעסער, אין וועלכע ס'לעבט נישט קיינער — — גיב דאָס אלץ אוועק יענע, וואָס האָבן גאָרנישט, און דאָס זאָל זיין אן אויסקויף פאר אונזערע, אזוי פריגעשטאָרבענע קינדער, און איך... איך האָב עס געטון... מיינע פעלדער, וועלדער און שלעסער האָב איך צעטיילט באדארפנדיקע. מיין גאָלד און שטיינער האָב איך אייער קלויסטער געשענקט, זיך האָב איך נאָר דאָס נויטיקסטע צום לעבן געלאָזט...

— אזוי שטארק ליבסטו דיין אומגליקלעכע פרוי?

— אזוי שטארק שולדיק פיל איך זיך קעגן איר.

— און דערמיט האָסטו שוין אויסגעקויפט קעגן איר דיין שולד?

— דו פרעגסט עס?... דיר איז דאָך צום בעסטן באַוואוּסט. אז נאָר זינד קען מען אויסקויפן אין אָפּמעקן, אָבער שולד — קיינמאָל נישט!...

— אמת... וואָס קענסטו דען איצט נאָך טון פאר איר?

— נאָר איינס איז מיר געבליבן! נאָר איינס קען איך איר געבן...

— גיב איר אוועק געשווינד, וואָס דו קענסט איר געבן!...

— איך וועל איר אוועקגעבן אונזער זון...

זי ציטערט אויף:

— אונזער זון?

— יאָ, אונזער זון!...

— דו מיינסט, אז איך... איך וועל אים אוועקגעבן איר? איר!...

— יאָ, דו וועלכע האָסט זיך פון לעבן פאר דער אייביקייט אָפּגעזאָגט — וועלכע האָסט זיך פון אלעם מענטשלעכן אויסגעטון און דו האָסט זיך איינגאנצן צו דער געטלעכער איבערגעגעבן — דו ווייסט איר אוועקגעבן דיין זון!

א ווײַלע שוויגן ביידע, אלץ שווייגט... דאָס די אָרגאַנען-טענער זענען אפילו אנטשוויגן. — אפילו די בוימער וואגן נישט צו רוישן.

און זי ענטוועדט שטיל:

— איך וועל איר מיין זון — אוועקגעבן...

ער וויל איר האנט כאפן, קושן מיט דאנקבארקייט, אָבער זי האלט אים צוריק.

— ווארט, הער! איך וועל איר אוועקגעבן מיין זון — נאָר דאמאָלסט, ווען דו וועסט מיר צוריקגעבן מיינע האָר-לאָקן, וועלכע דו האָסט מיר אפגעשוירן יענע נאכט... מיין זון וועל איך איר אָפגעבן און די לאָקן וועל איך פארברע-נען—און אזוי וועט די איינציקע בריק צווישן מיין לעבן דאָרט און דאָ, זיין שוין אויף אייביק פארברענט...

— ווי דאנק איך דיר! נאָך היינט — באלד אייל איך צו זיך אהיים און איידער דריי טעג זענען פאָריבער, וועל איך דיר מיין שאץ-קאסטן ברענגען, וואו ס'ליגט פארשלאסן דאָס טייערסטע, וואָס איך פארמאָג: די רעליקוועס און צייכנס פון מיין גליקלעכן פרילינג און זומער, וועלכע זענען אזוי רייך געווען אין ליבע... דאָרט וועסטו צווישן אנדערע האָר-לאָקן, אויך דיינע געפינען...

ווידער הערשט א קורצע געשפאנטע שטילקייט, באלד ענטפערט זי אנטשלאָסן, הארט:

— ניין, פירשט! צווישן די רעליקוועס און צייכנס פון דיין פרילינג און זומער, וועלכע זענען אזוי רייך געווען אין ליבע, וועל איך מיינע האָר-לאָקן שוין מער נישט דערקענען...

זי קערט זיך אָפּ פון אים און גייט מיט שנעלע טריט צו דער קירך. דער פירשט רופט נאָך פארצווייפלט:

— אָ! גיי נישט אוועק! ווער דו זאָלסט נישט זיין, דער-בארם זיך אויף מיין איינזאמקייט און עלנד! אין נאמען פון דיין גרויסער ליבע, באשווער איך דיך!...

זי האָט זיך אוועקגעקערט און רופט פון דערווייטנס שארף און שטרענג:

— דעם אלערהייליקסטן נאָמען פון דער געטלעכער לי-בע זאָלסטו נישט רופן אומזיסט היינט, אינם טאָג פון דיין

הערבסט! דו, וועלכער האָסט אים געלעסטערט אין דיין פרי־לינג און זומער...

— וועט מיר שוין קיינמאָל נישט זיין געגעבן אויסצו־קויפן מיין גרויסע שולד!

— דו האָסט געזאָגט: „נאָר די זינד קען מען אויסקויפן און אָפּמעקן, אָבער די שולד — קיינמאָל נישט״!...

זי פאַרשווינדט צווישן די בוימער אין דער קירך פון וואנען ס׳הערט זיך ווידער דאָס פרום־טרויעריקע געזאנג פון די נאָנען... דער אָרגאן שפּילט...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געוואָרן גאנץ טונקל.

דער פירשט איז אליין געבליבן... א דערשראָקענער, א נידערגעשלאָגענער פרעגט ער אלץ ביי זיין צווייטן „איך״:

— ווער איז זי? ... ווער?... ווער...

פלוצלינג דערזעט ער נישט ווייט פון זיך א זייער אלטע פרוי. אין דרייען איבער דער ערד געבויגן, שארט זי מיטביידע הענט צוזאמען די געפאלענע בלעטער און נעמט זיי צונויף אין איר קוישל, וואָס הענגט איר ביי דער זייט. דער פירשט שטייט א ווײַלע, ווי פון אבערגלויבישן שרעק ארומ־גענומען... אָבער באלד באהערשט ער זיך, טרעט שנעל צו איר צו — און פרעגט:

— זאָגט מיר אלטיטשקע! איר האָט דאָך געוויס געזען די, וועלכע איז דאָ געשטאנען... ווער איז זי?

די אלטע הויבט אפילו איר קאָפּ נישט אויף פון איר ארבעט, דער פירשט ווערט וואָס אמאָל מער אומרואיק:

— איך בעט אייך זייער! זייער!... איר קענט זי געוויס... זי שווייגט.

— אויב אייך איז אויך נישט דערלויבט צו ריידן, דאן שווער איך אייך, אז אין דעם פאל, איז די זינד פון אייער שווייגן פיל — פיל גרעסער! נאָר איין וואָרט זאָגט מיר: איר נאָמען... איר נאָמען...

די אַלטע טוט איר אַרבעט און לייגט אויף אים גאָר קיין אכט.

— פאַרוואָס... פאַרוואָס ענטפערט איר מיר נישט?... פאַר־וואָס קלויבט איר צונויף אַזוי פלייסיק די צופוילטע בלעטער, וואָס קענען דאָך קיינעם קיין שום נוץ נישט ברענגען?... וואַרפט דאָס אַוועק און הערט! אַלץ וואָס איז מיר נאָך פון מיין אַמאָליק גרויס-רייכטום געבליבן, וועל איך אייך אַוועק־שענקען, אויב איר וועט מיר זאָגן דעם נאָמען פון דער, וועלכע איז נאָר וואָס אין דער קירך פאַרשוואונדן.

און די אַלטע טוט זיך ס'איריקע, ווי גאָר נישט צו איר רעדט מען... דער פירשט כאַפּט איר אָן בײַם אָרעם און נעמט איר טרייסלען. שרייענדיק דערבײַ מיט אַ ווילד פאַרצווייפלטן הייזעריקן שרעק:

— ווער זענט איר?! איר! איר ווער זענט?!

די אַלטע ציט זיך אויס און בלייבט פאַר אים שטיין אַזאַ הויכע, סקעלעט-דאַרע און שווייגענדיקע.

דער פירשט דערקענט זי:

— — א—א—! דאָס איז זי דאָך!... די טויבשטומע גאָרטען-היטערין... אַך! וואָסער שרעקלעכער אָוונט ס'איז הײַנט!.. מיין שרעקלעכער אָוונט!

— — — — — — — — — — — — — —

פון דער קירך נעמען קלינגען די גלאָקן. דאָס געבעט איז געענדיקט. באַלד ציען זיך פון דאָרט צוריק די נאָנען אין צוויי שורות, מיט שטילע טריט אין ריטם פון די גלאָקן: די ליכט אין זייערע הענט זענען איצט אָנגעצונדן...

דער פירשט קוקט זיך איין מיט דער גרעסטער אָנשטרענ־גונג אין יעדער נאָנע באַזונדער, און ווען אַלע זענען שוין דורכגעגאַנגען, ברעכט ער אויס מיט אַ טיף אינערלעכן שמערץ:

— איך וועל זי קיינמאָל נישט דערקענען צווישן אַזוי פיל שוועסטער!... גיכער וועל איך צווישן מיליאָנען שטערן [illegible] שטערן געפינען — אויב ער איז נאָך נישט פאַרל[illegible]

פירשטין

איז צוגעקומען, זעט זײַנע טרערן, שטוינט זי

דו וויינסט?! אָ! א וואונדער איז געשען! דו, דער אומגלויביקער, האָסט ענדלעך פאר גאָט געפונען טרערן!...

פירשט

ניין, דאָס האָב איך מיין זון באוויינט, וועלכער איז געשטאָרבן...

פירשטין

זיי זענען דאָך געשטאָרבן אלע דריי...

פירשט

איך האָב דעם זון באוויינט, וועלכער האָט געלעבט...

די פריאָרין

דערנענטערט זיך צו זיי

האָט איר שוין געענדיקט אייער איינזאם געבעט?

פירשט

ניין מיין געבעט הייב איך ערשט אָן...

די ביידע פרויען קוקן זיך איבער פארוואונדערט — זיי פארשטיין גארנישט.

די גלאָקן קלינגען...

דער פֿאָרהאַנג פאַלט.

ענדע.

דער פרילינג גייט!

דראמאטישער עטיוד אין איין אקט

געדרוקט צום ערשטן מאָל יידיש אין „צוקונפט" ניו־יאָרק 1914
געדרוקט רוסיש (איבערזעצט פון מחבר) אין זשורנאל „סאָווריע־
מעננאָי זשענשטשינאַ" וואַרשע, 1914

פערזאָנען:

זינא

א לערערין, 30 יאָר אַלט

פילא

איר יונגערע שוועסטער

ראַפאל

זייער יונגערער ברודער

שטערן

א פּריקאָזשטשיק

ס'נעשעט אויף א זומער־וואָרנונג, אין א פרילינגס־אָוונט.
א גאַסט־צימער, וואָס דינט אויך צוגלייך פאַר אַן עס־צימער. נישט רייך, נאָר ריין, ציכטיק און בכבודיק. פון מעבל און פון די געהאָפטענע בילדער אויף די ווענט, ווי אויך פון אנדערע כאַראַקטעריסטישע איינצעלהייטן איז קענטיק, אז דאָ וואוינען נישט קיין מאַנסבילן.
אין שטוב איז א ווײַלע קיינער נישטאָ.

I

ז י נ א

קומט אריין פון קיך, טראָגנדיק אייניקע גלעזער מיט טעצלעך.
נאָך איר גייט ראַפאל מיט א זידיקן סאַמאָוואַר.

באלד, האלט נאָך א ווײַלע... איך וועל עפּעס אונטער־שטעלן, זאָלסט מיר נישט איינשמירן דאָס טישטוך...
זי טוט עס.
אָט איצט קענסטו שוין אוועקשטעלן דעם סאמאָוואַר.

ר א פ א ל

שוין אוועקגעשטעלט און איך בין שוין נישטאָ!
וויל כאַפּן זיין ראָק, וועלכער ליגט אין א זייט אויף א שטול און איז שוין גרייט צו לויפן.

ז י נ א

נעמט גצלאָסן ביי אים אוועק דעם ראָק
האָסט א טעות, ביזסט נאָך דאָ...

ר א פ א ל

אז איך זאָג אויף מיין ערנוואָרט, אז איך בין נישט דאָ—

ווייס איך דאָך בעסער... גיב אהער! איך מוז לויפן,
מען ווארט אויף מיר.

חיל בײַ איר צונעמען דעם ראָק.

זינא

וועט זי אביסל צוווארטן. איך דארף דיך דאָ האָבן.

ראפאל

נאָך וואָס?! וואָס איז עס היינט פאר א יום-טוב. שטערן
קומט דאָך יעדן אָוונט...

זינא

שש... ער וועט דערהערן...

חייזט צו דער טיר

ראפאל

אויף מיין ערנוואָרט, דאָס איז פּראָסט א רציחה! ווייל
דאָרט זיצט זיך א פרעמדער מאַן מיט מיין שוועסטער,
זאָל דערפאר מיין אייגענע סאָניעטשקע מוזן ווארטן
אויף מיר אפשר שוין צען מינוט!

זינא

נו, נו, סאָניעטשקע איז נאָך דערוויילּ נישט דיין „איי-
גענע", אָבער הער שטערן – המ... קען זיין... אפשר
היינט, מאָרגן..

ראפאל

אין גאנצן געענדערט

אזוי?! טאקע!... הייסט עס – לילא און שטערן? ווען איך
שוין באלד האָבן א שוואָגער?! אוי, זינא! זינאטשקע!

חיל זי ארומכאַפּן

זינא

וועדט זיך. פארנומען מיט אויסלייגן קאָנפיטורן אויף טעצעלעך

לאָז אָפּ! וועסט מיר נאָך עפּעס צוברעכן.

ראפאל

נו, אזוי איז שוין עפּעס אנדערש... וועט שוין סאָניעט-
שקע מוזן אביסל צוווארטן. איז וואָס נאָך דארפסטו
זאָל איך טון?

ז י נ א

גיב אַ לויף און ברענג מיר וואורשטלעך מיט אויפשניט.

ר א פ א ל

איך לויף!

לויפט

ז י נ א

וואַרט!

ר א פ א ל

איך וואַרט...

ז י נ א

נעם אַ שיסעלע פון קיך און ברענג אויך אַ ביסל זויער-קרויט. הער שטערן האָט ליב וואורשטלעך מיט זויערקרויט.

ר א פ א ל

יאָ, איך ווייס! באַלד וועט עס אַלץ זיין אויפן טיש!

אָפּ אין קיך.

II

זינאַ

גיסט אָן טיי אין דריי גלעזער, צושטעלט זיי, לייגט אוועק ביי זיי סערוועטלעך, שטעלט אוועק קאָנפיטור, טיי-געבעקס. קענטיק אַז זי טוט די אַרבעט כמעט מיט אַ מוטערלעך געפיל. דערנאָך גייט זי שטיל צום טיר, קלאַפּט אָן שטיל, און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, עפנט זי די טיר און וויל אַריינגיין, אָבער באַלד אויף דער שוועל, בלייבט זי ווי פאַרשטיינערט. קענטיק, אַז זי האָט דאָרט עטוואָס שרעקלעכעס דערזעען... פון דער טיף פון צימער הערט זיך באַלד לילאַ׳ס דערשראָקענער פאַרשעמטער אויסגעשריי... זינאַ שפּרינגט צוריק אָפּ, פאַרקלאַפּט פאַר זיך די טיר און באַהאַלטנדיק דאָס פּנים איןביידע הענט, פאַלט זי אויף דעם נאָענסטן שטול.

אַך, אַך... לילאַ! זי... ער... לילאַ... מיין לילאַ... ביי מיר אין שטוב... אַך... אַך...

זי בלייבט אַזוי אַ לענגערע ווייַלע. גלייך ווי אַ שווערער שטיין האַלט פאַלנדיק פון דער הייך אויף איר קאָפּ, זי איינגאַנצן פאַרטויבט.

III

ראַפּאל

קומט פון קיך מיט אַ שיסל.

ראַפאל

שוין! אפילו אליין אויסגעוואשן די שיסל. פאר אַ שוואָ-
גער איז גאָרנישט צו שווער...

באמערקט איר צושטאנד

וואָס איז דיר, זינא?!

זינא

באהערשט זיך

גאָרנישט... גאָרנישט... וואָס האָסטו געזאָגט?

ראַפאל

דער קאָפּ טוט דיר וויי?

זינא

יאָ... ס'הייסט ניין — אביסל...

ראַפאל

האָסט באדארפט איצט גיין אויף דער לופט שפאצירן,
וואָלט דיר דער קאָפּ נישט וויי געטון. נאָר איך ווייס —
האָסט מורא איבערצולאָזן לילא מיט שטערן אליין...

זינא

עט, וואָס דו פּלאפּלסט דאָרט... דארפסט זיך שעמען
אזוי צו רעדן וועגן א שוועסטער... קום, וועל איך נאָך
דיר פארשפּאַרן די טיר.

אָפּ אין קיך

ראַפאל

גייט איר נאָך

איך מיין נישט חלילה, דאָס וואָס דו מיינסט... איך מיין
נאָר... איך מיין גאָרנישט...

אָפּ.

IV

לילא און שטערן

קומען ארויס פון איר צימער. ביידע זענען זיי שטאַרק פארשעמט,
נישט אויפצוהויבן די אויגן... נאָר ווען זיי באמערקן, אז זינא

איז נישטאָ, ווערן זיי מיט אַ מאָל דרייסטער, קוקן זיך איבער
מיט אַ פּיל באַדייטנדיקן שמייכל.

שטערן

דאָס הייסט: „פאַרשאָטן"...

חיל אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער.

לילא

ש-ש-ש... נישטאָ וואָס צו לאַכן... דאַרפסט זיך שעמען!...

שטערן

גערעכט... אָט גיי איך שוין און נעם זיך שעמען...

לילא

מיר איז די זאַך גוואַלדיק אומאַנגענעם!...

שטערן

האָסטו מורא, אַז זינא וועט דיך אָפּשמייסן! כי, כי, כי...

לילא

ש-ש!... אָט גייט זי... האַלט זיך כאָטש מענטשלעך...

V

זינא

קומט פון קיך, באַמערקנדיק די ביידע, בלייבט זי שטיין אויפן אָרט, גלייך ווי זי וואָלט עס דאָ באַדאַרפט זיך שעמען... מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן גייט זי צו צום טיש, זעצט זיך אַוועק אויף איר פּלאַץ און וואַרט. פּויזע

לילא

רופט זיך אָן די ערשטע מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט.

הער שטערן, איר וועט טרינקען טיי? דאַכט זיך, אַז אייער טיי איז שוין אינגאַנצן קאַלט געוואָרן... קומט אַהער צום טיש.

זינא

כאַפּט מאַשינאַל, גיסט אָן אַ צווייטע גלאָז טיי און שטעלט עס אַוועק פאַר שטערנען, וועלכער איז צוגעגאַנגען צום טיש.

אפילו נאָך וואַרעם, נאָר איר האָט דאָך ליב גאַנץ הייסע טיי...

שטערן

אַ דאַנק...

פאַרשווינדט.

לילאַ

פריי.

פאַר מיר איז מיין טיי גענוג וואַרעם... איך האָב פיינט, אַז טיי ברייט די צונג.

שטערן

זאָגט דעם אמת, אַז איר האָט מורא דערפאַר, וואָס מענטשן זאָגן, אַז הייסע טיי שאַדט דער שיינקייט פון געזיכט...

לילאַ

איר האַלט מיך פאַר מער באַנאַל, ווי איך בין...

שטערן

אַנטשולדיקט, פרייליין לילאַ, איך האַלט אייך גאָרנישט פאַר באַנאַל. פאַרקערט, איר ווייסט עס גוט, אַז איך האַלט אייך פאַר אַ זייער פאָרטגעשריטענע, דרייסטע און פרייע פרוי — כ'מיין פרייליין!...

לילאַ

צולאַכט זיך

כאַ-כאַ-כאַ!... איר מיינט, אַז מיך באַליידיקט דער נאָמען „פרוי"?

שטערן

פאַרענטפערט זיך

ניין, גאָט באַהיט...

לילאַ

פרוי — פרייליין... היינטיקע צייטן איז עס אַלץ איינס!... אָן אונטערשיד...

זינאַ

וואָס רעדסטו, לילאַ?

לילאַ

פאַרדאָן.

ז י נ א

באמיט זיך נישט ארויסצווייזן איר אויפרעגונג

דו ווייסט דאָך ווי איך לייד, ווען דו נעמסט אזוי ריידן...

ל י ל א

געמאַכט

אנטשולדיק...

ז י נ א

דו ווייסט, וויפיל געזונט עס קאָסט מיך צו הערן אזעלכעס פון דיר...

ל י ל א

איך וועל שוין נישט מער...

ז י נ א

פארשטייט, אז לילאס אנטשולדיקונג איז נישט מער ווי א חוזק.

אך, לילא, לילא...

מער געפינט זי נישט קיין ווערטער און זי ווערט אנטשוויגן.

לענגערע פויזע.

ש ט ע ר ן

דער אָוונט היינט איז אזא שיינער.. פויגעלעך זינגען, ס'שמעקט די אקאציע, צום שכור ווערן... אלץ ערוואכט צום לעבן, צו ליבע... פרילינג! געבענשטער פרילינג!...

ל י ל א

איר פּאָעטיזירט, ווי א פּראָפעסיאָנעלער פּאָעט.

ש ט ע ר ן

איר האָט אויך זייער נישט ליב די גראָע פּראָזע פון אלטעגליכן לעבן. נישט מער איר סטארעט זיך אלץ אויסצולאכן. אזא מאניערע איז ביי אייך... איר זענט א... א...

ל י ל א

א וואָס מיינט איר, זאָגט ארויס, שעמט זיך נישט...

ש ט ע ר ן

א — היינטיקע...

ל י ל א

צעלאכט זיך אויפ'ן קול, לאנג, פריי, אריבערבויגנדיק זיך מיטן שטול, כמעט צו פאלן.

יַנאַ

לילאַ, וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס לאַכסטו אַזוי, לילאַ!
ווּעסט אומקערן דעם שטול! לילאַ, וועסט פאַלן!...

כאַפּט אונטער דעם שטול.

שטערן

שפרינגט=אויף

איר וועט זיך צושעדיקן!...

ראַפאַל

ברענגט די וואורשטלעך מיט זויערקרויט.

ראַפאַל

אָט זענען די וואורשטלעך!

לילאַ

שפרינגט=אויף

בראַוואָ ראַפאַל! גאָט אַליין האָט דיך פון הימל אַראָפּ-
געוואָרפן מיט די וואורשטלעך! הער שטערן איז
הונגעריק.

שטערן

איך האָב דען געזאָגט?...

לילאַ

איר דאַרפט נישט זאָגן: איך פיל עס...

ראַפאַל

די וואורשטלעך זענען הייסע און דיקע, ווי דער הער
שטערן האָט ליב...

לילאַ

אַ ליגן, ראַפאַל! הער שטערן האָט ליב נאָר פּאָעזיע...

ראַפאַל

יאָ... אָבער דיקע, הייסע וואורשטלעך מיט זויערקרויט
האָט ער אויך ליב...

לילאַ

שיסט ווידער אויס מיט אַ געלעכטער

כאַ, כאַ, כאַ! הער שטערן האָט ליב וואורשטלעך מיט
פּאָעזיע און זויערקרויט!...

ענדיקט

לילאַ

איז זויערקרויט... אָבער דאָס אַלץ צוזאַמען איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס דיין מיידל וואַרט שוין דאָרט אויף דיר...

ראַפאל

ערנוואָרט — געטראָפן! פון וואַנען ווייסטו?...

לילא

דיין פּנים האָט דאָס מיר אויסגעזאָגט...

ראַפאל

יאָ... איר וועט דאָך מיר אַנטשולדיקן, הער שטערן?... איך וואָלט אַפילו היינט געוואָלט זיין דאָ מיט אייך... דווקא היינט... ערנוואָרט...

לילא

וואָס דאַרפסטו זיך דאָ אַנטשולדיקן! לויף צו דיין מיידל; עס איז דאָך עפּעס היינט פרילינג, ברודער! אַלץ ערוואַכט צום לעבן, צו ליבע! אַנו ברודער, מאַרש צו דער ליבע!

שטופּט אים אַרויס

זינא

שמייכלט צו שפּערענען

וואָס זי רעגירט עס היינט אויס אַ וועלט...

לילא

נו, און איצט צו די וואורשטלעך!

נעמט אַרום זינאַ'ן און שטערנע'ן און זינגט די מאַרסעליעזע:

„אַלאָן לעז־אַנפאַן דע לאַ פּאַטריע..."

שטערן

באַפרייט זיך

איך דאַנק, איך וויל נישט עסן.

לילא

פאַרוואָס? פלוצלינג... פון דער העלער הויט...

זינא

הער שטערן האָט זיך געוויס אויף דיר באַליידיקט.

לילא

וואָס דיר קען איינפאַלן. ס'הויבט זיך אַפילו נישט אָן.

שטערן

ווער זאָגט עס. איך באַליידיקט אויף פריילין לילאַ? פאַר־קערט. איך האָב זייער ליב, ווען זי איז אזוי פריילעך. ביי אונז אין געשעפט איז אייביק אזוי לאַנגווייליק, טרויעריק, איבערהויפּט די לעצטע צייטן, ווען ס׳גייט נישט אוועק דער טאָג אָן א באַנקראָט. דער באַלעבאָס גייט ארום אן אָנגעבלאָזענער, קיין קונה זעט מען נישט אויף א רפואה, ס׳לעבן ווערט אזש פארמיאוסט!... איז ווען ס׳קומט ביינאכט, ס׳געשעפט ווערט פארמאכט, מען ווערט פּטור פון דעם באַלעבאָס מיט זיין זויערער מינע און מען גיט זיך א כאַפּ אריין אין וואגאָן צו פאָרן צו אייך אויפן זומער־וואוינונג, איז טאקע... פילט מען זיך טאקע גאָר אן אנדער מענטש... פונדעסטוועגן דארף מען שוין גיין...

וויל זיך געזעגענען

זינא

פארוואָס־זשע ווילט איר אוועקגיין?

לילא

פרעג נישט, זינא. מען דארף נישט פרעגן. ער וויל גיין טאָ זאָל ער זיך גיין...

זינא

אָבער פארוואָס?

לילא

וואָס גייט עס דיך אָן. אפשר פילט זיך הער שטערן איצט נישט גוט מיט אונז. אפשר וויל ער בלייבן אליין מיט זיך, מיט זיינע געדאנקען. הער שטערן איז אַ פרייער מענטש און קאָן טון, וואָס אים געפעלט.

זינא

אין פארלעגנהייט

יאָ. א פרייער מענטש... ווער זאָגט דען אנדערש... אָבער דאָך...

לילא

וואָס דאָך?

זינא

ארְאָפּלאָזנדיק די אויגן

איך מיין, אז נאָכדעם וואָס דאָ איז געשען...

לילא

וואָס געשען? וואו געשען?

זינא

נאָך שטילער

אָט... כ׳מיין... וואָס דאָרט...

לילא

ווער? ווען? וואָס רעדסטו עפּעס?

זינא

אָט איצט... דאָרט...

לילא

איך פאַרשטיי נישט... איך ווייס נישט, וואָס אייגנטלעך ווילסטו?...

זינא

אָבער ער פאַרשטייט עס... ער פאַרשטייט עס שוין גוט...

שטערן

מיך מיינט איר?

זינא

איר וועט דאָך נישט לייקענען, נאָכדעם וואָס איך האָב אליין געזען, מיט מיינע אייגענע אויגן... בעסער וואָלט איך עס נישט דערלעבט צו זען!... בעסער וואָלט איך פריער...

זי ווישט די טרערן

איידער...

שטערן

פריילין זינא. צום בעסטן וועט זיין, אז מיר וועלן דער-פון גאָרנישט ריידן... א גוטע נאכט.

דערלאנגט איר די האנט

זינא

קוקט אויף אים מיט דער גרעסטער פארוואונדערונג, נישט גע-בנדיק איר האנט.

ווי הייסט... נאָכדעם וואָס איז דאָרט געשען... נאָכדעם וואָס איר האָט זיך דערלויבט... איר קאָנט דאָך דאָס מיר נישט אָפּלייקענען אין די אויגן. איך האָב דאָך געזען... נאָך דעם אַלעם גייט איר זיך גאָר אוועק ווי קיינמאָל גאָרנישט...

לילא

וואָס ווילסטו, זינא? וואָס האָסטו זיך היינט צוגעטשעפּעט צום הער שטערן?

זינא

צוגעטשעפּעט זאָגסטו?... דו זאָגסט עס!... לילא!... נו, זאָגט שוין איר אַליין, הער שטערן... רופט איר זיך אָן...

שטערן

אז איך ווייס נישט וואָס... וואָס אייגנטלעך איר ווילט פון מיר?

זינא

איר ווייסט נישט... איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אזא אָרענטלעכן מענטש, פאַר אזא פיינעם מאַן — און צום סוף... אך גאָט מיינער!... זאָגזשע שוין דו אַליין, לילא!

לילא

איך האָב נישט וואָס צו זאָגן און פאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ...

זינא

פאַרוואָס לייקנסטו, לילא?... ווי קאָנסטו עס לייקענען, ווען איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען!

לילא

דרייסט

איך לייקן גאָרנישט! האָסטו געזען, איז פאַרפאַלן!...

זינא

צו שטערן

נו זעט איר שוין... און איר האָט געוואָלט זיך אַזוי אוועקגיין, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט...

שטערן

איר מיינט דען, פרײלין זינא, אז איצט האָב איך שוין מער נישט קיין רעכט פון דאַנען אוועקצוגיין... ס'הייסט, דייטליך גערעדט, וואָס פאַרלאַנגט איר דען פון מיר נאָכדעם, ווי אייער שוועסטער האָט זיך מודה געווען? דאָס האָט אייגנטלעך געדאַרפט פאַרבלייבן בלויז אונזער סוד... אזוי האָבן מיר, הייסט עס – מיט אייער שוועסטער באַשלאָסן.

זינא

איר האָט באַשלאָסן? ווי, הייסט עס, איר האָט באַשלאָסן... און די וועלט? וואָס וועט די וועלט זאָגן?

שטערן

אָך, די וועלט... לאָזט די וועלט צורו, און זאָל זי אייך צורו לאָזן... ס'איז צייט – דאַכט זיך, איר זאָלט שוין וויסן, אז די פראַגע איז שוין צו אַלט, פאַרשימלט און געַנוג לעכערלעך... די וועלט... די וועלט... הע!

זינא

נו, און איר אליין?... און זי?... איך קוק אויף דיר, לילא, און איך דערקען דיך נישט!... איך האָב דיך אַלע מאָל געהאַלטן פאַר אַזאַ... פאַר אַזאַ ריינע...

לילא

שטאַלץ

איך בעט דיך, זינא, זאָלסט זיך רעכנען מיט די ווערטער. דו האָסט קיין רעכט נישט מיך צו באַליידיקן...

שטערן

איך מיין אויך, אז דאָס דאַרפט איר נישט טון. לילא בלייבט ערלעך און ריין, ווי זי איז ביז איצט געווען...

זינא

מיט א שטראַל פון פרייד

הייסט עס, אז איר האָט מיט איר חתונה?...

לילא

נערוועז

איך בעט דיך, זינא, מיש דיך נישט אַריין אין אונזער

לעבן.... וואָלסט פיל בעסער געטון, ווען דו רעדסט גאָרנישט וועגן דעם אלעמען...

זינא

אום גאָטעס ווילן... איך מוז דאָך! איך בין דאָך דיין עלטערע שוועסטער. אויף מיינע הענט ביזסטו אויסגעוואקסן: איך בין דאָך אין דיין לעבן געווען כמעט דאָס זעלבע, וואָס א מאמע... האָב איך דען איצט, אין אזא מאָמענט... האָב איך דען ס'רעכט, מעג איך דען אין דער מינוט, ווען ס'וויגט זיך דער גורל פון דיין גאנץ לעבן, בלייבן גלייכגילטיק?... הער שטערן, איך האָב אלע מאָל געגלויבט אין אייער ערלעכקייט, אין אייער אָרנטלעכקייט. איר שטאמט דאָך פון אזא פיינער פאמיליע... שוין באלד א האלב יאָר, ווי איר גייט צו אונז אריין... איך האָב דאָך געזען, אז דאָ קומט עפעס פאָר, נאָר איך בין געווען זיכער, אז דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש... און איך האָב געווארט, אז אָטאָט... יעדן טאָג בין איך געווען זיכער, אָט קומט איר און רעדט וועגן אייער חתונה מיט לילא... נו, האָט איר ביז איצט געצעגערט... נו, האָב איך זיך נישט דערוווארט... אָבער איצט וועט איר דאָך שוין די זאך אויף ווייטער נישט אָפּלייגן... איר זענט דאָך א פיינער מאן... איר זענט דאָך א פאראנטוואָרטלעכער מענטש... איצט קאָן עס דאָך שוין אזוי לענגער נישט דויערן.. דאָס פארשטייט איר דאָך אליין... איר זענט דאָך פון אזא אָרנטלעכער פאמיליע — נישט אבי ווער פון גאס!..

נו, פארוואָס ענטפערט איר נישט. הער שטערן? פארוואָס זאָגט איר נישט אייער וואָרט?... איר זענט דאָך אן אָרנטלעכער מענטש... נו, זאָגט-זשע שוין אייער וואָרט...

פויזע

שטערן

רעדט צו זינא, קוקנדיק אויף לילאן

באמת, פריילין זינא — איר שטעלט מיך אין א פארלע

גנהייט... פריילין לילא ווייסט אלץ, מיר האָבן וועגן דער פראגע נישט איינמאָל גערעדט...

זינא

(ווידער מיט א שטראל פון פרייד)

האָט איר יאָ וועגן דעם גערעדט?!

שטערן

יאָ, אָבער, ס'הייסט, אנדערש... מיר האָבן די פראגע באהאנדלט פרינציפּיעל... מיינט נישט, אז מיר זענען לייכטזיניקע קינדער, אָדער גלאט אזוי ניין, אויב איר האָט אזוי געמיינט האָט איר א טעות געהאט, גאָר א שטארקן טעות...

זינא

גאָט זיי דאנק!...

שטערן

איר זאָגט חתונה האָבן... יאָ, איך זאָג נישט, אז איך בין פרינציפּיעל א קעגנער פון חתונה. פארקערט, חתונה דאָס איז נישט—קיין שפּילעכל... דאָס איז נישט קיין קינדער-שפּרונג... דאָס איז די ערנסטעסטע טאט אין מענטשנס לעבן... א קלייניקייט! ס'איז דאָך אויפן גאנצן לעבן... מיר האָבן וועגן דעם נישט איינמאָל מיט פריי-לין לילא גערעדט — און פריילין לילא פארשטייט עס אויך, אַז... נו, זאָל זי עס אויך אליין זאָגן. זי וועט עס בעסער איבערגעבן... א שוועסטער מיט א שוועסטער ריידן זיך גיכער צוזאמען אין אזעלכע פאלן. זיי באַר-שטייען זיך בעסער... נו, זאָגט עס אליין, לילא.

לילא

(נערוועז)

איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן! איבריקנס, דארפסטו עס, זינא, אליין פארשטיין... וואָס, א קינד ביזטו?...

זינא

אז איך פארשטיי אָבער דאָך נישט, וואָס איך דארף דאָ פארשטיין!...

שטערן.

פאר פרײלין לילא איז שווער צו ריידן מיט אײך וועגן דעם אין מײן געגנוואַרט... נו, דאָס איז גאַנץ פאַר־שטענדלעך. װעל איך טאַקע איצט אַװעקגײן דאָס װעט זײן דאָס בעסטע.

קוקט אויפן זייגער

שוין באַלד צען! איך װעל קוים באַװײזן צום לעצטן צוג, וואָס גײט אָפּ אין שטאָט אַרײן. אַדיע...

לילא

דערלאַנגט אים די האַנט

אַדיע, מאָרגן װעלן מיר זיך דאָך זען?...

שטערן

ס׳הײסט... איר מײנט...

לילא

וואָס איז דען דאָ צו מײנען... מאָרגן קומט צו אונדז צו פאָרן, ווי יעדן אָוונט...

שטערן

אויב איר מײנט אַזוי איז... גוט! װעל איך קומען... אַדיע.

אָפּ

VI

זינא

שטוינט

און דו האָסט אים געלאָזט אַזוי אַװעקגײן?!

לילא

וואָס דען? כ׳האָב געדאַרפט אים מיט געוואַלט פאַרהאַלטן? אַך, זינא, דו ביזט אַזאַ קלוגע, און דאָך רעדסטו ווי אַ קינד.

זינא

איך, אַ קינד? איבעריקנס... אפשר... זאָל שוין זײן אַזוי. איך פאַרשטײ באמת נישט, וואָס דאָ טוט זיך. נו... זאָג זשע דו מיר, זאָג מיר אַלץ... איך בין דאָך כמעט

א מאמע דיר געווען!... נו, רעד איצט צו מיר, ווי צו א מאמע!...

לילא

ניין! נאָר נישט ווי צו א מאמע. איך וויל נישט. ווי צו א פריינדין וועל איך צו דיר ריידן, ווי צו א שוועסטער...

זינא

זאָל זיין. נאָר זאָג מיר אלץ אָפן... אָ, א קאלטער שווייס האָט מיר אזש באגאָסן!...

זי ווישט דעם שטערן

לילא

נאָר בארואיק זיך. הער מיך א.יס רואיק...

זיי זעצן זיך אוועק אויף א דיוואן

זינא

איך בין שוין רואיק, נו, זאָג... נו, רייד שוין... ווי האָסטו עס געקענט זיך אזוי פארגעסן?... געוואלט — דו, דו... ניין! איך וועל עס נישט איבערטראָגן... מיין לילא!... מיין לילא!...

זי וויינט

לילא

הערצלעך

זינא... זינעטשקע טייערע... בארואיק זיך. איך ווייס, אז דו ווילסט נאָר מיין גליק... איך ווייס, אז דו ביזט מיין בעסטער, מיין נאָענסטער פריינט... איך ווייס עס גוט. און דערפאר בעט איך דיך — פארשטיי מיך. סטאַרע זיך מיך פארשטיין...

זינא

וואָס זאָל איך דאָ פארשטיין? זאָג מיר?

לילא

פארשטיי, אז איך האָב פולע רעכט צו לעבן נאָך מיין פארשטאנד נאָך. איך בין דאָך שוין נישט קיין קינד. פאר מיינע טאַטן בין איך אליין פאראנטוואָרטלעך, און נאָר פאר זיך אליין...

זינא

זאָל זיין אזוי. אָבער פארוואָס האָסטו עס געטון? פאר-
וואָס?!

לילא

ווייל... איך וויל לעבן! איך וויל זיין פריי!...

זינא

וואָס הייסט ביי דיר — פריי?...

לילא

פריי ווי דער מאן! וואָס ס'איז דערלויבט יעדן הער
שטערן, דאָס איז אויך מיר דערלויבט. איך בין נישט
ערגער פון זיי, און איך וויל אין דער הינזיכט אויך
נישט זיין בעסער פון זיי!

זינא

ווי פארווירט

לילא! לילא! דאָס זאָגסטו?!... הייסט עס — אויב איך האָב
אייך ביידע פארשטאנען — איז דאָס אלץ ביי אייך גע-
ווען נישט מער ווי א שפילעכל!... גאָט מיין איינציקער!
הייסט עס, אז איר האלט גאָרנישט ביי חתונה האָבן?!
געוואלד!... איך וועל דאָ פון זינען אראָפּ!...

לילא

בארואיק זיך נאָר, און לאָמיר ריידן ווי מענטשן...

זינא

שלאָגט איר איבער

איך וויל נאָר איינס וויסן: צי האָט שטערן מיט דיר
חתונה צי נישט? דאָס זאָג מיר נאָר!...

לילא

פארוואָס פרעגסטו נישט, זינא, צי וועל איך מיט אים
חתונה האָבן?...

זינא

קוקט אויף איר שטאר

וואָס? דו ווילסט נישט?!...

לילא

ניין, איך וויל נישט!...

זינא

נאָך דעם אלעמען קענסט דו נאָך נישט וועלן!... פאר־וואָס־זשע איז דאָס דאָרט געשען, אויב דו ווילסט אים נישט?!

לילא

אָבער פארשטיי דאָך, זינא, אז דערמיט וואָס צווישן אונז איז געשען זענען נאָך נישט אויסגעגליכט געוואָרן אלע אונטערשידן, וואָס עקזיסטירן צווישן אונז ביידע... יע־דער מאן וועט דיר זאָגן, אז א פרוי אויף א ווילע, איך מיין — א פרוי פאר א צייטווייליק פארגעניגן, אָדער ליי־דנשאפט, און א פרוי אויפן גאנצן לעבן, ס׳הייסט א ווייב, א פריינט, א לעבנס־באגלייטער, אן איינציקער חבר, דאָס איז נישט איינס און דאָסזעלבע... אמת, מיר געפעלט שטערן... זיין מענערישע קראפט האָט מיך באזיגט. איך האָב זיך אונטערגעגעבן זיין יונגער, געזונטער ליי־דנשאפט, ווייל איך בין אליין אויך יונג, געזונט און ליידנשאפטלעך... אָבער מיין איינציקער לעבנס־פריינט, מיין איינציקער הערשער, מיין מאן און געליבטער אויפן גאנצן לעבן — דאָס קאָן אזא הער שטערן קיינמאָל נישט זיין! אויף דעם זענען מיר צו וויט, איינס פון אנדערן צו פארשידן... צו פרעמד... און...

זינא

אויסער זיך

געוואַלד! איך דארף נישט מער!... אך, ס׳איז דאָך מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן!... וואָס איז פון דיר פלוצלינג געוואָרן? איך האָב דאָך פון דיר קיינמאָל אזעלכע ווערטער נישט געהערט!... איך דערקען דיך נישט!... גלייך ווי דו וואָלסט גאָרנישט געווען מיין שוועסטער...

לילא

ווילז זי בארואיקן

אבער פאר וואָס זאָלסטו אזוי איבערטרייבן, זינא? בארו־

איך זיך נאָר און נעם די זאַך אויפ'ן רוּאיקן פאַר־שטאַנד, וועסטוּ דאַן אַלץ גאָר אַנדערש זען... גלויב מיר, זינאַ, די פאָרשטעלונגען, וועלכע דוּ האָסט וועגן מאַראַל, האָבן גאָרנישט צוּ טוּן מיט מיין טאַט, איך מיין — מיט דעם, וואָס איז געשען צווישן מיר און שטערן... איבערהויפּט, די גאַנצע געשיכטע ווייזט זיך דיר נאָר אויס שרעקלעך דערפאַר, ווייל דיינע איבער־צייגונגען זענען פאַרבליבן פאַר די היינטיקע צייטן, פאַר די באַדינגונגען פון היינטיקן לעבן צוּ קאָנסערוואַטיוו...

זינא

איך ווייס, דוּ רעדסט מיר אויס מיינע צוויי און דריי־סיק יאָר... אָבער דאָס מאַכט מיר נישט אויס. פאַרקערט: איך בין שטאָלץ אויף מיינע — ווי דוּ רופסט זיי אָן — קאָנסערוואַטיווע איבערצייגונגען, וועלכע האָבן מיך גע־פירט דערצוּ, אַז איך האָב פאַרטריבן פון זיך מיין גע־ליבטן חתן נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָגט זיין פרעך און וואולגאַר מיט מיר... אפשר האָט ער מיך ליב געהאַט... איך אים האָב זיכער געליבט, ער איז דאָך געווען דער ערשטער מאַן, וועלכן איך האָב אַוועקגע־שענקט מיין האַרץ און מיינע געפילן... אָבער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך דערלויבט גרינגשעצן מיין ערע, מיין מיידלשע ריינקייט, דאָס טייערסטע, דאָס שטאָלצעסטע, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין לעבן, אין דעם מאָמענט איז ער מיר געוואָרן פרעמד און פיינטלעך! צוועלף יאָר איז שוין פאַראיבער פון יענעם אָוונט, און נאָך קאָן איך וועגן אים נישט דענקען אָן פאַרדרוס, אָן האַס! יאָ, איך האַס אים נאָך ביזן היינ־טיקן טאָג; אפשר היינט נאָך מער, אַלס דעמאָלט! ווייל ער האָט מיר מיין גאַנץ לעבן אויף אייביק צושטערט!

לילא

דוּ האָסט עס דיר אַליין צושטערט!... נאָר דוּ אַליין ביזט דערין שולדיק!...

זינא

(שטאָלץ)

אויב אומשולד איז שולד, בין איך שולדיק! און איך וויל אויף מיין גאַנץ לעבן שולדיק פארבלייבן!...

לילא

דו האָסט ליידער, א ביטערן טעות, זינא. דאס, וואָס דו רופסט „אומשולד", דאָס איז נישט מער, ווי דער שקלאַ־פישער אינסטינקט, וועלכן דער מאַן האט אין דער פרוי איינגעפלאַנצט פאר טויזנטער יאָרן! נישט פאר זיך פייניקסט דו דיין ליבּ, נישט פאר זיך האסטו זיך ענטזאגט פון די הייליקע רעכט פון דיין יוגנט, פון דיין געשלעכט, פון דיין טעמפעראמענט, נאָר פאר אים! פאר דעם איינעם, וועלכער דארף קומען און דיר קויפן לויט אַלע פאָרמאַליטעטן פון דער הער־שענדער אָרדנונג, אויף פּאַפיר, מיט חתימות, מיט עדות, אלס אַ נייע זאַך, נישט באַנוצט פון קיינעם פאר אים! אָרימע זינא! דו האָסט זיך גאָר פארקויפט דעם האר, נישט קענענדיק אים! נישט וויסנדיק, צי ער וועט גאָר ווערט זיין, דו זאָלסט פאר אים אזא גרוי־סן קרבן ברענגען. צי וועט ער אימשטאַנד זיין דאָס געהעריק צו שעצן... דו האָסט זיך פאַרקויפט דעם האר, וואָס וועט אפשר קיינמאָל נישט באַווייזן קומען דיך קויפן, ווייל דו האָסט אויף אים שוין צו לאַנג געוואַרט... ער האָט זיך פארשפעטיקט און דו ווערסט דערפאר גרוי־זאם באַשטראָפט! אפשר קען ער דיך, און לאכט דיך אויס נאָר דערפאר ווייל דו ביזט אזוי איינגעשפּארט ריין... אפשר מאכט ער גאָר חוזק פון דיינע איבעריקע מיידלשע יאָרן, פון דיין טריי זיין, ווארטן, און ליידן...

זינא

זאָל זיין אזוי! אויב דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז אפילו אמת, ארט עס מיך אויך נישט.

לילא

דאָס איז א ליגן דו לייקנסט פאר זיך אליין... ווי דאָס ארט דיך! ווי דאָס טוט דיר וויי!...

זינא

איך שווער דיר ביי אלעס הייליקן, אז דאָס וואָס איך זאָג, דאָס פיל איך איצט! ווייל נישט אים, דעם אומבאקאנטן, בין איך טריי געבליבן, נאָר זיך זעלבסט...

לילא

נו, ביזטו א העלדין. דו האָסט אָבער נישט קיין רעכט צו פאָדערן, אז אלע זאָלן זיין העלדן... איבעריקנס — אויב דו מיט דיין האנדלונג ביזט טריי זיך זעלבסט, דיין נאטור און דיין טעמפעראמענט, בין איך אויך מיט מיין האנדלונג זיך אין גאנצן טריי... מאָרגן ווער איך צוואנציק יאָר אלט — וויל איך נישט פארטרייבן פון זיך מיין יוגנט, ווי דו האָסט עס געטון! ביים אָפענעם פענסטער ענטפלעק איך מיינע ברוסטן צום פרילינג און אָטעם איין אין זיך זיין שכור'ע ליידנשאפט! יאָ! איך וויל זיין שכור! איך וויל זיך אין גאנצן איבערענטפערן דער פרייד פון לעבן! איר אלע לעבט און ליבט אין איין שרעק און ציטערניש... איך אָבער שרעק זיך נישט פאר קיינעם!

זינא

אויספער זיך

אויב דו שרעקסט זיך נישט פאר קיינעם, ביזטו נישט מיין שוועסטער, און איך וויל מער מיט דיר אפילו נישט וואוינען צוזאמען! איך וויל נישט טראָגן אויף זיך א טייל פון דיין שאַנד!...

לילא

זינא!...

זינא

פאַרלאָז מיין שטוב! איך וויל קיין אומצוכט אין מיין שטוב קיין איין מינוט נישט ליידן!

לילא

גוט... זאָל זיין... וועלן מיר זיך מאָרגן צוגיין...

זינא

ניין! נאָך היינט! באַלד, די מינוט, זאָלסטו מיין שטוב פאַרלאָזן!

לילא

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און גייט אַוועק אין איר צימער.

VII

זינא

גייט צו צום פענסטער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן פענסטער-ראַם, אָטעמט שווער. שפּאַצירענדע מיידלעך זינגען אונטער׳ן פענסטער *).

דער פרילינג גייט! פון נאָענט-ווייט,
פון וואַלד און באַרג לאָזט ער זיך הערן...
דער פרילינג גייט. איך, רוף אים גערן:
קום פרילינג, קום! ברענג אונז דיין פרייד,
קום פרילינג, קום! ברייגנ אונז דיין פרייד...

זינא

פאַרקלאַפּט דאָס פענסטער דאָס געזאַנג הערט זיך ווייטער, וואָס אַ מאָל שוואַכער, ביז עס ווערט אינגאַנצן שטום.

VIII

לילא

קומט פון איר צימער אָנגעטון, רופט שטיל.

זינא!...

זינא

פאַרבלייבט אויף דעם זעלבן אָרט. רירט זיך נישט. פּויזע.

לילא

זינא. איך גיי אַוועק.

פּויזע

ווילסט זיך מיט מיר אפילו נישט זעגענען?

---

*) לויט דער מעלאָדיע פון רוסישן ליד „וועסנא אידיאָט".

זינא

ענטפערט נישט.

לילא

איך נעם גאָרנישט מיט זיך. אויב דו וועסט מיך מאָרגן נישט זוכן, וועל איך איבערמאָרגן שיקן נאָך מיינע זאכן...

זינא

מאָרגן קענסטו נאָך דיינע זאכן שיקן...

לילא

אָרעמע שוועסטער!... איך בין נישט בייז אויף דיר, ווייל איך ווייס ווי אומגליקלעך דו ביזט. איך פיל עס בעסער פון דיר... דיין הארץ איז געוואָרן הארט פון ליידן און פון קאמף, דיין נשמה איז דיר פארגליווערט ווי אייז פון איינזאמקייט, ווייסט אליין נישט וויפיל טרויער עס ערווארטעט דיך נאָך אין לעבן... זיי געזונט, ליבע שוועסטער, איך האָב דיך ליב און דערפאר טוט מיר זייער, זייער לייד אויף דיר און אויף דיין פאר־שפילטן לעבן...

זי גייט צו דער טיר, סטאַרענדיק זיך איינהאלטן די טרערן, אָבער אויף דער שוועל ברעכט זי דאָך ארויס מיט אַ הייס גע־וויין — און אויסשטרעקנדיק די הענט צו דער שוועסטער, שלוכצעט זי:

זינא!... זינא!... שוועסטער מיינע!...

זינא

בלייבט אויף איר פריערדיקן פלאץ, בעווועגלאָז.

לילא

באהערשט זיך

זיי געזונט!

שנעל אָב.

IX

זינא

קוקט שטאר אויף דער טיר. באלד הערט זיך פון קיך אַ קלאפ מיט דער טיר, דעמאָלט הילט זי לויפן מיט אויסגעשטרעקטע

הענט, צ׳ריקרופֿן די שוועסטער. אָבער מאַלעענדיק קוים צוריק טריט, האַלט זי זיך באַלד שטאָלץ צוריק, בלייבט שטיין אין מיטן שטוב און ווישט-דעם קאַלטן שוויס פון שטערן. דערנאָך גייט זי צו צום טיש און פאַרלעשט דעם לאָמפּ. פון פענסטער שיינט אריין א העלע לבנה, און איר שיין גייט זי צו צום פענסטער און עפנט עס. א גרופּע יונגע לייט, מיידלעך און בחורים, שטיפֿן און לאַכן גאָר נאָנט פון פענסטער, נאָר מען זעט זיי נישט. א יונגע שטימע זינגט:

אַלץ לעבט און בליט, דער פויגל שפּילט,
דער פריילינג וועט אים שוין דערנערן...
דער פריילינג גייט, איך רוף אים גערן,
ער קומט אין בלומען איינגעהילט — — —
ער קומט אין בלומען איינגעהילט.
געבענשט זאָלסטו זיין, דו פריילינג מיין!
מיין ליבער וועט זיך היינט אומקערן!...
דער פריילינג גייט, איך רוף אים גערן,
געענדיקט האָט זיך היינט מיין פּיין...

ראפאל

קומט צו צום פענסטער פון דרויסן.

זינא, דו קענסט פאַרשליסן די טיר. מיר וועלן נאָך מיט סאַניטשקען לאַנג שפּאַצירן. די נאַכט איז אזא שיינע, אזא שמעקענדיקע... איך וועל פאַרמאַכן די לאָדן וועסטו זיך קענען רואיק לייגן שלאָפן...

ער פאַרקלאַפּט די לאָדנס. אין שטוב ווערט מיט אמאָל שטאַרק־פינסטער... דאָס געזאַנג הערט זיך, ווי פאַרשטיקט, ביז עס דער־ווייטערט זיך...

זינא

בלייבט שטיין ביים פענסטער קוים צו באַמערקן אין דער פינ־סטערניש, נאָר וואָס ס׳הערט זיך איר שלוכצן, פון אָנפאַנג שטיל, דערנאָך, העכער, ביז זי ברעכט ארויס מיט א פאַרצווייפלט הויך געוויין.

לעבן!... לעבן!... לעבן!...

פאָרהאַנג

ווען דער טייוול לאכט

שפאס אין איין אקט

דער איינאקטער איז געשפּילט געוואָרן אין לאָס־אנדזשעלאָס,
אין טעאטער ,,קאָנסערוואטאָרום'' (אין 1922), אונטער דער לייטונג
און אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון מחבר.
אויך שפּאניש געדרוקט אין וואַרשעווער "Izrael", 1923.

פערזאָנען:

ער

א דראַמאַטורג

זי

זיין ווייב

ס'געשעט אין זיין ארבעטס־צימער

ער

קומט פון א צווייטן צימער, גייט צום טעלעפאָן וואָס קלינגט

האַלאָ! יאָ. ווער רעדט?—פריער מוז איך וויסן, ווער ס'רעדט... הם... אַלזאָ—און וואָס האַנדלט זיך עס?

א לענגערע פויזע. קענטיק ער הערט עפּעס שרעקלעכעס

מאַדאַם! איך מוז אייך איבעררייסן... ניין! רעדט נישט מער! איר זאָגט מיר באַלד אייער נאָמען, אָדער איך הענג אויף דאָס טעלעפאָן-רערל—איר קענט נישט? נו—הערט-זשע מיין ענטפער: איך האָב אין מיין לעבן באַקומען גענוג אַנאָנימע בריוו; אָבער יעדעס מאָל האָב איך זיי—נישט לייענענדיק—געוואָרפן אין פייער—מיך וואָלט זייער געפרייט, ווען איך קען איצט אויך אייך וואַרפן אין פייער צוזאַמען מיט אייער אויסגעטראַכטן, אומפאַרשעמטן אַנאָנים... קען איך עס לײדער נישט־לאָזט מיך אויסריידן, מאַדאַם... דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן איצט יאָ טון איז-פאַרזיכערן אייך, אַז אייער רכילות האָט גאָרנישט דערגרייכט... איך ליב מיין פרוי פריער און-איך גלויב איר ווי פריער! אַדיע!

ער הענגט-אויף דאָס טעלעפאָן-רערל, בלייבט דאָך שטיין ביים טעלעפאָן זייער אויפגערעגט, באַלד אָבער באַהערשט ער זיך. מיט גרויס אָנשטרענגונג גייט ער צו דער טיר, עפנט זי און פרעגט אהין אריין

וואָס טוסטו איצט, מערי?—דו גייסט אַוועק?!

זי

קומט אָנגעטון צום שפּאַציר, זייער עלעגאַנט: דעם אויבערמאַנטל האַלט זי נאָך אין האַנט

יאָ, מיין ליבער. איך גיי... כ׳האָב צוגעזאָגט צו זיין היינט ביי אַדעלאַ.

ער

ווען? ס׳הייסט, אין וועלכער שעה דאַרפסטו דאָרט זיין?

זי

פיר אַ זייגער, פאַרוואָס פרעגסטו דען?

ער

גלאַט אַזוי... פיר? דאַכט זיך—נישט קיין פּאַסיקע צייט...

זי

פאַרוואָס?

ער

ווייל... פינף אַ זייגער קומט דאָך איר מאַן אויף מיטאָג.

זי

וועלן מיר טאַקע עסן אַלע דריי צוזאַמען.

זי נעמט אַנטון דעם אויבערמאַנטל

ער

ווילסטו—הייסט עס—נישט זיין אין דער היים צו מיטאָג אויך?

זי

ניין. פאַרוואָס העלפסטו מיר נישט אַנטון?

ער

אַנטשולדיק.

העלפט איר

זי

ביסט עפּעס—דאַכט זיך, צעטראָגן?

ער

דו האָסט ווידער באַנוצט די פּערפום, וועלכע איך האָב אַזוי פיינט...

זי

אָ? יאָ... איך וויל שוין אַמאָל אויסנוצן דאָס פלעשל ביז׳ן סוף—און פּטור ווערן פון די פּערפום, וועלכע דו האָסט אַזוי פיינט.

ער

בעסער אַרויסגיסן!

זי

וואָס רעדסטו? פּערפום אַרויסגיסן?! דאָס איז שוין צו פאַרשווענדעריש! און נאָך אַלץ זאָגט מען, אַז די פרוי איז די פאַרשווענדערין, נישט—דער מאַן... א פרוי וועט קיינמאָל נישט איינפאַלן אויסצוגיסן פּערפום...

זי נעמט אָנטון די הענטשקעס

ער

האָסט זיך היינט אויסגעפּוצט...

זי

דאָס וואונדערט דיך אויך?

ער

ווייל דו גייסט דאָך צו אַזא אינטימער פריינדין ווי אדעלא...

זי

מעג איך—מיינסטו—אריבערלויפן צו איר איבער דער גאנצער שטאָט אין שטעקשיך?

ער

ווארפט אומווילנדיק א בליק אויף אירע פיס, באמערקט

איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אז דו האָסט געקויפט נייע שיך...

זי

נייע שיך און נייע זיידענע זאָקן... ווי געפעלן זיי דיר?

ווייזט קאָקעטיש

דאָס איז נאָך נישט אַלץ, איך האָב נאָך אנדערע שיינע זאכן היינט איינגעקויפט, אָבער מער קען איך דיר איצט נישט ווייזן... אן אנדערש מאָל! אדיע, מיין ליבער.

גיט אירע ליפּן צום קושן

ער

ווארט. דו גייסט נאָך נישט...

זי

פארוואָס?

ער

אויב דו ביסט פארבעטן צום מיטאָג האָסטו נאָך צייט א גאנצע שעה.

זי

האָב איך דאָך דיר געזאָגט, אז איך האָב צוגעזאָגט צו זיין פיר א זייגער.

ער

וועסטו זיין פינף א זייגער.

זי

פארוואָס?!

ער

ווייל... איך דארף דיך איצט נייטיק האָבן.

זי

נייטיק? צו וואָס?

ער

איך וויל זיך מיט דיר בעראטן. איך וויל וויסן דיין מיינונג וועגן מיין נייער דראמע.

זי

ווידער וועגן דיין דראמע „ווען גאָט וויינט״?

ער

ניין. עס האנדלט זיך וועגן א ניי ווערק, וואָס איך וועל אפשר אָנרופן „ווען דער טייוול לאכט!...״

זי

אָ! א שיינער נאָמען: „ווען דער טייוול לאכט״... ער געפעלט מיר בעסער פון נאָמען: „ווען גאָט וויינט״...

ער

ווייל דו ביסט א פרוי...

זי

א דאנק...

ער

דארפסט זיך נישט באליידיקן, איך וויל עס טאקע באווייזן אין מיין דראמע, אז די פרוי...

ז י

פארשטעלט אים דאָס מויל מיט דער האנט

שפעטער. כ׳האָב נישט קיין צייט איצט צו הערן

ווייזט אויפן זייגער

פינף מינוט צו פיר:

ער

כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט. איך וויל נישט, אז דו זאָלסט איצט גיין...

ז י

אָבער...

ער

דו ווייסט, ווי איך האָב ליב דיר צו דערציילן מיין יעדע נייע טעמע.

ז י

שנעל

איך האָב זיי אויך זייער ליב צו הערן... אָבער — נישט איצט...

ע ר

ווען דו לויבסט מיין נייעם געדאנק, גיט עס מיר צו גלויבן און באגייסטערונג. מיין פעדער באקומט פליגל...

ז י

נו, זאָג איך דיר! שוין דער נאָמען אליין: „ווען דער טייוול לאכט״ געפעלט מיר זייער! זעץ זיך אוועק און שרייב! ווען איך וועל צוריקקומען ביינאכט, וועסטו מיר איבערלייענען.

ע ר

ערשט ביינאכט וועסטו צוריקקומען?!

ז י

איך מיין אזוי — א זייגער אכט, ניין... אויף ווידערזען!

גייט שנעל

ע ר

מערי! בלייב.

זי

איך הייב שוין באמת אָן מיינען, אז מיט דיר איז עפּעס געשען... ביזט אזוי אויפגערעגט... גאָט מיינער! אפשר ביזטו קראנק?!

לויפט צו, כאפּט זיין קאָפּ אין אירע הענט.

ניין, קיין היץ האָסטו נישט... וואָס-זשע דען? גלאַט א קאפּריז? ווייסטו דאָך, אז דאָס האָב איך פיינט... דיין ווילן איז ביי מיר אלע מאָל הייליק! אָבער דיין קאפּריז — ווייסטו — גיב איך קיינמאָל נישט נאָך...

ער

דאָס וואָס עס טויג דיר, רופסטו אָן „ווילן", און וואָס עס טויג דיר נישט, גיסטו א נאָמען „קאפּריז", און מאכסט זיך פריי דערפון... אלזאָ, מיין ווילן איז: דו זאָלסט איצט בלייבן מיט מיר!

זי

דו באפעלסט מיר!

ער

ניין... ווען איך וואָלט דיר באפוילן, וואָלסטו עס דאָך אָנגערופן — „קאפּריז", איך — בעט דיך...

זי

בעט איך דיך, דו זאָלסט מיך נישט בעטן... איך מוז גיין.

ער

דו מוזט?!

זי

איך מוז, ווייל — איך האָב צוגעזאָגט.

ער

וועסטו אָפּרופן דורכן טעלעפאָן און זאָגן, אז דו וועסט פארשפּעטיקן.

זי

ווייסטו דאָך, אז אדעלא האָט נישט קיין טעלעפאָן.

ער

זי האָט נישט קיין טעלעפאָן!... אהא–איצט פארשטיי איך!..

זי

וואָס פאַרשטייסטו?

ער

מיין דראַמע הייבט מיר אָן צו ווערן קלאָר...

זי

געלויבט איז גאָט...

ער

און דער טייוול לאַכט...

זי

לאַכט.

ער

און דו לאַכסט אויך...

זי

ווייל דו ביסט לעכערלעך...

ער

באַליידיקט

לעכערלעך? דאָס האָסטו קיינמאָל נישט געזאָגט!

זי

פאַרלירט זיך

אַנטשולדיק, כ'האָב זיך אַרויסגעכאַפּט.

ער

דו האָסט זיך אַרויסגעגעבן!

זי

גאָט מיינער! ס'איז דאָך היינט פון דיר נישט אויסצוהאַלטן! אַזעלכן האָב איך דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען... און דאָס אַלץ צוליב אַזאַ קלייניקייט? נו, גוט! ווילסט — וועל איך בלייבן...

טוט זיך אויס

ער

דערפרייט

דו בלייבסט?

זי

אָבער נישט אויף לאַנג... איינגאַנצן נאָכגעבן וועל איך

דיר דאָך נישט... אַלע זאָגן אַזוי אויך, אַז איך גיב דיר צופיל נאָך.

ער

ניין, נישט אויף לאַנג. שפּעטער קענסטו גיין. וואוהין דו ווילסט; אבי נישט איצט. איצט ביזסטו מיין.

זי

איך בין דאָך אַלע מאָל דיין...

ער

יאָ, אָבער איצט ביזסטו עס מער ווי אַלע מאָל... איך פיל זיך איצט אַזוי גליקלעך, ווי איך האָב זיך קיינמאָל ביז איצט נישט געפילט...

דער טעלעפאָן קלינגט

זי

שפּרינגט-אויף

דאָס איז געוויס צו מיר

ער

פאַרשטעלט איר, ווי אַ־מווילנדיק דעם וועג צום טעלעפאָן קוקט איר אין די אויגן

דו האָסט דען געווארט אויף אַ טעלעפאָן

זי

יאָ.

ער

געווארט און געוואָלט אַנטלויפן?...

זי

דאָס מוז געוויס זיין אַדעלאַ, זי קען זיך שוין אויף מיר נישט דערווארטן...

ער

האָסטו דאָך געזאָגט, אַז אַדעלאַ האָט נישט קיין טעלע-פאָן...

זי

עפּעס טשעפּעסטו זיך היינט צו יעדן וואָרט...

זי כאַפּט דאָס טעלעפאָן-רערל

האַלאָ! יאָ. וועמען?

אַנטטוישט

דאָס איז גאָר צו דיר. א פרוי

ער

נעמט דאָס רערל פרעגט

האלאָ, ווער רעדט?

הערט א ווײַלע און — וואַרפט באַלד צוריק מיט כעס דאָס רערל אויפן אפּאַראַט, אָפּטרעטנדיק אַן אויפגערעגטער

זי

פאַרוואונדערט

פאַרוואָס האָסטו איר גאָרנישט געענטפערט?

ער

דאָס קען איך דיר נישט זאָגן.

זי

ווער איז דאָס געווען?

ער

דאָס קען איך דיר אויך נישט זאָגן...

זי

א פרוי...

ער

ביסטו אײַפערזיכטיק?

זי

אָ, ניין! דו ווייסט, אז אײַפערזיכטיק בין איך קיינמאָל נישט געווען.

ער

דאָס קען אפשר זיין א באַווייז, אז דו האָסט מיך קיינמאָל אויך אין אמת נישט געליבט; ווייל אײַפערזוכט איז א לײַבלעכע שוועסטער פון ליבע.

זי

ס'הייבט זיך נישט אָן. אײַפערזוכט איז דער ליבעס שטיפמאמע. ליבע איז צו אַלעם ערשטן גלויבן. קען מען דען ליב האָבן גאָט, ווען מען גלויבט נישט אין אים?

ער

דאָס איז א שיינער פאַראַדאָקס! איך וועל אים אויסנוצן

אין מיין נייער דראמע. ערלויבסטו?

וי

פון מייגעטוועגן... אבי לאָז מיך שוין אמאָל פריי...

ער

קוקט אויפן זייגער

ערשט צען מינוט נאָך פיר.

זי

שוין צען מינוט.

ער

...נאָך פיר. איך וועל דיך שוין לאנג נישט פארהאלטן. אין א פאָר ווערטער וועל איך דיר דערציילן דעם גע-דאנק פון מיין נייער דראמע.

זי

איך הער דיך מיט דער גאַנצער אויפמערקזאמקייט!

זי כאפט ארויס נערוועז פון איר רעדיקול א שפיגעלע און נעמט זיך ציפודערן

ער

איך וועל דיך מאכן אויפמערקזאם, מערי, אז מיין דרא-מע איז איצט פיל וויכטיקער פון... דיין שפיגעלע.

זי

דאָס טרייבסטו שוין א ביסל איבער, מיין ליבער, פאר דער פרוי קען גאָר נישט זיין קיין גרעסערע דראמע פון—איר שפיגל... אָבער רייד, איך הער.

זי באהאלט דאָס שפיגעלע

ער

פארווילערט לאנגזאם זיין פייף

ער ליבט זי און—גלויבט איר.

זי

פיין...

ער

ניין. ער וויל איר גלויבן!

זי

דאָס איך דאָך אלץ איינס.

ער

מיט זיין גאנץ הארץ, מיט זיין גאנצער נשמה וויל ער איר גלויבן, אָבער—ער קען נישט!

זי

פארוואָס קען ער נישט?

ער

ווי לאנג ער האָט געקענט, האָט ער געגלויבט, און איז געווען אזוי גליקלעך! דער גלויבן איז געווען זיין לעבן, זיין באגייסטערונג, זיין-אלץ...

זי

נו... נו...

ער

אָבער פאר א געוויסער צייט איז געשען אזעלכעס, וואָס האָט אונטערגעגראָבן די וואָרצלען פון זיין גלויבן...

זי

וואָס איז געשען אזעלכעס?

ער

דאָס אייגנטלעך איז אין מיין דראמע א פראגע-צייכן... ער האָט נישט קיין פאקטן. ס'הייסט ער פילט, אז די פאקטן זענען פאראנען, אָבער ער קען זיי נישט באקומען... פארשטייסט?—וואָלטן די פאקטן געווען זעבארע, קאָנקרע-טע, איז דעמאָלסט—איינס און צוויי און—די דראמע איז געענדיקט!

זי

אלזאָ—הייסט עס—ער איז זי חושד? איינער פון טויזנט אייפערזיכטיקע מענער... דאָס איז דיין נייער געדאנק?

ער

ביז איצט איז עס נאָך נישט ניי, איך ווייס; דאָס נייע הייבט זיך ערשט אָן.

זי

הייבט זיך ערשט אָן!...

וויל כאַפּן איר מאַנטל

ער

אָבער באַלד וועל איך ענדיקן, באַרואיק זיך.

זי

נו, נו...

ער

איינמאָל באַקומט ער אַן אַנאָנימען בריוו.

זי

אַן אַנאָנימען בריוו?... דאָס איז שוין דאָס נייע?

ער

אפשר בעסער, אַן אַנאָנימען טעלעפאָן?

זי

זיכער בעסער. אָ! ווייסטו גאָר וואָס?—אַ ראַדיאָ-טעלעפאָן וואָלט געווען נאָך אָריגינעלער! קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט באַנוצט דעם ראַדיאָ פאַר אַנאָנימע אינטריגעס!

ער

אמת. און דערפאַר טאַקע וואָלט דאָס געווען שוין צו נײַ, שוין באַלד—סענסאַציאָנעל...

זי

נו, בלייבן מיר ביים טעלעפאָן. איך שפּאַר זיך נישט מיט דיר. ווייטער?

ער

עמעצער גיט אים צו וויסן, אַז זיין געליבטע ווייב, וועלכע ער גלויבט נאָך אַלץ מיטן גאַנצן כּוח פון זיין בענקעניש נאָך ליבע און גליק..! זיין געליבטע ווייב — האָט היינט, אין דער אין דער שעה, אויף דעם און דעם אָרט — אַ ראַנדעוואו מיט איר געליבטן.

זי

ציטערט אויף, אָבער באַהערשט זיך באַלד.

דאָס... הייבט שוין באמת אָן צו ווערן אינטערעסאַנט!...

ער

אמת ?

זי

אָבער וועלכער פארשטענדיקער מאן, דערצו נאָך אזעל־כער, וואָס ליבט זיין ווייב, וועט זיך רעכענען מיט אַנאָנימע אויסוואורפן?

ער

גערעכט! האָט ער טאקע דעם דאָזיקן אויסוואורף גע־ענטפערט ביים טעלעפאָן: אייער אַנאָנים האָט גאָרנישט דערגרייכט! איך ליב מיין ווייב ווי פריער! און גלויב איר ווי פריער! און ער האָט אויפגעהאנגען דאָס טע־לעפאָן־רערל.

זי

זייער פיין געטאָן: דערמיט ענדיקט זיך דיין דראמע?

וויל נעמען איר מאַנטל

ער

דערמיט וואָלט זיך עס געענדיקט, ווען נישט...

זי

ווען נישט וואָס?

ער

פונקט אין דער זעלבער צייט, וואָס דער אַנאָנים האָט אָנגעגעבן, אין דער זעלבער שעה, פונקט צו דער מינוט— קלויבט זיך דאָס ווייב אוועקצוגיין — וואוהין? לאָמיר זאָגן — אויף א שפאציר?... ניין! — צו איר פאמיליע... אָדער גאָר — צו איר פריינדין!

זי

צו איר פריינדין?!

ער

שלאָג מיר איצט נישט איבער! דער מאָמענט איז זייער אן ערנסטער! אָט, דאָ קומט דער פלאָנטער! הם... ער גלויבט איר, ווייל — נו, ווייל ער ליבט זי! אָבער דאָך— איר האנדלען אין דער לעצטער צייט... פיל קליינע, קליינינקע צייכנס, וועלכע צווינגען אים צו טראַכטן טעג און נעכט, אז — זי ליבט אים נישט מער! אז ס׳קען

זיין — זי ליבט אן אנדערן... און איצט — דער דאָזיקער אנאָנימער בריוו...

זי

דער אנאָנימער טעלעפאָן מיינסטו?...

ער

יאָ... דער אנאָנימער טעלעפאָן... און — איר ארויסגיין פון שטוב פונקט אין דער צייט, וואָס יענער אויסוואורף האָט אָנגעגעבן... צו דער מינוט!

זי

דאָס איז נישט קיין באווייז! דאָס קען דאָך זיין נישט מער ווי א צופאַל...

ער

יאָ... ביזסט זייער גערעכט! ס'קען זיין... דערפאר בעט ער, זי זאָל איצט נישט... זאָל זי אים נישט איבער-לאָזן מיט דעם שרעקלעכן געדאנק, אז אפשר דאָך... אז...

זי.

האָסט דאָך אליין אין דיין לעצטער דראמע געזאָגט אָט די ווערטער: ווען די, וואָס ליבן זיך הערן זיך אויף צו גלויבן, דעמאָלסט ווייַנט גאָט אליין!

ער.

אָבער ווען דער, וואָס ליבט און גלויבט ווערט אָפּגע-נארט, דעמאָלסט לאכט דער טייוול!

זי.

זאָל בעסער דער טייוול לאכן, איידער גאָט זאָל וויינען!

ער.

דו מיינסט — בעסער גלויבן די שולדיקע, איידער נישט גלויבן די אומשולדיקע?

זי.

דאס טאקע מיין איך!

ער.

ווען זיין הארץ ווערט אָבער דאָך צעריסן פון שרעק-לעכן צווייפל? ווען ער וויל גלויבן, נאָר ער קען נישט

לענגער... ווי דארף זי. דעמאָלסט האנדלען לויט דיין מיינונג?

זי

זי? דארף אים ארומנעמען אָט אזוי... ווייזן אים אירע אויגן פול מיט ליבע — און פרעגן: — קען איך דיר זיין אומטריי? קען איך דיך פארטוישן?!... דו ליבער, טייערער — נארעלע... נו, נאָך טיפער קוק אריין אין מיין הארץ דורך מיינע אויגן-זעסטו דאָרט עפעס אנדערש אויסער ליבע אָן א ברעג?... אָט, אזוי דארף זי האנדלען! און ער דארף זי לאָזן גיין, וואוהין זי וויל!

נעמט זיך אָנטון

ער

ניין! זי טאָר נישט גיין אין אזא מאָמענט!

זי

איך בין איבערצייגט פארקערט: זי טאָר נישט בלייבן! זי מוז אים לערנען איר גלויבן, גלויבן פאר יעדן פרייז!

ער

זאָל זי אים לערנען אויף אן אנדער וועג, אין אן אנדער צייט; היינט בעט ער זיך ביי איר — בלייב! פאר יעדן פרייז בלייב!

זי

ניין! ניין! זי דארף עס נישט טון! זי טאָר נישט בלייבן!

ער

...און ווען זיין בעטן העלפט נישט, רוקט ער ארויס דעם שופלאָד פון זיין שרייב-טיש, באקומט א רעוואָלווער (טוט עס) און זאָגט איר אנטשלאָסן: איצט בין איך זיכער, אז דו גייסט זען דיין געליבטן!... אָבער דאָס וועט נישט געשען! די טיר איז פארשלאָסן... און אויב דו וועסט מאכן א געוואלד, און — אָט, זעסט — דאָ איז פאראנען איין קויל פאר דיר און — די צווייטע פאר מיר...

זי

דו ביסט פון זינען אראָפ?!

לויפט צו צו דער טיר און נעמט קלאפן אויף טויט דערשראָקן,
שרייענדיק היסטעריש אין איר,

עפן די טיר! עפן! עפן! קוק נישט אזוי אויף מיר! איך האָב גאָרנישט געטאָן... כ'האָב נישט קיין געליבטן! גלויב מיר.. .דו מוזט מיר גלויבן!... לייג אוועק דעם רעוואָלווער! איך בין אומשולדיק! איך שווער דיר! איך שווער דיר...

זי פאלט אויף דער קני וויינענדיק.

ער

מערי! – וואָס איז מיט דיר! פארוואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקן?

זי

דער רעוואָלווער! דער רעוואָלווער!

ער

דער רעוואָלווער איז נישט אָנגעלאָדן, נא זע...

ציט דאָס ציגגל איינציקע מאָל; ביי יעדן מאָל צאפלט זי אויף.
צום סוף בארויקט זי זיך א ביסל.

זי

פארוואָס האָסטו פארשלאָסן די טיר?

ער

די טיר איז נישט פארשלאָסן... עפנט זי ברייט דו קענסט גיין!

זי

קוקט אויף אים א ווילע, וויל עפעס זאָגן

אָבער...

ער

שווייג... מער גאָרנישט... קיין איין וואָרט... איך – גלויב דיר דאָך...

זי

דו מוזט מיר גלויבן! דו מוזט!

לויפט ארויס פארקלאפנדיק די טיר.

ער

און איצט ווער קען מיר זאָגן – צי וויינט גאָט, אָדער – דער טייוול לאכט?...

פאָרהאנג.

פאר קליינע קינדערלעך

I. דעם זיידנס מתנה.

II. די מכשפה.

דעם זיידנס מתנה

א קאמעדיע אין איין אקט צו שפילן פאר
יידישע קינדערלעך

„דעם זיידס מתנה״ איז געווען געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „קינדער-זשורנאל״ ארויסגעגעבן פֿון די שלום־עליכם פאָלקס־שולן, ניו־יאָרק 1921.

געשפּילט צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק אין איטאַליענישן טעאַטער אויף דער באָער? — 1922.

פּערזאָנען:

זיסקינד, 11 יאָר

משהלע, 10 יאָר

חיימל, 8 יאָר

רהלע, 7 יאָר
זייער ייִנגסטע שוועסטער

סענדער, 11 יאָר
אַ שכנס אַ ייִנגל

א קינדער-צימער אין א פארמעגלעך יידיש הויז, צווישן די פענסטער א עטאזשערקע מיט ביכער, העפטן און קינדער-שפילכלאך. אין דער טיף צוויי פענסטער מיט שיינע פאָרהענגלעך. רעכט ביי דער וואנט 2 קינדער-בעטלעך. לינקס א נישט גרויסע שראנק און א טיר. אין מיטן שטוב א טיש מיט שטולן. אויף די ווענט הענגען מאפעס און א גרויסער פאָרטרעט פון א שיינעם אלטן ייד. אויפן טיש ברענט א לאָמפ. משהלע און רחלע זיצן בײם טיש, פארנומען מיט קלעפן א הויז פון פאפיר און טעקטור.

משה

עס טויג נישט ווי די מאכסט. אזוי וועט זיין בעסער.

קלעפט דעם דאך.

רחל

אזוי טויג עס ערשט טאקע צו גאָרנישט, דער דאך קען איינפאלן און וועט חלילה דער׳הרג׳ענען אלע קינדער.

משה

דו האסט דען קינדער? דאָס הויז איז דאָך ליידיק, קיינער איז נישטאָ אינעווייניק.

רחל

היינט איז טאקע קיינער נישטאָ, אָבער מאָרגן קענען דאָך זיין 6 קינדערלאך אן עין-הרע...

משה

פון וואנעט וועסטו נעמען קינדערלאך, אז ס׳איז נישטאָ קיין טאטע-מאמע?

רחל

א טאטע מיט א מאמע? אוי-וואָ... אָט כאפ איך שוין די

שער און צייט צוויי מינוט וועט זיין פארטיק א טאטע
מיט א מאמע...

זי נעמט אויסשניידן פון פאפיר די פיגורן

כא... כא... כא... אוי!

משה

א שיין פנים וועלן האָבן דיין טאטע-מאמע, אז דו וועסט
זיי מאכן אין 2 מינוט.

חיימל

לויפט אריין א דערשראָקענער, א פארסאָפּעטער, קוים וואָס ער
קען דעם אָטעם כאַפּן:

אוי, גיכער! פארמאכט די טיר! די פענסטער פארמאכט!
אוי, אוי! גיכער! גיכער! —

משה און רחל

שפרינגען־אויף פון זייערע ערטער:

וואָס איז געשען! וואָס, וואָס איז?

חיים

א נישט-גוטער!

ער באהאלט זיך אין א ווינקל.

רחל

וואו? וואו?

פון גרויס שרעק קריכט זי ארונטער אונטערן טיש.

חיים

דאָרט! דרויסן שטייט ער, ביים פלויט. אזא לאנגער!
אזא ווייסער! ווי א מת! אוי, גיכער לאָמיר זיך באהאלטן!...

רחל

קוויטשעט אונטערן טיש:

אוי, איך האָב מורא!

משה

שריי נישט אזוי, נארישע קאָץ! סאיז דאָך קיינער נישטאָ!...

חיים

איך האָב אליין געזען!... א נישט-גוטער... א נישט-
גוטער! א נישט-גוטער...

רחל

שטיל

איך האָב מורא! איך האָב מורא!

משה

א נישט-גוטער ביסטו אליין, חיימל!

חיים

איך בין א נישט-גוטער?... ניין... ניין...

משה

אוודאי. וואָס דען. א גוטער ביסטו? ווען דו וואָלסט געווען א גוטער, וואָלסטו דאָך נישט איבערגעשראָקן דיין קליין שוועסטערל. זע, ווי זי ציטערט נעבאך.

חיים

אז איך האָב אליין געזען, איך שווער ביי די ציצית. איך מיט זיסקינדן זענען מיר צוזאמען געגאנגען אהער פון מוזיק-לערער, גייען מיר אזוי אריין פון דער טעפער-גאס אין קליינעם געסל, פארן גאָרטן פארביי, און איך זע, פון דער וויטנס, פון טויבן אבאילעס פוסט הייזל ביים פעלד גייט ארויס א מענטש איינגאנצן אָנגעטאָן אין ווייסן — און אזא לאנגער, אזא הויכער, העכער פון אבאילעס הויז... עס איז נאָך געווען גוט ליכטיק און איך האָב נאָך געזען.

רחל

האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטערן טיש און איינגע-הערט זיך צום ברודערס דערציילונג, שעפּטשענדיק שטיל

אוי, א נישט-גוטער...

משה

נו, און וואָס איז ווייטער געשען?

חיים

האָב איך באלד אָנגעהויבן צו לויפן... און בין זיך געלאָפן... און געהאלטן די פידל פעסט, און דער נישט-גוטער לויפט מיר נאָך... און ווי איך בין שוין אריינ-געלאָפן אין הויז, האָב איך דערשפירט, ווי איינער טוט מיר א ריס ארויס מיין פידעלע פון אונטערן אָרעם... אוי, מיין פידעלע, דער טאטע און די מאמע וועלן שרייען. דעם זיידנס פידעלע...

רחל

אונטערן טיש

אוי, א נישט-גוטער, א שד...

משה

שפרינגט-אויף.

האָסטו זיך הייסט עס געלאָזן אוועקנעמען דאָס פידעלע, וואָס דער זיידע האָט געשאָנקען א מתנה?!...

חיים

איך בין קוים אנטלאָפן פון נישט-גוטן, ער האָט מיך געוואָלט דערהרגענען...

משה

מיט כעס. מעשה דערוואקסענער.

האָסטו נישט דאָס פידעלע? דעם זיידנס מתנה? אוי, אוי, דו צוקראָכענער!...

חיים

צעוויינט זיך:

איך האָב נישט אוועקגעגעבן, ער האָט ביי מיר ארויס-געריסן דעם זיידנס פידעלע!

משה:

ווער האָט עס ביי דיר ארויסגעריסן?

חיים:

איך זאָג דאָך דיר, דער שד, דער נישטגוטער!

זיסקינד

קומט אריין אויף די לעצטע ווערטער, טראגנדיק א פידעלע פארפאקט אין טוכענעם פוטער־ל:

נישט קיין נישט-גוטער, נאָר א טשוואָק, האָט עס דיר ארויסגעריסן. אָט האָסטו דיין פידעלע צוריק! בעע!..

חיים

בלייבט צוערשט שטיין פארשעמט, דערנאך לויפט ער צו און כאפט מיט פרייד דאָס פידעלע פון ברודערס האנט

אָ! מיין פידעלע! מיין פידעלע! פון וואנען האָסטו עס באקומען?

זיסקינד:

אויפ׳ן טשוואָק פון פּאַרקאַן איז עס געהאָנגגען... ווען דו ביסט אזוי אנטלאָפן פאַרן „נישט-גוטן״ בין איך דיר נאָכגעלאָפן און דיר נאָכגעשריגן, אז דער וויסער, דער לאנגער, וואָס איז ארויסגעגאנגען פון אבאָילעס הויז, איז דאָך גאָר פישל דער בעקער, וואָס ברענגט אַהער זעמל יעדן טאָג, און דו האָסט געהאַלטן אין איין אַנט-לויפן פארן שד... כא-כא-כא!

רחל

שטעקט ארויס מער דעם קאָפּ פון אונטערן טיש.

אַלע

אויסער חיימל:

כא-כא-כא!...

זיסקינד

דערציילט ווייטער:

און ווי איך לויף אזוי דערנאָך און קום צו צום פּאַר-קאַן, זע איך דאָס פידעלע הענגט אויף אַ טשוואָק... דו האָסט אודאי געמוזט פארטשעפּן דעם פוטערל אן טשוואָק, און מיינענדיק פון שרעק אז דער „נישט-גוטער״ רייסט ביי דיר דאָס פידעלע פון דער האנט, האָסטו עס גע-לאָזן הענגען, און אליין אנטלאָפן...

משה

שיסט אויס אין אַ געלעכטער:

כא-כא-כא! אָט דער טשוואָק איז דאָס געווען דער נישט-גוטער! כא-כא-כא!...

רחל

קריכט ארויס פון אונטערן טיש:

אזוי גאָר? אַ טשוואָק?

משה

האלט אין איין לאכן:

פאר פישל דעם בעקער האָט ער זיך אזוי דערשראָקן... כא-כא-כא!

רחל:

פאר פישל דעם בעקער? שעם זיך חיימל, שעם זיך!

חיים

פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים:

איך שעם זיך טאַקע! איך וועל זיך שוין קיינמאָל מער נישט שרעקן... איך שעם זיך!... איך שעם זיך!

ער צעטרייסט זיך און לויפֿט אַרויס אין דער צווייטער שטוב, איבערלאָזנדיק דאָס פֿידעלע אויפֿן טיש.

משה

שרייט אים נאָך:

וואוהין לויפסטו, צעקראַכענער? זע נאַר, אַז אַ נישט-גוטער זאָל דיך ווידער נישט נאָכיאָגן! כאַ-כאַ-כאַ!

רחל

מיט רחמנות:

לאָך נישט אַזוי, משהלע. חיימל וויינט... שוויג שוין...

זיסקינד

ניין, מען מוז חיימען גוט אָנלערנען, ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן זיך צו שרעקן! ס'איז דאָך גאָרנישט אויסצוהאַלטן פון דעם ייִנגל. אומעטום זעט ער נאָר נישט-גוטע, שדים און גזלנים...

משה

יאָ, פאַר גזלנים האָט ער מורא צו מערסטן. נעכטן האָט ער מיך אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט און אָנגעהויבן צו וויינען, עס דאַכט זיך אים גזלנים רייסן דאָס פענסטער... איך שפּרינג אַראָפּ פון בעטל, גיי צום פענסטער און איך זע: גאָרנישט מיט גאָרנישט. נישט מער דאָס פענסטער איז געווען שלעכט פאַרריגלט, האָט עס דער ווינט אביסל געשאָקלט, אַהין און אַהער.

זיסקינד

מיך האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל באַנאַכט אויפגעוועקט מיט דעם זעלבן פּזמון... אָבער וואַרט – מער מיין איך – וועט ער אונז שוין נישט וועקן פון היינט אָן.

משה

דו מיינסט, אַז ער וועט שוין קיין מורא נישט האָבן?

דו מיינסט, אז די מעשה מיט דעם „נישט-גוטן" וועט אים שוין אָנלערנען? האָסטו א גרויסן טעות. איך קען אים שוין בעסער פון דיר. פאר „נישט-גוטע" וועט ער שוין איצטער אפשר מער קיין מורא נישט האָבן, אָבער פאר גזלנים וועט ער זיך נאָך שרעקן אזוי ווי פריער. דאָ דארף מען עפּעס אויסטראכטן א קלוג שפּיצל, וואָס זאָל אים אָנלערנען איינמאָל פאר אלע מאָל.

זיסקינד

איך האָב שוין אויסגעטראכט.

משה

וואָס אזעלכעס? זאָג, לאָמיר הערן.

זיסקינד

איך וועל דיר זאָגן, אָבער זאָל רחלע ארויסגיין, ווייל זי וועט אים אלץ דערציילן.

רחלע

ניין, איך וועל נישט דערציילן, איך וועל אויך מיטהעלפן.

זיסקינד

נו, אויב אַזוי, איז גוט, וועל איך אייך דערציילן.

משהלע

אומגעדולדיק:

נו דערצייל שוין!

זיסקינד

הערט קינדער!...

אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר און עס שפּרינגט אריין מיט גרויסע שווערע טריט סאַנדער. ער טראָגט א טוליפּ, איבערגעקערט מיטן פוטער ארויף. גרויסע שטיוול, קענטיק פון אן עלטערן מענטשן, אזוי, אז אין יעדער כאָליעווע וואָלט ער אפשר געקענט אריין אינגאנצן. אויפן קאָפּ טראָגט ער א גרויסן משונהדיקן קאפעלוש, ארומגעשטעקט מיט פיל געגזענע פעדערן, מיט א ברייטן ראנד אראָפּגעלאָזן ביז איבער זיי אויגן. אין דער האנט האלט ער א גראָבן שטעקן און אין גארטל, מיט וועלכן דער טוליפּ איז ארומגעבונדן, זענען ארייגעשטעקט א שאַר־אייזן, א צוואַנג און נאָך אזעלכע ענלעכע שטוב-מכשירים. אונטער דער גאָמבע הענגט ביי אים א שטיק שווארץ פוטער.

רחלע

דערזעענדיק אים, דערשרעקט זיך:

אוי, א גזלן!...

זי באהאלט זיך ווייטער אונטערן טיש.

סענדער

פרובירט זי פון אנהייב אביסל איבערשרעקן און צעלאכט זיך:

כא-כא-כא!... ווי נאר עפעס, וואוינט זי באַלד אונטערן טיש!... קריך ארויס, רחלע, איך בין נישט קיין גזלן. איך בין דאך סענדער, קענסט מיך נישט?

זיסקינד

סענדער, וואס קריכט אויפן שטענדער...

סענדער

רוקט ארויף דעם קאפעליוש:

רחלע, דאס בין איך. קענסט מיך נישט? פון אנטקעגן.

משהלע

וועלכער האט זיך פון אנהייב אויך אביסל דערשראקן, אבער ער האט זיך באלד באהערשט און איז געבליבן שטיין אויף זיין ארט מיט די הענט וואוילעריש ארייגעשטעקט אין די קעשענעס:

איך האב זיך אפילו גאר נישט אנגעהויבן צו שרעקן און זי וואוינט באלד אונטערן טיש...

רחלע

איז דערוויל ארויסגעקראכן פון אונטערן טיש:

חיים וואלט זיך נאך מער דערשראקן...

זיסקינד

אט דאס וועלן מיר טאקע באלד זען. איך האב זיך עקסטרע אפגעשמועסט מיט סענדערן, ער זאל זיך פאר-שטעלן פאר א גזלן און אריינקומען צו חיימען.

רחלע

ניין, איך האב מורא, ער קאן נאך חלילה קראנק ווערן פאר שרעק.

זיסקינד

האב נישט קיין מורא. דאס האב איך שוין גוט באַ-קלערט. מיר וועלן אלע דא זיין אין שטוב באהאלטן.

און אזוי ווי מיר וועלן נאָר זען, אז ער שרעקט זיך
צו פיל, וועלן מיר באלד ארויסשפרינגען פון אונזער
באהעלטעניש און מאכן אים אזא „בעעע!...” אז ער
וועט, מיין איך, קיינמאָל אין זיין לעבן זיך שוין נישט
שרעקן פאר אלע נארישקייטן. נו, גוט?

משהלע

גוט, מיר געפעלט דאָס זייער.

זיסקינד

שטיי-זשע טאקע נישט. קריך שוין אריין אין דיין בעטל
און מאך זיך שלאָפנדיק. סענדער וועט זיך באהאלטן
אונטער די פאָרהאנגען, איך וועל טונקל מאכן דעם
לאָמפּ און וועל זיך אויך באַהאַלטן. און רחל וועט
אריינגיין צו חיימלען זאָגן אים, אז משהלע שלאָפט
שוין, וועט ער אויך באלד אריינקומען זיך לייגן. דע-
מאָלט, סענדער, ווייסטו שוין וואָס דו האָסט צו טאָן?

סענדער:

אַהא! איך ווייס שוין גוט! איך וועל שוין אָפּשפּילן
אן אנטיק.

זיסקינד:

קום אהער, באהאלט זיך.

ער באהאלט אים אונטער די גארדינען און פארשטעלט אים גוט.

משהלע

איז ארייננעשפרונגען אין זיין בעטל אין אָנטאָן:

איך שלאָף שוין.

ער דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע אין נעמט כראָפּען.

זיסקינד

גיי, רחלע, רוף אים אריין שלאָפן, זאָג אים, אז דער
לאָמפּ גייט אויס, וועט ער זיך צואיילן, ווייל ער וועט
דאָך מורא האָבן זיך לייגן אין דער פינסטער...

רחלע

איך גיי, אָבער געדענקט, איר זאָלט אים נישט שטארק
איבערשרעקן.

זיסקינד

זאָרגט זיך נישט, מיר האָבן אים פונקט אזוי ליב ווי דו

רחל

נו, איז גוט.

זי גייט ארויס.

זיסקינד

דערווייל, משהלע, דארפסטו נאָך נישט כראָפּען, וועסט צייט האָבן, ווען ער וועט אריינקומען.

משהלע האָט אויפגעהערט כראָפּען. זיסקינד מאכט טונקל דעם לאָמפּ און באהאַלט זיך אויך אין א ווינקל. א קליינע פויזע. באַלד הערט זיך פון צווייטן צימער חיימלס לויפן.

ששש... ער גייט!... כראָפּע, משהלע!...

משהלע נעמט כראָפּען געשמאַק. חיימל לויפט אריין.

חיימל:

ער שלאָפט שוין, דער פעטער, נישט געקאָנט אביסל ווארטן אויף מיר.

ער נעמט זיך איילנדיק אויסטאָן.

כ׳ווייס, ער האָט זיך בכיון צוגעאיילט. ער האָט געמיינט, איך וועל מורא האָבן איינער אליין זיך לייגן שלאָפן... ער מיינט אויף אן אמת, אז איך בין אזא שרעקעדי־קער... אָך! סע הייבט זיך אפילו נישט אָן!... איך האָב נישט קיין מורא!... איך הויב נישט אָן מורא צו האָבן!... איך האָב שוין מער נישט קיין מורא פאר קיינעם!... פאר קיינעם!... נישט פאר קיין נישט־גוטן, נישט פאר קיין שד... אפילו נישט פאר קיין גזלן...

סענדער שפּאַנט ארויס פון זיין באהעלטעניש מיט גרויסע שווע־רע טריט, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן אין דער פאָדלאָגע און קלינ־גענדיק מיט די אייזנס, וועלכע ער טראָגט. חיימל דערזעט אים, שפּרינגט ער אזש ארויף אויפן בעטל מיט א געשריי.

אוי, א גזלן!!...

סענדער

מיט א גראָבער שטימע:

יאָ, איך בין א וואַלד־גזלן. שוין דערלאנג מיר אהער

אלץ, וואָס דו פארמאָגסט, ווען נישט דערהרגע איך דיך
דאָ באלד אויפן אָרט מיט דעם געווער.

ער קלינגט מיט די אייזנס.

חיימל

ציטערט:

איך בעט אייך- מיין ליבער, מיין טייערער גזלן, הרגעט
מיך נישט!... צו וואָס טויג עס אייך? בעסער נעמט
זיך אלץ וואָס איך פארמאָג, און לאָזט מיך לעבן...

סענדער

וואו האָסטו דיין פארמעגן? אהער גיב עס שוין!..

חיימל

דאָרט אין שאנק... מיין נייער אנצוג... מיינע נייע
שטיוועלעך... ערשט געקויפט אויף פסח...

סענדער

קלאַפנדיק מיטן שטעקן:

ניין, נישט דיין אָנצוג, נישט דיינע נייע שטיוועלעך,
גיב עפעס בעסערס.

חיימל

ציטערט

ליבער, טייערער גזלן, דאָרט אין עטאזשערקע... מיינע
נייע ביכלעך מיט אזעלכע שיינע בילדעלעך... מיינע
סאָלדאטן... דער פעטער האָט מיר געקויפט...

סענדער

נאָך בייזער

איך וויל נישט דיינע ביכלעך!... איך דארף נישט דיינע
סאָלדאטן!... גיב עפעס בעסערס!... גיב וואָס ביי דיר
איז צום טייערסטן.

ער באמערקט דאָס פידעלע אויפן טיש

אָט דאָס פידעלע גיב.

ער וויל נעמען דאָס פידעלע

און דיין רחלע וועל איך מיטנעמען און דיך וועל איך
לאָזן לעבן...

חיימל

שפרינגט אַראָפּ פֿון בעט, כאַפּט דאָס פֿידעלע אין ביידע הענט, שרייענדיק.

ניין!... דאָס פֿידעלע וועל איך נישט אוועקגעבן!... אַלץ נעמט זיך, נאָר נישט דאָס... דאָס פֿידעלע וועל איך קיינעם נישט אוועקגעבן...

סענדער

אַזוי זאָגסטו?!... קיינעם נישט?... און דעם נישט-גוטן האָסטו עס דאָך ערשט היינט אוועקגעגעבן!...

חיימל

רעדט וואָס אַמאָל מער געריירט.

אַ־ז עס טאַקע געווען זער מיאוס, אָבער מער וועל איך שוין אַזאַ זאַך נישט טאָן. מיין זיידעניו איז אַלט און קראַנק און ווען ער האָט מיר צו מיין געבורט געשענקט דאָס פֿידעלע, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט: נעם דאָס פֿידעלע, לערן זיך אויס שיין שפּילן און ווען דו וועסט גרויס ווערן און דו וועסט האָבן אַ כּלה, זאָלסטו איר אויף דעם פֿידעלע אָפּשפּילן דיין ערשטע מעלאָדיע, וועט זי דיך אייביק ליב האָבן. און ווען דו וועסט אַליין שוין האָבן קינדער, זאָלסטו זיי שפּילן אויף דעם זעלבן פֿידעלע, וועלן זיי זיין גוטיטשקע און דיך וועלן זיי אַזוי ליב האָבן, ווי דו האָסט ליב דיין טאַטן... און ווען דו וועסט ווערן אַ זיידע, זאָלסטו דאָס פֿידעלע אוועקשענקען דיין אייניקל און אים אָנזאָגן ער זאָל עס ווידער אוועקשענקען זיין אייניקל... אַזוי האָט מיר גע־זאָגט מיין זיידעניו, און אַך האָב געזען, אַז טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן. און איך האָב אויך געוויינט...

מיט טרערן

איצט קומסטו, דו שלעכטער גזלן, און ווילסט מיר דאָס פֿידעלע אוועקנעמען?! אויף וואָס וועל איך שפּילן מיין כּלה? אויף וואָס וועל איך שפּילן מיינע קינדער, ווען

איך וועל זיין א טאטע?! וואָס וועל איך אוועקשענקען מיינע אייניקלעך, ווען איך וועל זיין א זיידע?

ער ווערט פּל צלינג שטארק ווי א העלד.

ניין, גזלן! איך וועל דיר דאָס פידעלע נישט געבן! און פאר מיין רחלען וועל איך דיר האלז און נאקן צעברעכן. איך וועל דיר ווייזן, אז איך האָב קיין מורא נישט! איך שרעק זיך שוין נישט פאר קיינעם און איך וועל מיין גאַנץ לעבן זיך מער פאר קיינעם נישט שרעקן.

כאפּט ארויס דאָס אייזן פון סענדערס גארטל און פארמעסט זיך.

סענדער

זייער געריירט

חיימל, האלט! שלאָג נישט, איך בין נישט קיין גזלן, איך בין דאָך סענדער, איך האָב דיך נאָר געוואָלט אויסלערנען נישט שרעקן זיך, אָט אזוי, חיימל, ביזסטו א כוואט...

חיימל

פארוואונדערט

ווער ביסטו, סענדער גאָר? נישט קיין גזלן?

סענדער

רייסט אראָפּ די באָרד

איך בין נישט קיין גזלן! זיסקינד האָט מיך געהייסן אזוי פארשטעלן.

זיסקינד

גייט ארויס פון זיין באהעלטעניש

יאָ, חיימל, איך האָב דיך געוואָלט אויספּראָבירן צי די וועסט זיך ווידער דערשרעקן. אָבער איך זע, אז דאָס פידעלע, אונזער ליבן זיידנס מתנה, און אונזער שוועסטער האָבן דיך געמאכט פאר א העלד, דו שרעקסט זיך נישט מער, אזוי האָב איך דיך ליב.

ער באמערקט רחלען, וועלכע האָט זיך פריער צו אלץ צוגעקוקט פון דער שפּארע, און איצט איז זי אריינגעקומען און שטיין געבליבן, ווישט זיך די אויגן

וואָס וויינסטו, רחלע?

ר ח ל ע

גיי, גיי, זיסקינד! דו ביסט א שלעכטער...

ז י ס ק י נ ד

פאַרוואָס?

ר ח ל ע:

ווייל דו האָסט אזוי איבערגעשראָקן חיימען...

ח י י מ ל

ניין, ניין, איך בין נישט בייז אויף דיר, ברידער! פאַרקערט, איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אויסגע־לערנט זיין א מענטש — און פילן זיך שטאַרק.

ער צוקושט זיך מיט אים

עס הערט זיך פון משהלעס בעטל זיין כראָפן.

ז י ס ק י נ ד:

זע נאָר! משהלע איז דערווייל אויף אן אמת איינגע־שלאָפן, און האָט גאָרנישט געזען, וואָס דאָ איז אלץ פאָרגעקומען.

ער וועקט אים.

משהלע! משהלע!

מ ש ה ל ע

כאַפּט זיך אויף

וואָס? וואָס?

ער באַמערקט סענדערן און פאַרגעסנדיק פון שלאָף וועגן דאָס איי, שרייט אויס דערשראָקן.

אוי! א גזלן! א גזלן!!

א ל ע

שיסן אויס מיט א געלעכטער, טאַנצנדיק ארום אים.

אָאָאָ! משהלע האָט זיך דערשראָקן! משהלע האָט זיך דערשראָקן!...

משהלע באַהאַלט זיך פאַרשעמט אונטער די קאָלדרעס.

פ אָ ר ה א נ ג

א קליין, גאָר אַ קליין שטיבעלע, דעם חאָלצהעקער'ס שטיבעלע,
וואָס שטייט אונטערן וואַלד.
אויף די שוועל זיצט דינה'לע, א קליין מיידעלע. נעבן איר שטייט דנ'עלע, איר קליין ברודערל, ביידע קוקן זיך טרויריק צום וואַלד.
די זון גייט אונטער.

ד ן

מען זעט נאָך אַלץ נישט דעם טאַטעניו...

ד י נ ה

מען זעט נאָך אַלץ נישט די מאַמעניו...

ד ן

און די זון גייט שוין אונטער...

ד י נ ה

באַלד וועט שוין קומען די נאכט...

ד ן

און זיי הערט מען נישט...

ד י נ ה

און זיי זעט מען נישט...
(פּויזע)
און מיך הונגערט אזוי!

ד ן

(פאַנאַבעריש)

אָווא, א גרויסע זאך הונגער! איך קען פאסטן א גאַ
צען טאָג מיט א גאנצע נאכט, מיט נאָך א טאָג —
אויף מיין וואָרט!

דינה

איך אויך... נור היינט קען איך נישט. מאָרגן וועל איך קענען.

דן

פאַרוואָס מאָרגן?

דינה

ווייל — היינט, אז די מאמעניו וועט קומען וועט אָפּקאָכן באָבעלעך מיט קליסקעלעך, וועל איך זיך אָנ... עסן גוט — גוט! וועל איך שוין קענען פאַסטן מאָרגן און איבערמאָרגן מיט נאָך א טאָג — אויף מיין הָ ט...

דן

ווערט פלוצלינג פריילעך, נעמט טאנצן א רעדל זינגענדיק.

באָבעלעך מיט קליסקעלעך
האָבן זיך גענומען,
תשעה באב די חתונה —
קיינער נישט געקומען!...

ער כאפט די שוועסטער פאר דער האנט.

דינה, קום טאנצן!

דינה

טרויעריק.

לאָז מיך, איך וויל נישט.

דן

פאַרוואָס ווילסטו נישט?

דינה

ווייל מיך הונגערט.

דן

טאנץ, וועסטו פון זיך ארויסשאָקלען דעם הונגער

ער שלעפט זי.

קום! קום!

דינה

רייסט זיך ארויס פון אים בייז.

לאָז מיך אָפּ! גיי אוועק! איך האָב דיך נישט ליב!

דן

לאָזט זי אָפּ.

מיך גאָר? וואָס בין איך שולדיק אין דיין הונגער? גלויב מיר, אז איך בין נאָך א סך הונגעריקער פון דיר.

דינה

ס׳א ליגן! איך בין אזוי הונגעריק, אז הונגעריקער קען שוין גאָר נישט זיין.

דן

בין איך נאָך אַ קליין ביסעלע הונגעריקער פון דיר.

דינה

אויב אזוי בין איך מיט דיר גאָר ברוגז...

זי ווייזט אים אַ פינגער אויף „ברוגז" און קערט זיך אָפּ פון אים.

דן

זינגט, טאַנצענדיק ארום איר.

ביסטו מיט מיר ברוגז,
ווייס איך נישט פארוואָס,
גייסטו א גאנצן טאָג
צראָפּגעלאָזט די נאָז...

דינה

צעוויינט זיך הויך

דן

לויפט צו, כאַפּט זי ארום און נעמט זי בעטן הערצלעך

נו, שא!... וויין נישט, דינהשי, וויין שוין נישט שוועס־טערל לעבן! אָט, וועלן באלד קומען דער טאטעניו מיט דער מאמעניו און זיי וועלן אונז ברענגען עסן...

דינה

וויינענדיק

פארוואָס קומען זיי שוין נישט? פארוואָס זענען זיי נאָך נישט? אוועקגעגאנגען אויף א גאנצן טאָג און די קינדערלעך איבערגעלאָזן הונגעריקע...

זי טופעט בייז מיטן פיסל

א שלעכטער טאטע! א שלעכטע מאמע! איך וויל נישט אזעלכע טאטע־מאמע!...

דן

שרייט אויס דערשראָקן

וואָס האָסטו געזאָגט?! אַי, דינהלע, דינהלע, וואָס דו האָסט געטון!

דינה

אויך שוין דערשראָקן

וואָס? וואָס האָב איך דען אזעלכעס געטון?

דן

דו האָסט, ווייזט אויס, גאָר אינגאַנצן פארגעסן וועגן דער אלטער מכשפה, וואָס וואוינט אונטערן וואַלד?

דינה

ציטערט אויף

אוי, אוי...

דן

דו האָסט פארגעסן, אז די בייזע מכשפה כאַפּט אַריין און איר פארכישופט הייזל די אלע קינדערלעך, וואָס באליידיקן טאטע מאמע?

דינה

אוי אוי!.. איך האָב גאָר פאַרגעסן!.. וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט איצט זיין?!

זי לייגט צונויףביידע הענט בעטנדיק

ברודערל ליבער! ברודערל טייערער! איך וועל שוין קיין מאָל מער נישט זאָגן אזעלכעס, נור באשיץ מיך פאַר דער מכשפה!

דן

גוט, שוועסטערל, איך וועל דיך באשיצן. אָבער — דו מוזט היינט אלץ טון, וואָס איך וועל דיר הייסן.

דינה

אלץ וועל איך טון! אלץ! נאָר באשיץ מיך פאַר דער מכשפה!

דן

זעצט זיך אויף א שטיין און באפעלט

קום אהער דינה!

זי גייט צו

זעץ זיך!

זי זעצט זיך

לייג דיין קעפעלע אויף מיין שויס...

זי טוט עס

און איצט שלאָף איין... נאָר געשווינד...

ער זינגט איר צו

שלאָף, שלאָף, שלאָף...*)
דער טאטע איז געפאָרן אין דאָרף;
ער וועט ברענגען א עפּעלע,
וועט זיין געזונט דאָס קעפּעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף...
די מאמע איז געפאָרן אין דאָרף;
זי וועט ברענגען א ניסעלע,
וועט זיין געזונד דאָס פיסעלע...

שלאָף, שלאָף, שלאָף...
דער טאטע איז געפאָרן אין דאָרף;
ער וועט ברענגען א ענטעלע
וועט זיין געזונט דאָס הענטעלע...

זי איז איינגעשלאָפן. זיין זינגען הערט וואָס א מאָל שטילער, ביז ער ווערט צום סוף אויך איינגעשלאָפן, אָנבויגנדיק זיין קאָפּ אויף איר קעפּל. אין דער צייט פון זינגען איז געוואָרן וואָס אמאָל טונקעלער — און ווען עס וועט אינגאנצן פינסטער פארשווינדט דאָס הייזל פון האָלצהעקער! ווען עס ווערט ליכטיק שטייט אויף דעם זעלבן אָרט דאָס הייזל פון דער מכשפה וואָס איז אינגאנצן געבויט פון קיכלעך און לעקעכלעך אָנשטאָט ציגל און ברעטער...

---

*) פאָלקס-ליד דער מאָטיוו איז אויך פאראַן, באארבעט ספּעציעל פון ליאָוו, ווארשע.

דינה

עפֿנט אויף די אויגן דערזעט דאָס הייזל, רופֿט זי ענטציקט

אוי! זע נאָר דן!

דן

א הויז פֿון קיכעלעך!

דינה

א גאַנץ הויז פֿון זיסע לעקעכלעך!

דן

פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זיי זענען זיסע?

דינה

וואָס דען זענען לעקעכלעך? ביטערע? אָט וועל איך דיר באַלד באַווייזן!

וויל לויפֿן צום הייזל

דן

כאַפּט זי אָן פֿאַרן קליידל

טו דאָס נישט!

דינה

פֿאַרוואָס?

דן

ווייל — ווייל מ׳טאָר נישט גנב׳ענען.

דינה

איך וועל נישט גנב׳ענען, חלילה! איך וועל נאָר נע־מען א צוויי קיכעלעך — איינס פֿאַר מיר און איינס פֿאַר דיר. אָדער כאָטש איינס פֿאַר אונז ביידע.

דן

וואָס הייסט ביי דיר „נעמען”? ס׳איז דען דיינס?

דינה

ניין. אָבער איך ווייס דאָך, אַז דאָס האָט אונז גאָט אַראָפּגעשיקט פֿון הימל, ווייל מיר זענען קליינע הונגעריקע קינדערלעך.

דן

אפשר יאָ און אפשר ניין... איך ווייס נאָר וואָס מען

האָט מיך געלערנט: נעם נישט וואָס ס'געהערט נישט
צו דיר...

דינה

אזוי זאָגסטו? וועל איך דיר ווייזן, אז איך וועל יאָ
נעמען און ס'וועט מיר גאָרנישט געשען...

זי לויפט צו און וויל ארויסרייסן פון דער וואַנט א קיכל, אָבער אין דעם מאָמענט עפנט זיך האַסטיק די טיר און ס'באַווייזט זיך א האַנט, וועלכע כאַפּט פעסט אָן דינה'ס הענטל זי גיט א געשריי:

אוי! מיין האַנט! ווער איז עס?!

די מכשפה

באַווייזט זיך אין טיר

דאָס בין איך! כי, כי, כי!

דן און דינה

צוזאַמען מיט שרעק

די מכשפה!

די מכשפה:

יאָ, הי, הי, הי! דאָס בין איך! די מכשפה...

דן

געשווינד לאָמיר אַנטלויפן!

דינה

לאָמיר לויפן!...

זיי הייבן אָן

די מכשפה

שוין צו שפעט!

זי לויפט ארויס און כאַפּט ביידע קינדער און מיט דעם שטריק, מיט וועלכן זי איז ארומגעגארטלט, בינדט זי געשווינד צונויף דן'ס רעכטע האַנד צו דינה'ס לינקע האַנט, דערביי רעדנדיק:

איך האָב אויף אייך שוין לאַנג געוואַרט, לאַנג געהאָפט.
אז קומען וועט איר צו מיינע קיכעלעך און לעקעכלעך,
כי, כי, כי... גוט, וואָס איר זענט געקומען פונקט היינט.
כ'בין היינט הונגעריק א שרעק! וועל איך אייך טאַקע
באַלד אָפּקאָכן און אויפעסן! כי, כי, כי!

זי עפנט אין דער וואַנט א טירל, אין וועלכן ס'באַווייזט זיך א פייער

אָט אויף דעם פּייפּער וועל איך אײַך אָפּבראָטן ביידן...
ווארט אביסל, איך וועל נאָך צולייגן אביסל האָלץ,
דאָס פייער זאָל זיין גרעסער, דאָס געבראָטנס זאָל זיין
בעסער...

זי נעמט צוזאמען האָלץ און שפּענער, וואָס ליגט אויף דער ערד
און ווארפט עס אריין אין פייער

דינה

(וויינט)

איך וויל נישט! איך וויל אהיים! איך וויל צו דער
מאַמעניו! איך וויל צום טאַטעניו!

די מכשפה

אזוי גאָר? צו דיינע טאַטע-מאמע ווילסטו? און מיר
האָט מען דערציילט, אז דאָ, אָט נישט לאנג, האָט
אַ קליין מיידעלע געשריגן: — „א שלעכטער טאַטע!
א שלעכטע מאמע!... איך וויל נישט אזעלכע טאַטע
מאמע!“... ווער האָט עס אזוי אויסגעשריגן? ווער?

דן

דאָס איז א ליגן! קיינער האָט אזעלכעס נישט געזאָגט!

די מכשפה:

און איך ווייס, אז עמיצער פון אייך ביידן האָט יאָ
געזאָגט פונקט די ווערטער, וואָרט ביי וואָרט...

דן

אויב עמיצער פון אונז ביידן, נו — האָט איך עס גע-
זאָגט — און טו מיט מיר וואָס דו ווילסט...

דינה:

ניין! נישט מיין ברודער, איך האָב עס געזאָגט...
אָבער איך וועל שוין נישט מער! קיין מאָל נישט מער!
איך שווער עס דיר צו...

די מכשפה

(לאכט:)

כי, כי, כי! שוין צו שפּעט! ביי אונז גייט נישט
אזוי: איינמאָל געזאָגט — איז שוין פארפאַלן!

דינה און דן
שוין פארפאלן?!..

די מכשפה
יאָ, פאַרפאַלן, כי, כי, כי!.. איר זענט מיר — קינדערלעך שוין פון לאנג געפעלן!... לאנג שוין האָב איך געזוכט אַן עצה ווי אזוי אייך צו באקומען! איצט האָב איך אייך געכאפט אין מיין מאכט און וועל אייך מער שוין נישט אָפּלאָזן! כי, כי, כי,! זעט דאָס פייער איז שוין פארטיק! אין א שעה צוויי ארום וועל איך פון אייך האָבן אַ סעודה גאָר אַ פּראַכט! אָ! אָ! אָ! אַזעלכע צוויי שיינע קינדערלעך מיט אמאָל — אָ, אָ, אָ!...

דינה
איך בעט דיך, — לאָז אונז אָפּ אַהיים! שטעל זיך נאָר פאָר וואָסער עגמת-נפש ס'וועלן האָבן דער טאטעניו מיט דער מאַמעניו, ווען זיי וועלן צוריק קומען פון שטאָט און אונז אין דער היים נישט טרעפן!... גוטע, טייערע מכשפה — לאָז אונז אָפּ...

די מכשפה
גענוג גערעדט פוסטע רייד! ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן; מארש אין פייער!

דן
הער, מכשפה! אז דו ביזט שוין אזא שלעכטע, טאָ פרעס זיך אָן מיט מיר אַליין און מיין שוועסטער לאָז אָפּ א היים...

דינה
ניין! שוין בעסער פארהאלט מיך און מיין ברודער לאָז אָפּ אַ היים. זע, איך בין דאָך פון אים א סך פעטער... אָ, זע...

דן
ניין! איך בין פעטער פון איר... דו וועסט זיך מיט

אירע ביינער בלויז דיינע ציין צעברעכן... ווארף
ארויס, זי טויג צו גארנישט...

דינה

ניין! ניין... מיך נעם

דן

מיך!

דינה

מיך!

די מכשפה

הי, הי... איך וועל אייך ביידע אויפעסן. איך בין אזוי הונגעריק, אז איך וואלט דאכט זיך געקענט איצט אלע קינדערלעך פון דער גאנצער וועלט... האו! האו!...

זי בינדט זיי אויף, ברומענדיק ווי א הונגריקער הונט

דן

טא... עס כאפט מיך פריער. איך וויל נישט זעען, ווי דו וועסט פרעסן מיין ליב קליין שוועסטערל.

דינה

ניין. פריער מיך!

דן

מיך פריער!

דינה

מיך!

די מכשפה

שטיל זאל זיין! נישט געקריגט זיך, איך האב דאס פייגט... קום אהער יונגעלע, ביסט עלטער, וועל איך דיך פריער אפבראטן. אט, דאס פייער איז שוין פארטיק. לייג זיך אויף דעם ברעט, וועל איך דיך אריינשיבן אין אויוון אריין.

זי לייגט אוועק איין עק פון ברעט אויפן אויוון, דעם צווייטן עק שפארט זי אָן אויף א בענקל און באפעלט

נו, געשווינד, לייג זיך אוועק, איך האָב נישט קיין צייט!

דן

גייט צו צום ברעט און לייגט זיך אוועק אין דער ברייט

די מכשפה

נישט אזוי. וועסט דאָך נישט ארײַן אויוון...

דן

ווי אזוי זשע דען? אפשר אזוי?

ער לייגט זיך ווידער אין דער קרום

די מכשפה

אזוי אויך נישט, נאריש יונגעלע!...

דן

איז אפשר גאָר אזוי?

ער לייגט זיך ווידער אנדערש אָבער אַלץ נישט ווי מען דארף

די מכשפה

אי וואָסער נאריש יונגעלע! אזא קלייניקייט נישט צו פארשטיין...

דן:

אז מען האָט מיך אזעלכע זאכן קיינמאָל נישט געלערנט... לערן דו אונז אויס, מכשפה, לייג זיך אליין אוועק, וועלן מיר זען, וועלן מיר שוין דערנאָך וויסן אקוראט...

ער שטעלט זיך אויף

די מכשפה:

אָט אזוי דארף מען זיך לייגן...

זי לייגט זיך אויפן ברעט

איינס און צוויי...

דן

ענדיקט

און דריי!

ער גיט א צייכן דינה'ן זיי כאפן פלינק דאָס ברעט, הייבן עס

אויף, אזוי, אז די מכשפה גליטשט זיך מיט אמאָל אריין אין אויוון. די ביידע שיסן אויס מיט א געלעכטער:

כא, כא, כא! אָט אזוי איז גוט!..

די מכשפה

שרייט־ארויס פון אויוון

ראטעוועט מיך, קינדערלעך ליבע!

דן

שטעלט זיך מיט די הענט פאַר באָקום

מאָרגן! פריער בראָט זיך גיט אָפּ, וועסטו וויסן וואָסער טעם דאָס האָט...

דינה

האָסט אונז געוואָלט פארברענען, ווער זשע אליין פארברענט!

דן און דינה

נעמען זיך ביידע אָן בײ די הענד און טאנצן פארן פייער זינגנדיק

ווער עס גראָבט א גרוב פאר יענעם דער פאלט אליין אריין...

דינה

און איצטער צו די קיכעלעך! איצט מעג מען דאָך שוין, הא?

דן

יאָ, איצט זענען שוין אלע קיכעלעך און לעקעכלעך אונזערע!

ער נעמט פון דער וואנט א קיכל, זעצט זיך אוועק אויף דער באַנק און עסט.

דינה

נעמט אויך, זעצט זיך אוועק נעבן אים. ביידע עסן געשמאק:

אלע קיכעלעך אונזערע! אָך, ווען מיר דאָך האָבן גענוג צו עסן אויף א גאנצע וואָך!

דן

איך מיין, אז ס'וועט קלעקן אויף א גאנצן חודש!

דינה

זאָג איך אז ס'וועט זיין גענוג אויף א גאנץ יאָר פאר

אונז ביידן און אפילו פארן טאטעניו און די מאמעניו אויך!

דן

יאָ דינה׳לה! נעם, קלויב אָן פאר די מאמעניו און פארן טאטעניו וויפיל ס׳קען נאָר אריין אין דיין פארטוך!

דינה

שפרינגט אינטער פון פרייד און הייבט טאקע באלד אָן רייסן פון דער וואנט די קיכלעך צו זיך אין פארטוך אריין:

אָבער דו שטיי אויך נישט ברודער! כאפ אויך וויפיל עס קען נאָר אריין אין דיינע קעשענעס און אין דיינע פאָלעס...

דן

יאָ, יאָ! ביזט גערעכט שוועסטערל!...

ער נעמט רייסן די לעקעכלעך צו זיך אין די קעשענעס און אין די פאָלעס אריין...

דינה

אַי וועלן זיך דער טאטעניו און די מאמעניו דערפרייען!

דן

זיי מוזן אודאי זיין גוט הונגעריק...

דינה

זיפצט אָפּ:

אָרעמער טאטעניו!...

זי זעצט זיך צוריק אויף דער באנק

דן

אָרעמע מאמעניו!...

ער זעצט זיך נעבן איר

דינה

איך האָב זיי אזוי ליב! דאָס זענען דאָך די בעסטע טאטע-מאמע פון אלע טאטע-מאמעס אויף דער גאַנצער וועלט! איך מיין, אז ס׳זענען גאָרנישט פאראן קיין בעסערע!...

דן

פארוואָס זעט מען זיי נאָך אלץ נישט? שוין גאָר שפעט... איך בין שוין אזוי מיד ווארטענדיק...

דינה

שלעפעריק

איך בין אויך אזוי מיד, אז ס'האָט מיך שוין אויפגע-
הערט צו הונגערן און אָנגעהויבן שלעפערן...

דן

אויך שלעפעריק

מיך שלעפערט נאָך מער פון דיר...

דינה

ניין מיך שלעפערט מער פון דיר...

דן

אָט שלאָף איך שוין...

דינה

ע... איך שלאָף שוין פון לאנג... פון גאָר לאנג...

דן

זינגט שלעפעריק

שלאָף, שלאָף, שלאָף...
דער טאטע איז געפאָרן אין דאָרף;
ער וועט ברענגען א עפּעלע,
וועט זיין געזונט דאָס קעפּעלע.—

שלאָף, שלאָף, שלאָף...
די מאמע איז געפאָרן אין דאָרף;
זי וועט ברענגען א ניסעלע,
וועט זיין געזונט דאָס פיסעלע...

שלאָף, שלאָף, שלאָף...

ביידע שלאָפן איין. דערווייל איז געוואָרן ווידער פינסטער ווי פריער. דאָס קיכעל-הייזל פאַרשווינדט אין דער פינסטערניש און אויף דעם זעלבן אָרט שטייט שוין צוריק דאָס הייזל פון האָלצהעקער.

דער האָלצהעקער מיט זיין ווייב,

ד. ה. די קינדערס טאַטע-מאַמע קומען אָן פון וואַלד. ער טראָגט

א פּלן זאק אויף די פּלייצעס און זי — א קוישל אויף די הענט. ביידע זענען זיי זייער מיד. קוים וואָס זיי האָבן זיך דערשלעפּט א היים.

ד ע ר   ט א ט ע

אָט זענען מיר שוין אין דער היים! דאָ זיך דער־שלעפּט...

ער וואַרפט אראָפּ דעם זאק פון די פּלייצעס.

ד י   מ א מ ע

אָך! מער וואָלט איך שוין אפילו איין טריט נישט גע־קאָנט מאכן אזא לאנגן וועג!... נאָר די ליבע צו אונזערע קינדערלעך, וואָס ווארטן אזעלכע הונגעריקע האָט מיר צו־געגעבן כח אויסצוהאלטן... ווען נישט וואָלט איך אודאי אויפ'ן וועג געפאלן א טויטע פון מידיקייט.

ד ע ר   ט א ט ע

נו, שטיי זשע נישט, קום צו די קינדערלעך!

ער נעמט שלעפּן דעם זאק אין שטוב אריין:

ד י   מ אַ מ ע

אַי, וועלן זיי זיך דאָס אביסל דערפרייען, ווען זיי וועלן דערזעען, וואָס מיר האָבן פאר זיי געבראכט...

זי וויל אריינגיין אין שטוב און באמערקט די שלאָפנדיקע קינדער.

זי שרייט אויס:

זע! די קינדער דאָ!

ד ע ר   ט א ט ע

ששש! וועק זיי נישט. זאָלן זיי שוין בעסער שלאָפן...

ד י   מ א מ ע

ניין, זאָלן זיי בעסער עפּעס איבערבייסן. זיי וועלן נישט פערשפּעטיקן דערנאָך אויסצושלאָפן...

זי וועקט דאָס מיידל:

דינהלע!

ד ע ר   ט א ט א

וועקט דאָס יונגעלע

ב י י ד ע   צ ו ז א מ ע ן

שטייט אויף קינדערלעך! זעט, וואָס מיר האָבן אייך געבראכט!

דינה און דן

כאפן זיך אויף

מאַמעניו! טאטעניו; זעט וואָס מיר האָבן פאר אייך...

זיי כאַפּן זיך צו די קיכלעך און באמערקן, אז זיי האָבן גאָר־ניסט, — ווערן זיי דערשראָקן.

אוי! מען האָט אונז באַ׳גנבעט!

די עלטערן

ווער? וואָס?

דינה

איך האָב דאָך געהאט אפיל פארטוך מיט קיכעלעך פאר דיר, מאמעניו!

דן

טרויריק

און איך האָב געהאט פולע קעשענעס מיט לעקעכלעך פאר דיר, טאטעניו!

די עלטערן

פון וואנען האָט איר דאָס געהאט, קינדערלעך?

דינה

פון דער אלטער מכשפה׳ס קיכל־הויז...

דן

איך האָב דאָך פארברענט די אלטע מכשפה, וואָס וואוינט אונטערן וואלד!...

דער טאטע

וואָסער מכשפה? וואָס רעדסטו?

דינה

יאָ, יאָ! די אלטע, שלעכטע מכשפה איז שוין מער נישטאָ!

דער טאטע

אָבער וואָסער מכשפה? איך ווייס נישט וואָס איר רעדט...

דן

אָט די מכשפה, וואָס די מאמעניו האָט אונז וועגן איר אזוי פיל דערציילט, בשעת זי פלעגט אונז איינשלעפן...

די מאמע:

אַהא, איך ווייס שוין...

שטיל צום האַלץ-העקער

די קינדער האָט זיך עפּעס געחלומ'ט. זאָל עס שוין אזוי בלייבן... זאָלן זיי ווייטער מיינען, אז דער חלום איז געווען אַנ'אמת...

דן און דינה:

זוכן ארום-זיך טרויריק

וואו זענען אהינגעקומען די אלע קיכעלעך און לעקעכלעך?! זיי זענען דאָך געווען אזוי זיס, אזוי געשמאַק... וואו זענען זיי אהינגעקומען?!

די מאמע:

נעמט ארויס פון איר קוישל פיל קיכלעך.

אָט זענען זיי דאָך דאָ!

דן און דינה:

מיט די גרעסטע פרייד.

אָט זענען זיי דאָך דאָ!

דן און דינה:

און מיר האָבן שוין געמיינט, אז עמיצער האָט זיי ביי אונז אוועקגע'גנב'ט...

דער טאטע:

ניין, קינדערלעך. קיינער האָט אייך נישט בע'גנב'ט. דאָס האָבן מיר ביי אייך אויף אַ שפּאס צוגענומען ווען איר זענט זיך דאָ אַזוי איינגעשלאָפן... הע, הע, הע... נישט מער, נאָר אויף אַ שפּאס...

דן:

לאַכט מיט.

הע, הע, הע; ביזט, טאטעניו אַ שטיפער, נאָר נישט ערגער פון מיר...

די מאמע:

כאַפּט אים אויף די האַנט.

מיר זאָל זיין פאַר דיין קעפּעלע, מיין ליב קינד! זי קושט אים.

לאנג לעבן װאָלסטו מיר...

ד י נ ה:

פע, דן! אזוי רעדט מען נישט צו א טאטן!..
נישט שען...

ד ע ר ט א ט ע:

געזונט טאָכטערל! קום, װעל איך דיר דערפאר א קוש
טאָן אין קעפעלע.

ער קושט זי.

לאנג לעבן זאָלט איר אונז ביידע...

פאָרהאנג פאלט.